STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09103

FAR FREMDE ZIND

Mendl Elkin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל עלקין

פֿאַר פֿרעמדע זינד

ראָמאַן

ווילנע — פֿאַרלאַג „ניגון“ — ניו־יאָרק

איך דריק אוים א הארציקן דאנק מיין ליבן פריינט, מרדכי נאטאנזאן, פאר העלפן מיר ארויסגעבן דעם בוך, און חבר מארק זעלטשען פאר אכטונג געבן אויף דער אויסגאבע.

געדרוקט אין וויניפעג, קאנאדע, 1944
דרוקעריי פון ״דאס אידישע ווארט״.
Printed in Canada
25

דעם אנדענק פון מיין חבר
דר. א. לעווין, וואס האט מיר
ארויסגעהאלפן מיט מאטע־
ריאלן פאר דעם בוך.

א

דער שפאנישער קעניג, פיליפ דער דריטער, איז געווען זייער קראנק. זיינע טעג אויף דער ערד זיינען געווען געציילטע.

די גלידער זיינע זיינען געווען געשוואלן פון פאדאגרע. די הענט און פיס צעדרייט און אומבאוועגלעך, און די דיקע האפסבורג־ליפן זיינע, זיינען געווען בלאס און אפגענומען.

וואכן־לאנג איז ער געלעגן אין גרויס היץ, אן באוווסטזיין, און האט געליטן גרויסע ווייטיקן. דאקטוירים פון גאנצן לאנד זיינען געווען פאר־זאמלט אין קעניגלעכן פאלאץ און די גרעסטע פארשטייער פון דער הייליקער קירך זיינען אן איבעררייס געזעסן לעבן זיין קעניגלעכן קראנקן־בעט.

זיין צושטאנד האט זיך געערגערט פון שעה צו שעה ביז עס איז פארשוואונדן יעדער האפענונג, אז ער זאל געזונט ווערן, און סוף חודש יוני איז ער געשטארבן אין פרידן . . .

— —

זיין טויט, ווי דער טויט פון יעדער אנדער מאנארך, האט ארויסגע־רופן א סך האפנונגען און שרעק. אבער ווי עס פאסירט תמיד אין אזעלכע פאלן זיינען ביידע זאכן — די האפנונג און די שרעק — געווען גרונטלאז. דער טויט פון א קעניג ברענגט מיט זיך בלויז גרעסערע און אימפאזאנטערע לוויות, נים מער . . .

און אין גאנץ שפאניע זיינען טאקע פארגעקומען אימפאזאנטע פייערונגען.

אין די פופציק קלויסטערס פון דער שטאט סאראגאסא, האבן די גלעקער געקלונגען טאג און נאכט, אזוי ווי די אלטע, יחוסדיק־אריסטאקרא־טישע שטאט וואלט געווען ארומגעכאפט פון א מגפה.

פיר הונדערט גלחים, אלע קירך־מיטגלידער און קירך־זינגער, מיט צלמים אין די הענט, האבן אפגעריכט א תפילה פאר דער רו פון דעם פאר־שטארבענעם קעניגס נשמה.

דאָס גאַנצע לאַנד איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן טרויער . . .

עס איז אָבער באַלד קלאָר געוואָרן, אַז דער הייליקער קאַטוילישער קירך וועט פיליפּס טויט חלילה ניט שאַדן; דאָס גלויבן און פרומקייט פון לאַנד וועלן ניט ליידן, און אַז דער נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלער מינהג פון אַסטן־קאַמף וועט ניט געענדערט ווערן . . .

ב

די נייעס וועגן דעם קעניג פיליפּס טויט האָט דערגרייכט צו דאָז־כעזוס מאָנטאַלבאַן, ווען ער איז געווען אין נעאַפּאָל צוליב זיינע געשעפטלעכע אָנגעלעגנהייטן. זיין האַרץ האָט זיך פון דער ידיעה אָנגעפילט מיט פרייד: איצט וועט ער קאָנען כאָטש אויף אַ ווײַלע זיך רויִק אומקערן אַהיים, ניט מורא האָבנדיק פאַר די פאַרפאָלגונגען פון פיליפּס באַאַמטע.

פון אויפרעגונג האָט ער זיך דערשפּירט מונטער און יונג, ניט קוקנדיק אויף זיינע צוויי־און־פופציק יאָר. עס האָט אויסגעזען ווי די אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן פון דעם פאַרשטאָרבענעם מאָנאַרך, וואָלטן אַראָפּגעפאַלן פון זיינע אייגענע פּלייצעס . . .

זיינע געשעפטן זיינען נאָך ניט געווען פאַרענדיקט (ער פלעגט צושטעלן קאַפע דעם דיוק פון אָנזשו), אָבער ער האָט זיך לענגער ניט געקאָנט מיט דעם פאַרנעמען. ער איז געווען ווי אין אַ פיבער; ער האָט געשפּירט, אַז אַט־אַט פּלאַצט אים דאָס האַרץ; ער האָט זיך געאיילט, — געוואָלט גלייך אַהיים פאָרן קיין שפּאַניע, פאַרברענגען דאָרט הינטער זיך אַלע בריקן און צוריקקערן זיך צו דער ליבער, ליבעראַלער און פרייער איטאַליע. ווו אַ ייִד קאָן בלייבן ייִד און אָנהאַלטן זיין מענטשלעכע ווערדע און שטאָלץ; אויב די לאַגע איז ניט אַזוי אין גאַנץ איטאַליע, איז עס אָבער זיכער אַזוי אין אייניקע פּראָ־ווינצן לפּחות.

ער האָט ניט לאַנג געקלערט, — ער האָט זיך געזעצט אויף אַ שיף און זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

די מילדע פייערן פון נעאַפּאָלער האַפן האָבן אַריינגעבראַכט באַרויִקונג אין זיין אויפגערעגטן געמיט.

זיין לעבן הויבט זיך אָן אויפסניי . . . באַלד וועט ער דערזען די פייערן פון זיין היימלאַנד, דאָס לאַנד, ווו זיינע אור־עלטערן האָבן געלעבט; דאָס לאַנד, וואָס ער וועט באַלד פאַרלאָזן אויף אייביק.

איצט, אַ פאַרהילטער אין שאָטנס פון דער אָנקומענדיקער נאַכט,

ארומגערינגלט מיט ווייטע פארדעמפטע קלאנגען פון קארטאגענא, האט ער געטראכט וועגן די אומפארגעסלעכע איטאליענישע מנהגים, און א פארלאנג צו אומקערן זיך תיכף צוריק האט זיך אין אים צעפלאקערט מיט אזא קראפט, ווי דאס געפיל פון דער ערשטער ליבע.

ער פלעגט כמעט קיינמאל ניט אוועק פון דער היים. ער פלעגט פאר־לאזן סעוויליע בלויז אויף א קורצער צייט צוליב געשעפטלעכע רייזעס קיין טאלעדא, אדער וואלאדאלי, וועו דער קעניגלעכער הויף האט זיך דארט געפונען. זייענדיק א "נייער קריסט", דאס הייסט, א געשמדטער, און מורא האבנדיק פאר די וואכזאמע קאמיסארן פון דער הייליקער ברודערשאפט, האט ער פארגעצויגן צו בלייבן שטענדיק מיט זיין פאמיליע, הגם זיין צדקה געבן מיט א ברייטער האנט פאר עניים פון דער הייליקער קאטוילישער אמונה איז געווען זייער גוט באוואוסט צו די דאמיניקאנער, און ער איז דעריבער געווען אויסער יעדער חשד.

די גאנצע יארן זיינע האט ער געפירט א צווייענדיק לעבן. זיינע חלומות אין די נעכט זיינען געווען אומרואיקע . . .

ווען מען האט ארויסגעטריבן די יידן פון שפאניע, איז ער נאך דאן ניט געבוירן געווארן, אבער ער געדענקט די גירוש טראגעדיע דורך זיין זיידנס ציטערנדיקע הענט; דורך דער שטענדיקער בלאסקייט פון זיין מוטערס פנים; דורך א געוויין, וואס האט זיך אין דער נאכט ארויסגעריסן אין שלאף פון זיין פאטערס הארץ . . .

דעם באדייט פון די אלע זאכן: — פון דעם זיידנס ציטערדיקער האנט, פון דער מוטערס בלאסן פנים און פון דעם געוויין פון שלאף — האט ער געהאפט איבערצוגעבן זיין באליבטסטער טאכטער, דאלארעז, און שפעטער — זי צו אירע קינדער . . .

זיין האפנונג אבער צו פארווירקלעכן דאס איז געווען צווייפלהאפט, ווייל פריער אדער שפעטער וועט זי זיין געצוואונגען צו חתונה האבן מיט א קריסט פון אלטן יחוס און אזוי ארום זיך אויסמישן מיט קריסטן אויף אייביק.

אין איטאליע האט א שטראל פון האפנונג צום ערשטן מאל פארזאגט זיינע זארגן: אין אנקאנא האט ער געטראפן זיינעם א וויטן קרוב, וועמעס זיידע האט פארלאזן די שטאט כאען, אין יאר 1492. זיי האבן ביידע באזוכט די סינאגאגע און כמעט אלע באלעבאטים פון דער דאזיקער יידישער קאנ־גרעגאציע זיינען זיי אנטקעגן געקומען, באגעגנט מיט א ברייטן "שלום־

עליכם" און האבן אויסגעדריקט צופרידנקייט מיט זייער מוט און וואגן צו קומען אהער.

אין זייערע אויגן האט דאן־כעזוס אויסגעזען ווי א מיראזש פון אן אנדער וועלט, ווי א שאטן, וואס איז געקומען צום לעבן. זיי האבן קוים גלויבן געקאנט, אז דאס איז א מענטש פון פליש און בלוט, א ייִד, און דאך געדינט קריסטוסן, ווען פרעמדע מענטשן זיינען געווען דערביי. א משומד, אן אייניקל פון א משומד, וואס טוט תפילה צום ייִדישן גאט יעהאווא באהאלטענערהייד, טראגט זיך ארום מיטן הייליקן דערנערטראגנ און בעט צו דער מאדאנע, כדי אזוי ארום אויסצומידן דעם קלענסטן חשד מצד די קריסטן.

גאנץ אנדערש איז געווען די לאגע פון די ייִדן אין אנקאנא: זיי זיינען אומגעגאנגען מיט געהויבענע קעפ, גערעדט גאנץ הויך און האבן זיך ניט געשעווירן מיט דעם נאמען פון דער מאדאנע. זיי האבן געבארגט געלט צו דעם פויפסט אליין, און ער האט געוווסט, אז עס איז וויכטיק צו באשיצן די ייִדן, ווייל זיי זיינען מעכטיק אין דעם האנדלס־פלאט און, אז זיי האלטן אין זייערע הענט דעם גלייכגעוויכט פון אינטערנאציאנאלן מסחר.

שבת אינדערפרי האט אים זיין קרוב געבראכט אין שול אריין. פאר קריאת־התורה האט דער חזן, צוליב דעם שפאנישן גאסט, געמאכט אל מלא רחמים די ייִדישע מארטירער, די קרבנות פון דער אינקוויזיציע און די שול איז פארהילכט געווארן פון דעם געוויין, וואס האט אויסגעבראכן ספאנטאן, א געוויין, וואס האט זיך לאנגע יארן געריסן פון אלע ייִדישע הערצער . . .

— גאט, שיק די מאראנען! גאט, שיק די מאראנען! פיר זיי ארויס פון קנעכטשאפט — צו פרייהייט! פון פינצטערניש צו ליכט פון גלויבן ! . .

דאן־כעזוס האט נאכגעזאגט די אויפרעגנדיקע ווערטער ווארט נאך ווארט און האט זיך געקלאפט אין הארצן על חטא.

די ייִדן פון איטאליע האבן אויפגענומען דאן־כעזוסן מיט מחילה, גאסטפריינדלעך און מיט ליבשאפט.

פאר זיי איז ער געווען א ייִד, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואס ער קומט פון א משפחה וואס איז שוין ביי א הונדערט יאר א געשמדטע.

דאן־כעזוס האט באשטימט: ווען ער וועט קומען קיין סעוויליע, וועט ער פארקויפן זיין הויז און וועט זיך מיט זיין פרוי און טאכטער, דאלארעז, איבערציען קיין אנקאנע, אדער קיין רוים.

ג

עס איז שוין געווען פארנאכט, אבער די זון איז נאך ניט פארגאנגען. דער וועג איז געווען פארגאסן מיט גאלד און די אנדאלוזיער בערג האבן זיך געשפילט אין רויט.

די גראציעזע אגאווען־ביימער האבן געהויבן זייערע שפיצן אין דער הויך, ווי די זשיראפן הויבן זייערע לאנגע העלדזער, ווען זיי ווילן דערלאנגען ערגעץ ווּ אין דער הויך א יונג, דין, גרין צווייגעלע.

באלד וועט עס אנהויבן צו דעמערן.

צוויי מאנאכן זיינען פארביי־געגאנגען און האבן אין נאמען פון יעזוס געבעטן נדבות.

דאן כעזוס האט א צי געטאן די צוים פון פערד, כדי אפצושטעלן זיך. די מאנאכן האבן געמאכט עטלעכע טריט אויף צוריק. האבן זיך אויסגעגליכט מיט דאן־כעזוסן און ער האט זיי צוגעווארפן עטלעכע זילבערנע מטבעות.

אז די מאנאכן האבן אנגעהויבן בענטשן דאן־כעזוסן פאר זיין נדבה, האט ער זיי איבערגעריסן מיט א פסוק פון תהילים: — מיין הארץ איז היינט אנגעפילט מיט פרייד.

די מאנאכן האבן אים דערויף געענטפערט: — געבענטשט זאל זיין די האנט, וואס גיט!

דאן־כעזוס האט א ריר געטאן די צוים און דאס פערד האט זיך געלאזט גיין.

— מיין הארץ איז פול מיט פרייד! — האט ער איבערגעזאגט דעם פסוק פאר זיך אליין. — עס דערנעענטערן זיך די טעג פון משיחס קומען. אינגיכן וועט א פלאג ארומכאפן דאס לאנד, וואס איך האב אזוי ליב. א פלאג וואס וועט רוינירן דאס לאנד, ווי עס האבן דאס רוינירט די צעדרייטע און פאראגרישע הענט און פיס פון דעם געקרוינטן מאנסטער־קעניג פיליפ.

די שעה פון פאלק ישראל וועט באלד שלאגן . . .

אומעטום האבן זיך באוויזן פארשיידענע סימנים און אנזאגן. עס זיינען אויך געשען נסים. אויף איטאליעס ערד זיינען נאך אלץ געווען פריש די פוסטריט פון דוד ראובני, דעם יידישן העלד און פריינד פון די פויפסטן. דאס איז געווען א מאן, וואס איז געבענטשט געווען מיט כח פון נביאות.

האט ער דען ניט פארויסגעזאגט, אז א מבול וועט אויסברעכן איבער רוים?

האט ער דען ניט על פּי נס געווּנען דאס הארץ פון א מאראן ביים פּארטוגעזישן הויף? א יונגער מאראן, וואס האט געביטן זיין נאמען פון דיעגא פּירעס אויף שלמה מולכו, האט זיך געיִידישט און איז נאכגעגאנגען זיין לערער פון לאנד צו לאנד ביז מען האט אים פארברענט אין מאנטוא.

ווי אלע אנדערע נביאים, איז דוד ראובני בלינד געווען צו די געפארן. וואס האבן געלויערט איבער אים און ער איז אומגעקומען אין תפיסה.

אבער אנדערע וועלן אויפשטיין און וועלן אוועקפירן דאס ליידנדיקע פאלק ישראל צו די ווענט פון ירושלים.

דער וועג האט זיך געשפרייט צווישן א גרופּע פארפלאנטערטע בערג.

די קוסטעס פון ביידע זייטן וועג זיינען געווען פארגאסן מיט ליכט פון דער פארגייענדיקער זון.

דאן־כעזוסן האט זיך געדוכט, אז ער זעט פונוויטן א קרעטשמע, ביים וועג.

שטיל און רויִק איז געווען די לופט ארום. א געמיש פון וויאלעט און גרוי האט אנגעזאגט דאס אנקומען פון דעמערונג.

פּלוצלונג האט ער דערהערט א שטארקן געשריי. ער האט אפּגעשטעלט דאס פערד, זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו דעם געשריי און אינסטינקטיוו האט ער גענומען אין האנט זיין פּיסטאלעט. אין א רגע ארום האט זיך דער געשריי איבערגעחזרט, אבער פארשטיקט און פארצווייפלט.

ער האט מיט די שפּארן אנגערירט דאס פערד און האט זיך געלאזט אין דער ריכטונג ווו דער וועג צעטיילט זיך, — דארט איז געווען א גרופּע קוסטעס; פון צווישן זיי, האט זיך אים געדוכט, האבן זיך געטראגן די קולות.

די געשרייען האבן ניט אויפגעהערט. ער האט זיך אויף א ווײַלע אפּגעשטעלט אונטער א גרויסן דעמבענעם בוים און האט זיך שטארק צוגע־קוקט אין דער ריכטונג פון די קוסטעס. ווי א געניטער רייזנדער, האט ער קודם־כל געוואלט גוט וויסן וואס דא קומט פאר, כדי אויסצומיידן א מעג־לעכע געפאר. און אט וואס ער האט הינטער די קוסטעס דערזען: דריי ציגײנער זיינען באפאלן א יונגן מאן. א יונג ציגײנעריש מיידל האט צוגע־האלטן דעם יונגן מאנס פערד. א ריזיקער ציגײנער, מיט א גרויסער, שוואר־צער באָרד, האט אײַלנדיק אראפּגענומען די קליידער פון דעם באפאלענעם

און די איבעריקע האבן איבערגעטרייסלט די זעקלעך, וואס זיינען געווען צוגעבונדן צום זאטל.

ניט פארלירנדיק קיין רגע, האט זיך דאן־כעזוס א לאז געטאן אויף דער ציגיינעריןן, וואס האט געהאלטן דאס פערד און זי אומגעווארפן. ער האט ארויסגענומען זיין פיסטאלעט און האט באפוילן די ציגיינער, זיי זאלן תיכף אפלאזן דעם באפאלענעם יונגן מאן.

אונטערן דרוק פון אנגעשטעלטן פיסטאלעט האבן די ציגיינער גע־פאלגט, וואס מען האט זיי געהייסן, אבער זיי האבן דאס געטאן זייער ניט גערן, ווייל די קליידער, וואס זיי האבן געהאט אראפגענומען פון דעם יונגן מאן, זיינען ווירקלעך געווען כמעט גאר נייע . . .

איינער פון די ציגיינער האט געמאכט א פאר טריט הינטער דאן־כעזוסעס פלייצע און האט אים געוואלט אנכאפן פאר די שטיוול, אבער ער האט געקראגן אזא שמיץ מיטן בייטש, אז וואיענדיק ווי א הונט פון אומ־באהאלפענעם צארן, איז ער צוגעפאלן צו דאן־כעזוסעס קני.

— נו, איצט טראגט זיך אפ פון דאנען, קינם גזע! — האט דאן־כעזוס באפוילן, אויפגערעגט קנאקנדיק מיטן בייטש איבער די ציגיינער.

דער יונגערמאן, וואס האט זיך על פי נס ארויסגעראטעוועט פון אזא צרה, האט אפגעשטויסן אן א זייט דאס ציגיינער מיידל, איז ארויפ־געשפרונגען אויף זיין פערד און האט באגריסט דאן־כעזוסן אזוי עלעגאנט, ווי דאס איז נאר מעגלעך געווען ביי די געגעבענע אומשטענדן.

— א פיין מיידל, — האט דאן־כעזוס א זאג געטאן, צופינטלענדיק מיט די אויגן.

— איך גלויב אזוי, — האט דער יונגערמאן צוגעגעבן, אנטוענדיק די איבעריקע קליידער זיינע.

— אט אזוי גייען זיי אן מיט זייער ארבעט, די באנדיטן. — האט דאן־כעזוס געזאגט, — זיי באנוצן שטענדיק א מיידל, אלס א פארלאקונג־מיטל.

— יא, אזוי גייט עס שוין, — האט דער יונגערמאן געענטפערט און א זיפץ געטאן דערביי, — אבער איר האט מיר געראטעוועט דאס לעבן.

— פארגעסט וועגן דעם!

— ביי מיין ערן־ווארט — איך וועל עס קיינמאל ניט פארגעסן.

זיי האָבן אַ צי געטאָן זייערע פערד ביי די צײמלעך און זײנען אַװעק צו דער קרעטשמע מיט לאַנגזאַמע טריט.

— פאַרקערט, — האָט דאָן־כעזוס שטיל געזאָגט, — דו ביסט דאָך אַ נאַבלמאַן, מוזסטו עס פאַרגעסן; אויב ניט װעל איך זיך כסדר פילן אין פאַרלעגנהייט און אומבאַקװעם פון דײַן האַלטונג און באַציִונג צו מיר.

— אַזעלכע זאַכן פאַרגעסן זיך אָבער ניט גיך, — האָט דער יונגער־מאַן געענטפערט, — װאָס קאָן נאָך זײַן שװידערלעכער װי אומקומען פון די הענט פון באַנדיטן און גראָד אין דער צײַט װען איך דאַרף זיך טרעפן מיט מײַנע ליבע עלטערן און מיט דער, װאָס דאַרף אײַנגיכן װערן מײַן פרוי. איין גאָט װייס פאַרװאָס אונדזער לאַנד איז אַזוי געבענטשט מיט ציגיינער! אין איטאַליע האָב איך קיין איין ציגיינער ניט געטראָפן.

און זיי האָבן פאַרפירט אַ שמועס װעגן איטאַליע, װעגן די רחבות־דיקע קרעטשמעס זייערע, װעגן זייערע פײַנע מאכלים און װעגן דער דאָר־טיקער קולטורעלקייט בכלל. זיי האָבן בײדע גלייך מסכים געװען, אַז שפּאַניע איז אָפּגעשטאַנען און איז װײַט הינטערשטעליק, און אַז עס װעט נאָך נעמען אַ לאַנגע צײַט ביז זי װעט האָבן אַזעלכע רײנע און פײַנע קרעטשמעס און גאַסט־הײַזער װי איטאַליע פאַרמאָגט.

און װאָס איז שייך פרויען, — זײַנען איטאַליענישע מיידלעך אַזוי שיין װי שפּאַנישע. אַ, װי זיס די נעאַפּאָליטאַנער מיידלעך זינגען ! װי לעַ־בעדיק און לוסטיק זיי זײַנען און װי פּראַכטפול זיי טאַנצן! און עס שמעקט ניט פון זיי אַזוי שלעכט װי פון אייניקע שפּאַנישע מיידלעך. דאָס איז דערפאַר, װײַל די טײַכן אין איטאַליע זײַענען טיפער אַ סך און מען קאָן זיך אין זיי באָדן . . .

— עס האָט מיר טאַקע זייער באַנג געטאָן, װען איך האָב באַדאַרפט פאַרלאָזן איטאַליע, — האָט דער יונגערמאַן אַ זאָג געטאָן, דרייענדיק די װאָנצעס, — עס איז מיר דאָרטן אַזוי גוט געװען!

— אָבער די ציגיינערקע איז אויך געװען ניט שלעכט? ניט אמת?
— האָט דאָן־כעזוס אַ פרעג געטאָן מיט אַ פּאַטערישן שמייכל . . .

ד

עס איז אַװעק אַ שמועס װעגן פרויען.

דער יונגערמאַן האָט פאַרגעסן די גרויסע סכנה, פון װעלכער ער איז נאָר־װאָס װי דורך אַ נס ניצול געװאָרן און האָט זיך אַזש פאַרכליניעט

לויבנדיק דעם רייץ און חן פון דער יונגער ציגיינערין. ער האט זיך שוין געטראפן מיט ציגיינער מיידלעך אין אונגארן און אין קארדאבא, אבער אזא האט ער נאך ניט געטראפן, — די איז באמת געווען א שיינהייט.

— א, די יוגנט — זי איז מוטיק און דרייסט, — האט דאן־כעזוס באמערקט, אנקוקנדיק דעם יונגנמאן נייגעריק. — פארשטייטסו דען ניט, אז זי איז געווען בלויז א פארלאקונג? דו דארפסט זיין מער פארזיכטיק.

— ביסט גערעכט, — האט דער יונגערמאן מסכים געווען, — אבער ווי שיין זי איז, דער רוח זאל זי נעמען! איך האב גאנץ געמיטלעך געריטן אויף דעם וועג און האב זי פלוצלונג באמערקט — כמעט א נאקעטע.

— א נאקעטע?

— יא, כמעט א נאקעטע. איין גאט ווייס וואס זי האט אזוינס געטאן. זי האט געזאגט, אז זי איז אריינגעפאלן אין טייך און איצט טריקנט זי אירע קליידער. איך בין גלייך אראפגעשפרונגען פון מיין פערד און . . . זי איז ווירקלעך געווען אזוי שיין און האט געשמייכלט אזוי רייצנד און שעלמיש, יונג און פול מיט ווילדע ליידנשאפטן, — איז דאס דען ניט פראכטפול? איך האב ניט געוואוסט ווי אזוי ארויסצוהעלפן איר מיט אירע קליידער, האב איך זי איינגעוויקלט אין מיין מאנטל און מיר האבן זיך געזעצט לעבן א פייער. איך האב זי אנגענומען ביים קינבאק, — און ניט נאר האט זי זיך ניט געווערט, נאר, אדרבא, — זי האט מיך ארומגענומען מיט אירע הענט און האט מיך ווילד געקושט . . .

— כדי צו געבן די באנדיטן א מעגלעכקייט צו באפאלן אייך? — האט דאן־כעזוס געזאגט.

— ס'איז אמת . . . אבער גאט האט ניט דערלאזן, איך זאל אומקומען אויף אזא מיאוסן אופן, און האט מיר געגעבן די מעגלעכקייט קומען צו מיינע עלטערן בשלום, דערפרייען זיי און אנפילן זייערע הערצער מיט מיין ליבשאפט.

— ביסט א פיינער יונגערמאן . . .

— ליב וואס קומט פון א נאבלמאן, פון א מאן, וואס ווייס ניט וואס דאס ווארט "געפאר" מיינט, איז מער ווי ליב, — האט דער יונגערמאן פייערלעך אפגעדעקלאמירט מיט אזא טאן, ווי מען דעקלאמירט געווײנטלעך סאנעטן. ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנט און געזאגט: — איך בין ראמאן דע־אגירע, א זון פון אלאנסא דע־אגירע. איך ציל איצט קיין באדאכאז, ווו

מיין משפּחה וווינט. דערלויבט מיר צו דריקן אייער נאָבעלע האַנט.

מיטאַמאָל האָט זיך דאָן־כּעזוס אַפּגעשטעלט. זיינע אויגן האָבן אויפ־געבליצט.

— איך האָב געקענט אייניקע אַגירעס אין מאַנטאַלבאַן און אין טאָ־לעדאָ, — האָט דאָן־כּעזוס דערויף געענטפערט, — שטאַמסטו אפשר פון יענע אַגירעס?

— יאָ, ריכטיק, — האָט ראַמאָן געענטפערט, — איך בין אַן אייניקל פון דאָן כאָזע דע־אַגירע, וועלכער לעבט נאָך און וועט אין צוויי יאָר אַרום אַלט ווערן הונדערט יאָר, די הייליקע מאַדאָנע פון סאַראַגאָסאַ זאָל פאַרלענ־גערן זיינע יאָרן.

— אָמן, הלוואי זאָל זי עס טאָן, — האָט דאָן־כּעזוס אַ זאָג געטאָן מיט אַ טאָן פול סאַרקאַזם, — ביסטו הייסט עס, אַ נייער קריסט, אָדער אַן אַלטער ייִד, וואָס דאָס איז כּמעט די זעלבע זאַך?

ראַמאָן איז בלאַס געוואָרן.

— איך בין ניט קיין ייִד! — האָט ער זיך אָפּגערופן, — מיין זיידע איז געבוירן געוואָרן אין דער הייליקער קאַטוילישער אמונה!

— דיין זיידע איז געבוירן געוואָרן בלויז מיט אַכט יאָר נאָכדעם ווי זיין פאָטער האָט באַשטימט ניט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון זיינע עלטערן און דאָך בלייבן טריי דער איינציקער און אמתער רעליגיע, — האָט דאָן־כּעזוס מיט אַ לייכטער בייזקייט געענטפערט.

יאָרן פון מאַסקירן זיך און פאַרשטעלן זיך, האָבן געמאַכט זיין שטים צאַרט און בויגעוודיק.

— מיין זון, — האָט ער פאַרגעזעצט מיט אַ ביטערלעכן שמייכל, — דו דאַרפסט ניט זיין אומרויִק וועגן דיין אָפּשטאַמונג. אין די אָדערן פון כּמעט יעדער שפּאַניער אין שפּאַניע פליסט ייִדיש בלוט. מיר זיינען אַלע קינדער פון איין גאָט. איך בין אויך אַ קריסט פון ניט לאַנגער פאַרגאַנגענ־הייט, פּונקט אַזוי ווי דו. איך שטאַם פון דער משפּחה רב יעקב אבן נוניעז דעם קעניגס לייב דאָקטאָר און יוסטיץ מיניסטער פון קאַסטיליע. פּונקט אַזוי ווי דו בין איך אויך דערצויגן געוואָרן אין דער איינציקער, אמתער אמונה. דו דאַרפסט זיך ניט זאָרגן. דאָס לאַנד קאָן זיין פול מיט שפּיאָנען, אָבער . . . זיינען מיר דען ניט ברידער פון איין משפּחה?

דער יונגערמאַן האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט.

— קיין זאך אין דער וועלט וואלט מיך ניט געקאנט אזוי גליקלעך מאכן, ווי אייער אומדערווארטעטער ווידוי, — האט ראמאן געזאגט.

— דו ביסט א יונגערמאן מיט א פיינעם פארנעם, — האט דאן־כעזוס באמערקט, — אבער לאמיר פארגעסן וועגן יידן, הגם אין איטאליע האב איך געהערט א סך פיינע זאכן וועגן דער גרויסקייט פון זייער יידיש גייסטיק לעבן; ווענעדיק איז פול מיט לעגענדעס וועגן זיי. ניט לאנג צוריק איז פון טערקיי אנגעקומען אן אמבאסאדאר צו דער ווענעציאנישער רעפובליק, זיין נאמען איז געווען שלמה יודינע און ער איז געווען א ייד. די רעגירונג האט אים אויפגענומען קייזערלעך און ער האט אויפגעטאן א סך גוטע זאכן פאר זיינע ליידנדיקע ברידער.

— זייער אינטערעסאנט! — האט ראמאן צוגעגעבן, — אבער וועמען גייען זיי אן, די הארצלאזע יידן? זיי האבן געקרייציקט אונדזער האר, אונדזער גאט, און זיי דארפן ליידן און צאלן פאר דעם טייוולשן פארברעכן. חוץ דעם זיינען זיי שמוציק, פארברעכעריש בכלל און גייציק!

— און דאך עקזיסטירן זיי, — האט דאן־כעזוס רויִק געזאגט, — ווייזט אוים אז גאט וויל, אז זיי זאלן עקזיסטירן.

— אונדזער הייליקער פויפסט האט דערקלערט, אז זיי מוזן עקזיסטירן און זיי וועלן עקזיסטירן אייביק, — האט ראמאן צוגעגעבן, — זיי דארפן עקזיסטירן אייביק, כדי צו דערמאנען אונדז וועגן אונדזערע שווערע זינד. דאס איז זייער איינציקע מיסיע אויף דער ערד.

— גאנץ ריכטיק, — האט דאן־כעזוס טרוקן א זאג געטאן, — איך האב אפילו געהערט אין רוים א ספּעציעלע תפילה וועגן דעם. איך האב אויך געזען דעם פויפּסטס בול, אין וועלכן דער הייליקער פאטער ווייזט אן, אז ניט אלע יידן דארפן אויסגעראטן ווערן, ווייל די וועלט מוז האבן עמיצן, וואס זאל זי דערמאנען אן שווערע זינד און אומגלויבן . . .

זיי האבן זיך איצט געפונען אין דער געגנט פון באבאדילא.

די נאכט האט געציטערט ווי א וואל אויפן ווינט און טונקלקייט האט זיך אראפגעלאזט אויף זיי מיט גרויסע סאמעט־פאלדן. זיי זיינען צוגעפארן צו א קרעטשמע.

די דרויסנדיקע ווייסע ווענט פון דער קרעטשמע האבן זיי אויפגענומען גאנץ קאלט און גלייכגילטיק. אונטער דער גרויסער, האמעטנער שילד, אויף וועלכער עס איז געווען אנגעשריבן — „צו מערי טארערא, באלאנגט

צו ראדריגא סאנטשעס", איז געשטאנען א מיידל און האט זיי ביידן באטראכט מיט אויגן פון דערפארענער גלייכגילטיקייט.

הינטערן קרעטשמע האבן זיך געזען בערג, געשפרייט אין בלוי.

א ציג איז געשטאנען און רויִק געצופט פון א קליינעם אליוון־קוסט. קינדער, אנגעטאנענע אין שמאטעס, שמוציקע, האבן זיך געשפילט מיט א הונט, וואס איז געווען נאך שמוציקער פון זיי און דער הונט האט געבולן מיט באנומענע קולות.

די לופט איז געווען פול מיט ריח פון פעטס און פארשימלטער ווירט־שאפט. און אויף לעמפל האט קוים געשימערט דורך די קליינע פענצטער.

— רייזעס, פונקט אזוי ווי ליבע, הייבן זיך אן און ענדיקן זיך שנעל, — האט ראמאן געזאגט און האט זיך אויסגעגלייכט אין זאטל, קוקנדיק בשעת־מעשה אויף דעם מיידל, וועלכע איז געווען, ווי אים האט זיך געדוכט, גאנץ שיין.

דער קרעטשמער איז ארויסגעקומען באגריסן די געסט און פאר איין וועג באטראכטן זייער פארמעגלעכקייט . . .

— עס זעט אויס, מיינע הערן, ווי איר וואלט געווען אין א קאמף מיט עמיצן, — האט דער קרעטשמער געזאגט, — די וועגן זיינען פול מיט רויבער און די רעגירונג טוט גארניט וועגן דעם.

— רעגירונגען טוען קיינמאל גארניט וועגן קיין זאך, — האט דאס מיידל באמערקט.

— דאס מאל האט מיך גאט אויסגעהיט פון זיי און האט מיך געלאזט לעבן, כדי איך זאל קאנען אויסקויפן מיינע זינד, — האט ראמאן געזאגט, — אט דער נאבעלער מאן האט געראטעוועט מיין לעבן.

— עס וועט זיין פאר מיר א גרויסער כבוד אויפצונעמען אזעלכע חשובע געסט אין מיין באשיידענער קרעטשמע, — האט דער קרעטשמער געזאגט, — הגם מיין קרעטשמע האבן באזוכט אזעלכע גרויסע פערזענלעכ־קייטן ווי דעם קעניגס תבואה זאמלער, סעניאר סערוואנטעס, און אייניקע בארימטע שוישפילער, ווי למשל, סעניאר ראכאס און אנדערע.

— עס איז ווירקלעך א גרויסער כבוד פאר אונדז, — האט דאָז־בעזוס געענטפערט, און אנהאלטנדיק זיך אן דעם קרעטשמערס האנט, איז ער אראפגעשפרונגען פון פערד מיט א שנעלקייט, וואס האט זייער געפאסט פאר זיין נערוועזער, שלאנקער פיגור.

ראמאַן איז אים נאָכגעגאַנגען צו דער קרעטשמע.

ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורך דער אָפענער טיר, האָט זיך ראמאַנס האַנט ניט ווילנדיק אַנגערירט אָן דעם מיידלס עלנבויגן . . . און דאָס איז שוין קיין סוד ניט, אַז גרויסע ליבעס האָבן זיך גאַנץ אָפט אָנגע־הויבן פון אַ סך קלענערע צופאַלן ווי דער . . .

— אַנטשולדיקט מיר, — האָט ער זיך געווענדעט צום מיידל און האָט אויפגעהויבן זיין סאָמברעראָ (סאָמברעראָ — איז אַ הוט מיט ברייטע ברעגן), — דאָ איז פינצטערלעך אַביסל . . .

— באַלד וועט אַרויס די לבנה, — האָט זי געענטפערט.

— אייער שיינקייט פאַרטונקלט סיי ווי סיי אַלע פּלאַנעטן, — האָט ער צוגעגעבן, דערמוטיקט פון איר אַריינטרעטן אין אַ געשפּרעך מיט אים.

ניט זאָגנדיק מער קיין וואָרט, האָט זי זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק צום ברונים.

ראמאַן האָט זי נאָכגעפאָלגט מיט אויפגעפלאַמטע אויגן און מיט אומקלאָרע דערוואַרטונגען פון אַ זיבן־און־צוואַנציק יאָריקן מאַן, וואָס האָט זיך גענערט בלויז מיט געקויפטער ליבע און אומזיסט געשאַפענע סאַנעטן.

ה

די קרעטשמע איז געווען פול מיט רויך. אין אַ ווינקל האָבן צוויי מענטשן געשפּילט קאָרטן מיט אַ גוואַלדיקער באַגייסטערונג, האָבן גערעדט און זיך געזידלט הויך אויף אַ קול, פאַרגעסנדיק די גאַנצע וועלט אַרום.

לעבן זיי איז געזעסן אַ יונגערמאַן מיט אַ שטרענג געזיכט, אין אַ היטל, וואָס איז געווען צעריסן און פאַרלאָטעט, אַזוי, אַז עס איז שווער געווען אויסצוגעפינען פון וואָס פאַר אַ מין מאַטעריאַל דאָס היטל איז געווען געמאַכט.

אין קיך האָט זיך גערודערט. געמישטע ריחות פון חזיר־פעטס, פיש און רייז, האָבן אָנגעפילט דאָס צימער.

דער קרעטשמער האָט זיך שטאַרק געבייזערט אויף די קינדער, אויפן מיידל; ער האָט זיך שטאַרק צעשריען אויפן הונט און בכלל אויף אַלעמען חוץ די צוויי געסט — ראמאַן און דאָן־כעזוס. זיי זיינען פאַר אים ווערט געווען אַ סך און ער האָט זיי געשאַנעוועט.

— וואָסער! — האָט ראמאַן אַ געשריי געטאָן און איז אַוועק צו זיך אין צימער, האָפנדיק אַזוי אַרום צו כאַפּן אַן איבעריקן קוק אויפן מיידל, וואָס

האט אויסגעזען אזוי רייצנדיק אין די שאָטנס פון אנדאלוזיער נאכט.

דער געדאנק וועגן מיידל האָט גורם געווען, אז זיין פולס האָט געגנ־מען קלאפּן שנעלער און האָט צעשפּריט א ציטער איבער זיין קערפּער. עפּעס איז געווען א מאָדנע, מארמארנע קעלט אין אירע ווייטע, טיפע אויגן.

זי האָט אריינגעבראכט א קרוג וואסער און עס אוועקגעשטעלט אויפן וואש־טישל.

— גאָט האָט געראטעוועט מיין לעבן, כדי איך זאָל קאָנען קוקן אויף דיין שיינקייט, — האָט ראמאָן געזאָגט צום מיידל.

— דו דרשנסט גאנץ פיין . . . — האָט זי באמערקט.

זיי זיינען געווען אין צימער אליין. א דיקע ברענענדיקע ליכט האָט געוואָרפן א ציטערדיקן שיין אויפן מיידלס פנים.

— ווי רופט מען דיך? — האָט ראמאָן א פרעג געטאָן.

— אמארילים, — האָט זי געענטפערט, אריינגיסנדיק וואסער אין א שיסל.

זי איז געווען פארטיק מיט איר ענטפער איידער נאָך ער האָט איר געשטעלט זיינע פראגן, ווייל זי האָט שוין געוווּסט, אז אלע געסט הייבן אָן מיטן זעלבן נוסח. און זי וואָלט זיך גאָר געפילט אומבאקוועם, אויב ער וואָלט עס געטאָן אנדערש.

מענער זיינען אזוי לאנגווייליק ווען עס קומט צו פרויען . . .

— דיין נאָמען קלינגט אזוי מוזיקאליש, שיין! איך שווער אים אייביקע טרייהייט!

— אויב דו האָסט ניט קיין אנדער ארבעט, קאָנסטו עס טאָן.

— ווען איך וואָלט אפילו געהאט א מיליאָן אנדערע ארבעטן, וואָלט איך זיי אלע געוואָרפן, כדי צו קאָנען קוקן אויף דעם רייץ פון דיינע אויגן!

א קליינער יונג האָט אריינגעטראָגן ראמאָנס באגאזש, האָט עס אוועקגעלייגט אויפן בעט און איז ארויס פון צימער.

— דו זאָגסט עס יעדער פרוי אזוי, — האָט זי אים א זאָג געטאָן איראָניש, דערלאנגענדיק אים א האנטוך.

זייערע הענט האָבן זיך צוזאמענגעטראָפן. זיינע פינגער האָבן גע־ציטערט . . .

עס איז ווירקלעך געווען עפּעס צוציענדיקס אין דער שיינער גע־

שטאַלט פון דעם אַנדאַלוזיער מיידל. דאָס איז געווען ניט בלויז שיינקייט, נאָר עפּעס אַנדערש, עפּעס מער.

די ציגיינערין איז אויך געווען שיין, אָבער איצט, אין דער אַנוועזנ־הייט פון דער אַנדאַלוזיאַנער, האָט אים די נאַקעטקייט פון דעם ציגיינער מיידל געלאָזן גאַנץ קאַלט און גלייכגילטיק.

די באַרירונג פון אמאַרילים הענט האָט אים עלעקטריזירט. ער האָט צונויפגעדריקט אירע פינגער און האָט זיי צוגעלייגט צו זיין ברוסט.

— לאָזט אָפּ מיין האַנט, — האָט זי קוים אַרויסגעזאָגט. זי איז געווען אויפגערעגט און האָט קוים געאָטעמט.

— דו ביסט צויבערלעך! — האָט ער געענטפערט מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם, — דו ביסט זיסער ווי דאָס לעבן!

— עמיץ גייט אהער, לאָזט מיך אָפּ, — האָט זי אים געוואָרנט, — איך בעט אייך . . . איך בעט אייך . . .

— ווער? דיין פאָטער? — האָט ער שנעל א פרעג געטאָן און אָפּגע־לאָזן איר האַנט.

— ער איז ניט מיין פאָטער, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז איך קאָן אליין ניט באַשטיין מיין שטעטל . . .

— ביסט שענער פון א מלאך! — האָט ער געזאָגט, שפּילנדיק זיך מיט זיין רינגל און אַריינקוקנדיק אין אירע שוואַרצע, טיפע אויגן.

דאָס ליכט האָט געשיינט אויף אירע דינע, איידעלע ליפּן און די פולקייט און זאַפטיקייט זייערע האָט געלאָקט און געצויגן . . .

— איך האָב דיך ליב, — האָט ער געשעפּטשעט און זיינע הענט האָבן זיך געצויגן צו איר. ער האָט זי אַרומגענומען.

— מאַכט זיך ניט נאַריש! — האָט זי אים א זאָג געטאָן. אָבער צוליב עפּעס א מאָדנער סיבה האָבן זיך אירע הענט באַוויזן זייער לאַנגזאַם, ווען זי האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון זיינע, — איר ווייסט דאָס ווערטל: "קראָען כאַפּן זיך צו יעדן מין פלייש". . .

— אָ, ווי קאָנסטו גאָר ריידן אַזוינס?!

— מאָרגן וועט איר דאָך סיי ווי אַוועקגיין פון דאַנען אויף שטענדיק.

— צו וואָס טראַכטן וועגן מאָרגן ? . .

— דאָס געפעלט מיר, — צו וואָס גאָר טראַכטן ? . . נו, איצט

באהערשט זיך, סעניאָר, און צעוואַשט אייערע הענט. איך הער טריט. נו, איך בעט אייך . . .

— איך האָב דיך באמת ליב, אמאַרילים!

אמאַרילים האָט זיך צעלאַכט.

— זאָל איך אייך צוגיסן נאָך אַביסל וואַסער? — האָט זי אַ פרעג געטאָן איראָניש.

— ניין, דו קאָנסט גיין, — האָט ער קורץ אַ זאָג געטאָן און האָט זיך אָפּגעקערט צום פענצטער. ער האָט דערהערט די שווערע טריט פון דאָז־כּעזוס.

אמאַרילים האָט גענומען דעם קרוג און איז אַרויס פון צימער.

ראַמאָן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן פענצטער און האָט זיך פאַרטראַכט.

אַ פולע לבנה האָט באַלויכטן די בערג און די פּליינען. די ביימער זיינען געווען באַזילבערט מיט דינע, צאַרטע שטראַלן. קינדער האָבן לאַנג־זאַם געצויגן עפּעס אַן אַנדאַלוזיער ניגון.

די לבנה און די שטערן, די ביימער און די ערד אַליין אַפילו, זיינען געווען פאַרהילט אין אַ פאַרגליווערטער שטילקייט, ווי זיי וואָלטן אַ נדר געטאָן אויף אייביקן ערנסט.

ראַמאָן האָט לאַנגזאַם אויסגעטאָן זיין צעריסענעם ראָק און האָט איבערגעביטן זיין פאַרשטויבטע העמד.

— אמאַרילים . . . — האָט ער געשעפּטשעט, — דער נאָמען אַליין קלינגט דאָך ווי די צאַרטע קלאַנגען פון אַ נאַכטיגאַל . . .

ו

ווען ראַמאָן איז אַראָפּגעקומען אונטן, איז דער טיש שוין געווען געגרייט.

אויפן טיש איז געשטאַנען אַ גרויסע שיסל מיט רייז און שאַל־פיש, פון וועלכער עס האָט געשלאָגן אַ פּאַרע. דערביי זיינען געלעגן הילצערנע לעפל, בלעכענע גאָפּלען און אַנדערע געשיר; אַ גרויס, ווייס ברויט, צעשניטן אויף צוויי, האָט געבלאַנקט מיט זויבערער ווייסקייט.

די צוויי קאָרטן־שפּילער האָבן פאַרגעזעצט זייער שפּיל, האָבן זיך נאָך אַלץ געאַמפּערט און געזידלט, און דער גידאַלגאָ איז צעריסענעם היטל איז נאָך אַלץ געזעסן לעבן זיי שטיל און ערנסט.

— האָט איר אפשר פרישע חזיר־פלייש? — האָט דאַז־כעזוס אַ פרעג געטאָן דעם קרעטשמער, — עס דאַרף זיין פריש און פון בעסטער קוואַליטעט.

— ווי קומט צו אונדז פרישע חזיר־פלייש? מיר האָבן בלויז געזאַל־צענע, גנעדיקער הער, — האָט דער קרעטשמער געענטפערט.

— געזאַלצן פלייש טויג ניט, מיין מאָגן פאַרטראָגט עס ניט. איך האָב אייך געפרעגט וועגן פרישע פלייש, ניט וועגן געזאַלצענע . . . ניט אמת ? . . — האָט דאַז־כעזוס איראָניש אַ פרעג געטאָן.

— עס טוט מיר לייד, גנעדיקער הער, — האָט דער אַנדאַלוזיער קרעטשמער געזאָגט מיט אַ גנביש פייערל אין זיינע פלינקע אויגן, — מיר האָבן דאָס ניט. אָבער דערלויבט מיר צוגרייטן פאַר אייך אַן אויסגעצייכנטן האָז. איך וועל עס טאַקע אַליין צוגרייטן פאַר אייך.

— אַ, איך קאָן אייערע האָזן! — האָט דאַז־כעזוס געענטפערט מיט אַ לייכטער אויפרעגונג, — דאָס זיינען פּראָסט־פּשוטע קעץ, באַגאָסן מיט עפּעס אַ פליסיקייט און באַפּוצט מיט פאַרשיידענע שמאַכטעס, כדי מען זאָל עס ניט דערקענען.

— מאַדרע פּיאַדאָזאַ ! — האָט דער קרעטשמער אויסגעשריען. אָבער באַמערקנדיק אין דעם אורחס אויגן אַ בייז פייערל, האָט ער הכנעהדיק צוגעגעבן: — ווירקלעך, מיין הער, אייער דערפאַרונג וועגן מענטשן און זייערע שוואַכקייטן איז צו באַוואונדערן . . . נו, איצט גלויב איך, קאָן מען צוריכטן פאַר אייערט וועגן אַ געבראָטנס פון געזאַלצענע חזיר־פלייש.

— איך קאָן עס ניט עסן, — האָט דאַז־כעזוס געזאָגט, — דאָקטוי־רים האָבן מיר פאַרבאָטן צו עסן יעדער מין געזאַלצענע פלייש און פיש; איך לייד פון פּאָדאַגרע.

— זאָל די הייליקע מאַדאָנע דיך שיצן און שענקען לאַנגע יאָר! — האָט דער קרעטשמער צוגעווונטשן. — איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט באַשטעלן די זעלבע זאַך, וואָס דיין קאָמפּאַניאָן האָט באַשטעלט, האָב איך עס צוגעגרייט פאַר דיר, אַזוי, אַז דו וועסט אַלץ איינס דאַרפן באַצאָלן דערפאַר, צי דו וועסט עס עסן, אָדער ניט.

— דאָס מאַכט ניט אויס, איך וועל באַצאָלן, — האָט דאַז־כעזוס געזאָגט און האָט זיך געווענדעט צום אָפּגעריסענעם גידאַלגאָ:

— מעג איך אייך פאַרשלאָגן מיין מאָלצייט צוזאַמען מיט מיין באַגריסונג?

דער גידאַלגאַ האָט זיך א האַלב־דערשראַקענער פון אומדערוואַרטונג אויפגעהויבן פון זיין אָרט. א טונקעלער שאָטן האָט זיך צעשפּרייט אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן. ער האָט אויסגעזען פאַרמאַטערט און דערשלאָגן.

— א דאַנק, — האָט ער קוים אַרויסגערעדט, — איך האָב נאָר־וואָס געהאַט מיטאָג מיט דעם הער סעקרעטאַר.

— א שאָד, — האָט דאָן־כעזוס באַמערקט און האָט צוגערופן דעם יינגל, — אזוי ווי איך דאַרף סיי ווי סיי באַצאָלן, טאָ זאָל כאָטש עמיצער הנאה האָבן פון דעם. מיך אַרט ניט ווער עס וועט הנאה האָבן. נאַ, גיב עס אוועק די הינט, נאָר מאַך עס שנעל . . .

אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך פון דער זייט צוגעקוקט צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין צימער, כדי אויסצוגעפינען צי האָבן זיי ניט באַמערקט אין וואָס פאַר א קאָמישער לאַגע ער איז געווען, וועןָ ער האָט געוואָלט פּטור ווערן פון די שפּייז, וואָס ער קאָן ניט סובל זיין, די שפּייז פון וועלכער עס איבלט אים בלויז פון אָנקוקן עס.

דער יינגל האָט צוגענומען די שיסל און איז פאַרזיכטיק אוועק צום טיר. דער גידאַלגאַ האָט זיך פלוצלונג א לאָז געטאָן גיין ערגעץ און איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער, ווי אין א פאַרצווייפלונג.

דער יינגל איז שוין געווען אויפן גאַס און האָט צונויפגערופן די הינט. די הינט האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן עסן און האָבן מיט א קרענקלעכער גיריקייט געקייט און געלעקט די שפּייז.

דאָן־כעזוס האָט דערווייל באַשטעלט צוויי פלעשער מאַלאַגע, קעז און אַליוועס.

— זייט אזוי גוט, מישט ניט אריין קיין רעגן־וואַסער אין די וויין, — האָט ער געזאָגט, — אַלץ, וואָס איך עס און טרינק דאַרף זיין ריין און ניט געמישט. איך צאָל דערפאַר.

— א, זיכער! — האָט דער קרעטשמער געענטפערט, פאַרנייגנדיק זיך.

ראַמאָן האָט נאָכגעקוקט די קאָרטן־שפּילער מיט וואַקסנדיקן אינטערעס און אז ער האָט אויסגעטרונקען א פּאָר גלעזלעך גוטן וויין, האָט ער זיך צוגערוקט צו זיי.

ניט אָפּווענדנדיק די אויגן פון דער שפּיל, האָבן די קאָרטן־שפּילער געמאַכט א באַוועגונג אָפּצוראַמען פּלאַץ פאַר דעם צוגעקומענעם.

ראַמאָן האָט שוין געהאַלטן א מטבע אין האַנט, גרייט אוועקצולייגן

זי אויפן טיש, כדי מען זאָל אָנהייבן א נייע שפּיל. אין דעם מאָמענט איז דער גידאַלגאָ שנעל ארויס פון צימער. אין א רגע ארום איז ער אריין צוריק, האָט זיך אָנגעבויגן צו ראַמאָנען און האָט אים געזאָגט שטיל אויפן אויער:

— עפּעס איז ניט גלאַטיק מיט אייער פערד, מען בעט אייך אריינ־צוגיין א ווײַלע אין שטאַל.

ראַמאָן האָט מיט פאַרדרוס פאַרלאָזן דעם קאָרטן־טיש און האָט נאָכ־געפאָלגט דעם גידאַלגאָ. ווען זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם סיקאַמאָר־בוים, האָט זיך דער גידאַלגאָ אָפּגעשטעלט און האָט שטיל געזאָגט צו ראַמאָנען:

— איך האָב אייך בכיוון ארויסגערופן: זייט פאָרזיכטיק מיט די צוויי מענטשן, זיי זיינען שווינדלער, זיי שפּילן מיט געצייכנטע קאָרטן און זיי וואַרטן בלויז אויף אַזעלכע אומשולדיקע שעפּעלעך ווי איר, כדי אויסצוליי־דיקן זייערע קעשענעס.

— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, הער, — האָט ראַמאָן געזאָגט, — איך בין שוין געווען גרייט צו אָנהייבן א שפּיל מיט זיי און אויספּרובירן מיין מזל . . . וועט איר מיר אפשר פאַרשאַפן דאָס פאַרגעניגן און אויס־טרינקען מיט מיר א פלאַש גוטן כערעס?

— דאָס וועט זיין א כבוד פאַר מיר, — האָט דער גידאַלגאָ מסכים געווען.

זיי זיינען אריין אין קרעטשמע און האָבן זיך צוגעזעצט צו דאָז־כעזוסן, וועלכער האָט נאָך אַלץ געגעסן זיין ברויט מיט קעז, א גליקלעכער, וואָס ער איז פּטור געוואָרן פון די עקלהאַפטע חזיר־פליייש.

ז

אַמאַרילים איז אריינגעקומען און האָט זיך גענומען אַפּרייניקן פון טיש. דער קרעטשמער האָט נאָכגעפאָלגט יעדער באַוועגונג אירע, עס זאָל חלילה קיין ברעקל ניט פאַרלאָרן גיין, און אַלץ וואָס עס איז געבליבן אויף די טעלער זאָל חלילה ניט ארויסגעוואָרפן ווערן, אָדער די קינדער זאָלן עס ניט אויפעסן.

דער קרעטשמער איז ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט נאָכ־געפאָלגט אַמאַרילים, — ראַמאָן האָט זי ממש געגעסן מיט די אויגן. ווען זי האָט זיך אָנגעבויגן איבערן טיש, האָט ער באַמערקט אירע שטייפע, מיידלשע ברוסטן און אַז זי האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט די קלייד אירע זי אַזוי ארומגענומען, אַז די קאָנטורן פון איר קערפּער זיינען געוואָרן

בולט־שארף. ראמאן האט געשפּירט די עלאסטישקייט און דעם רייץ פון איר יונגן קערפּער.

— א שיין מיידל! — האט דער גידאלגא געזאגט, — באמערקנדיק ראמאנס נייגעריקע בליקן.

— יא, ניט מיאוס, — האט ראמאן צוגעגעבן, קומענדיק צו זיך, און האט פאַרטגעזעצט דעם שמועס.

אין טונקעלן ליכט, אנגעשפּאַרט אויף אן ארימער, פּראָסטער באַנק, האבן זיי געשמועסט וועגן דער פאנטאסטישער רייכקייט פון די דרום־אמע־ריקאנער אינדזלען און וועגן די וואונדער פון דער נייער וועלט.

— דאָס לאַנד ווערט אַלץ רייכער און רייכער, — האט דער גידאלגא געזאגט מיט אזא שטאָלץ, אזוי ווי די רייכקייט וואלט באלאנגט צו אים פּערזענלעך, הגם (קיינער האט עס ניט געוווּסט) ער האט שוין צוויי טעג גאָרניט געגעסן.

עס האט אים געשווינדלט דער קאָפּ. דאָס פייער פון זיינע אויגן איז געווען אויסגעלאָשן, ווי ער וואלט זיך קליינן צו פאַרלאָזן אויף אייביק די נארישע וועלט. אבער ער האט פאַרטגעזעצט דעם שמועס וועגן דער וועלט. אפשר האט ער עס געטאָן דערפאַר, ווייל ער האט אינסטינקטיוו געפילט, אז זיינע אייגענע פּראָבלעמען זיינען קאָמפּליצירטער איידער די פּראָבלעמען פון דער וועלט.

— די וועלט גייט אונטער, — האט ער געזאגט, — ניטאָ מער קיין דרך־ארץ פאר עלטערע, פאר אויטאָריטעטן. אין סעווילע האט מען פאַר־ברענט א מאָנאך מיטן נאָמען קאבררא, פאר פריידיקן לוטערס תורה, און מיט אים זיינען אומגעקומען נאָך פערציק פון זיינע נאָכפאָלגער. א גליק נאָך, וואס די אינקוויזיציע האלט אן אויג אויף אַזעלכע זאכן, און עס איז צו האָפן, אז אינגיכן וועט שפּאַניע פאַרוואנדלט ווערן אין פּראַכטפולן גאָרטן ווו די אמתע און גאָבעלע קאַטוילישע אמונה וועט זיך צעבליען אין איר גאַנצער גרויס.

דאָן־כעזוס האט געטרונקען זיין ווין און געטראַכט:

— איין פיליפּ איז געשטאָרבן, אן אנדערער האט פאַרנומען זיין פּלאַץ און קיין ענדערונגען זיינען ניט פאַרגעקומען. דער דריטער פיליפּ האט אפילו געהאט כאראקטעריסטישע האפּסבורג־ליפּן, אבער זיין נשמה איז שווער געווען צו באגרייפן, — ער איז געווען פרום און ליידנשאַפטלעך, — אן עכטער קריסט און א מערדער . . .

דאס לייכטע לבנה־ליכט האט זיך צויבערלעך צעלייגט אויף די קום־טעם רייף־ווערנדיקע וויינטרויבן און ס'האט אויסגעזען ווי א דורכזיכטיקער וואל. די ביימער זיינען געשטאנען שטארק און שטאלץ און אפילו די שאטנס, וואס זיינען געפאלן פון זיי, זיינען געווען טיפע און געפאסטע.

איינער פון די קיד־דינער איז געזעסן אויף א באנק און האט געשפילט אויף א גיטארע אזוי מייסטערהאפט, אז עס האט זיך געדוכט, אז די שטערן אויפן הימל שפילן אויך.

אויף א מאמענט האט ראמאן געהאט בדעה ארויסצוגיין אין גארטן און אויפזוכן דארט אמארילים.

מיטאמאל איז די מוזיק געווארן טרויעריק און צעצויגן און צום סוף האט זיך עס מיט א סקריפענדיקן טאן אינגאנצן איבערגעריסן.

א פערד האט זיך אפגעשטעלט לעבן טויער.

די הינט האבן אנגעהויבן בילן צערייצט און בייז.

עפעס אן אומגעלומפערטער מאן איז אראפ פון פערד און האט זיך געלאזט גיין אין קרעטשמע אריין. ער האט געהאט א בלאסן פנים, און א שפיציק בערדל האט זיך שטארק ארויסגעזען אויפן פאן פון זיין פיין געניייטן שווארצן סאמעטענעם בגד.

א לאנגע שווערד, אנגעטאן אויף א פאס פון זילבער שטיקער, האט זיך קאמיש געבאמבלט ביי דער זייט פון זיין דינעם פוס. אין זיין גאנצן אויסזען האט געשטעקט עפעס טעאטראלישעס.

— אמארילים! — האט דער קרעטשמער א געשריי געטאן, ארויס־גייענדיק פון קיך צו באגריסן דעם אנגעקומענעם אורח. זיין שטים האט אפגעקלונגען אין די בערג און האט זיך צעטראגן איבער די שפיצן פון די ביימער.

אמארילים איז אראפגעגאנגען פון די טרעפ אין א לאנגער, גראד־ליניקער קלייד פון גוטן דייטשישן שטאף. אירע אויגן האבן געלויכטן פון אונטער די באמאלטע ברעמען און אירע ליפן זיינען לעבעדיקער געווארן אונטער דער ווירקונג פון פיינער ווערמיליאן פארב.

— איך האב געמיינט, אז היינט איז שוין אלץ אפגעטאן, — האט אמארילים געזאגט, — איך האב גאר אנדערש ניט געטראכט.

— טראכט ניט אזוי פיל, — האט דער קרעטשמער בייז אריינגעזאגט, — עס איז אומגעזונט . . .

— אָ, איך פאַרלאַנג ניט קיין באַזונדערע זאַכן, — האָט דער אורח געזאָגט, — אַלץ, וואָס איך באַדאַרף איז: האָבער און וואַסער פאַר מיין פערד און ברויט מיט קעז און א גלאָז וויין פאַר מיר אַליין.

— אויב איר האַלט אייער וועג קיין סעווילִיע, מיין הער, וואָלט איך אייך געראָטן איר זאָלט בעסער פאַרברענגען דאָ איבער נאַכט. עס איז איצט א צו שפּעטע שעה צו פאָרן.

— פאַר רייזע איז קיינמאָל ניט צו שפּעט, — האָט דער אורח געענטפערט.

— אָבער ניט אין די מקומות, — האָט זיך דער גידאַלגאָ אריינגע־מישט. אין די היגע בערג זיינען פאַראַן א סך רויבער־באַנדעס און ציגיינער, וואָס מאַכן א פיינעם לעבן פון גאַרניט טאָן.

— איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט! — האָט דער דורכפאָרער געזאָגט, און האָט זיך אויפהויבנדיק א קוק געטאָן דורכן פענצטער, וואָס עס טוט זיך מיט זיין פערד.

אין לבנה־שיין, וואָס איז געפאַלן אויף אים דורכן פענצטער, האָט זיך בולט ארויסגעוויזן די ברוינלעכקייט פון זיין פּנים, און דאָס האָט נאָך מער פאַרטיפט דעם רייץ פון זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן.

— עס זעט אויס, אַז דו ביסט אַן אַנגעשטעלטער פון זיין מאַיעסטעט.

— האָט דער גידאַלגאָ ארויסגעזאָגט זיין השערה, — נאָר אויב דאָס איז אַפילו אַזוי, ביסטו אויך ניט באַוואָרנט פון אַנפאַלן. די לעצטע וואָך האָט מען באַרויבט און דערמאָרדעט דעם קעניגס תבואה־זאַמלער. אָבער דיין דרייסטקייט און מוטיקייט זאָגן עדות, אַז דו באַלאַנגסט צו א נאָבעלער משפּחה.

— מיין נאָמען איז טעאָטאָקאָפּאולים, איך בין מיט גאָטס הילף א מאָלער, — האָט דער מאַן געענטפערט ענערגיש און האָט צוגענומען ביי אַמאַרילים דעם טאַץ מיט שפּייז וואָס זי האָט פאַר אים געבראַכט.

זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף איר מיט אומדערוואַרטעטער נייגעריקייט, און אַנטציקונג האָט באַלויכטן זיינע פאַרשנדיקע אויגן.

— קום מיט מיר קיין טאָלעדאָ, — האָט ער איר פאָרגעשלאָגן, — איך וועל דיר געבן פּופּציק דוקאַטן. דו זעסט אויס ווי א מאַדאָנע, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען . . .

— אָ, איר מאַכט מיר קאָמפּלימענטן, מיין הער, — האָט אַמאַרילים באַמערקט מיט א גראַציעזן שמייכל.

— זי האט שוין געהאט ניט איין פארשלאג אזא, ביי וועלכן זי האט געהאט א מעגלעכקייט צו פארלירן איר אומשולד, — האט זיך דער קרעטשמער סארקאסטיש אפגערופן.

— דו ביסט א גרויסער טיפש, — האט דער מאלער א זאג געטאן, — איך האב געזען שענערע פרויען ווי זי, אבער . . . אירע הענט! וואס פאר א הענט! ס׳ארא איידעלע לאנגע פינגער! העי, ווו איז מיין וויין?! — האט ער א געשריי געטאן. דערביי האט ער אפגעבראכן א שטיקל ברויט און געקייט סתם אזוי, אין דער וועלט אריין.

דער קרעטשמער איז ארויסגעגאנגען הייסן דעם קליינעם דינער ער זאל גיכער אריינטראגן דעם וויין, און . . . תיכף האט מען עס טאקע אריינגעבראכט.

— אייער נאמען איז מיר עפעס באקאנט, — האט דער גידאלגא געזאגט, — זייט איר ניט דער מאן, מיט וועלכן עס קלינגט די גאנצע וועלט, דער מאלער על גרעקא וואס האט געמאלן דאס בילד פון דער הייליקער מאדאנא פאר דער קירך פון סאן דאמינגא אין טאלעדא?

— יא, מיין הער; און ניט נאר דאס בילד פון דער הייליקער מאדאנא, נאר א סך מער און פיל בעסערע בילדער, — האט על גרעקא געזאגט, — מיט דער צייט וועט מען זיי אפשאצן.

ח

— איר רעדט ווי אן עכטער קינסטלער, — האט דער גידאלגא געזאגט, צוגייענדיק נעענטער צו על גרעקא, — ניט געקוקט אויף דער גרויסער ארימקייט, אין וועלכער איך בין אריינגעפאלן, בין איך דאך אויך אן ארטיסט און וועל בלייבן אזעלכער כל־זמן איך וועל לעבן. איך בין פיליפא ראכאס פון קאריאן, א נאבלמאן, מיט גאטס הילף, און א קינסטלער.

— איך האב קיינמאל ניט געהערט אייער נאמען און האב אויך ניט געהערט וועגן אייערע ארבעטן, — האט על גרעקא געזאגט, פארענדיקנדיק זיין מאלצייט און ארומקוקנדיק זיך, — האט מען אנגעהאדעוועט מיין פערד? קאן איך זיך שוין לאזן אין וועג אריין? ווו איז דאס מיידל? — איך וועל זי ניט אויפעסן . . .

און ווענדנדיק זיך צו ראכאסן, האט ער צוגעגעבן:

— מענטשן טראכטן וועגן מיר אויך זייער ווייניק. קינסטלער נאר

פארשטייען זיך אויף קונסט. דער פּשוטער עולם דאַרף בלויז באַצאָלן פאַר דעם געַנוס. אפילו מאַנכן פאַרשטייען גאָרניט אין מאַלעריי.

ער האָט בשעת מעשה א טראַכט געטאָן וועגן זיינע לייוונטן, וואָס זיינען אויסגעלאָכט געוואָרן פון פּיליפ דעם לעצטן, און זיין שפּיציק בערדל האָט זיך אָנגעהויבן טרייסלען.

— דער פאַרשטאָרבענער פיליפּ איז געווען אן אייזל מיט גראָבע ליפּן, וואָס האָט אונטערשטיצט איטאַליענישע מאַלעריי בלויז דערפאַר, וואָס די איטאַליענער האָבן געמאָלן זאַכן ניט ווי זיי זיינען אין דערווירקלעכקייט, נאָר אזוי ווי מען האָט זיי געוואָלט זען אין שפּאַנישן גן־עדן — באַצוקערט מיט אילוזיעס.

ראַמאָן האָט זיך שטילערהייט אַרויסגערוקט פון צימער און זיין האַרץ האָט אים געציטערט ער זאָל ניט פאַרלירן אמארילים.

— וואָס וועט ער באמת טאָן, אויב זי וועט מסכים זיין צו גיין מיט דעם דאָזיקן מאָלער? . .

ערשט איצט האָט ער באַגריפן, וואָס פאַר א טיפן איינדרוק איר שיינקייט האָט אויף אים געמאַכט און וואָס דאָס מיינט פאַר אים.

— יאָ . . . יאָ . . . — האָט ראַכאָס א זאָג געטאָן, טראַכטנדיק וועגן זיינע דורכגעפאַלענע פּיעסן און וועגן זיין גוואַלדיקער אָרימקייט.

ער איז געווען טויט־הונגעריק און דער ריח פון קעז האָט אים א שלאָג געטאָן צום האַרצן . . . דאַך איז ער געבליבן שטיין לעבן מאָלער. די צעריסענע היטל איז געלעגן אויף זיין לינקן אַקסל און דער שווערדל האָט זיך אים געבאַמבלט ווי אן אָפּגעהאַקטע האַנט.

על גרעקאָ האָט זיך אויפגעהויבן און נייגעריק א קוק געטאָן אויף ראַכאָסן. אין זיין היים, אין טאָלעדאָ, האָט ער אָפט געוואָלט האָבן מוזיקער, זיי זאָלן מיט זייער שפּילן באַרויקן זיינע אָנגעשטרענגטע און צעשויבערטע נערוון. צי וואָלט ניט געווען א פּלאַן, האָט ער א טראַכט געטאָן, איינצולאַדן ראַכאָסן צו זיך, אויב ער קאָן שפּילן אויף א גיטאַרע, נאַטירלעך, און איבער־געבן אים די השגחה איבער דער מוזיק, וועלכע איז אים געווען אזוי וויכטיק ווי דאָס עסן.

ער האָט אָבער באַשטימט, אז דאָס איז ניט נויטיק.

מערקווירדיק! ווי מאָדנע עס קרייצן זיך אין אַלגעמיינעם בילד די פּעדים פון לעבן ! אָט האָבן זיך פיר מענטשן צוזאַמענגעקומען אין דער נאַכט

אויף איין פּלאַץ און אַט זיינען זיי זיך צעגאַנגען אויף פאַרשיידענע וועגן . . .

— אויף ווידערזען! — האָט על גרעקאָ געזאָגט, דערפילנדיק די אומ־רו:קייט פון ראַכאָסן, אַז אומרו:קייט, וואָס ער האָט זיך געמאַטערט צו פאַרדעקן, צו באַהאַלטן; אַז אומרו:קייט, וואָס מען וואָלט געוואָלט אויסזינגען אין די צוויי שורות פון דעם באַרימטן ראָמאַנס:

"פון שטאָל־פּאַנצער איז מיין בגד

"און די שלאַכט פעלד איז מיין בעט". . .

— ס'איז אמת אַז אין שפּאַניע שרייבן פּאָעזיע כמעט אַלע, פון דעם קעניג ביזן בעטלער, און אַגב גאַנץ שלעכטע פּאָעזיע אויך . . . קונסט, מיין פריינד, איז די איינציקע באַפרידיקונג אין דעם קינסטלערס לעבן. אויב די קונסט איז גרויס — איז דאָס לעבן גרויס. אויב די קונסט איז נעבעכדיק און אָרים, איז דאָס לעבן אויך אַזוי.

ער האָט באַצאָלט דעם קרעטשמער ,איז אַרויס אויפן גאַס, און אַ גלעט געבנדיק דאָס פערד, האָט ער אַריינגעשטעלט זיין פוס אין שטייגרימען פון זאָטל.

אויפן פערד האָט על גרעקאָ אויסגעזען נאָך מער גראָטעסק איידער שטייענדיק אויף דער ערד. ער איז געווען עפּעס אומגעלומפּערט; צוליב זיין שפּיציק בערדל, וואָס איז געווען באַגאָסן מיטן זילבער ליכט פון דער לבנה, האָט זיין פּנים אויסגעזען נאָך לייננער און איז געווען באַדעקט מיט אַ כמעט דורכזיכטיקער בלאַסקייט. ער האָט אויסגעזען פּונקט ווי זיין בילד — "קריסטוסעס טויט".

— געדענקט וואָס איך האָב אייך געזאָגט וועגן די געפאַרן אין אַנדאַ־לוזיע! — האָט ראַכאָס אויסגעשריען.

ראַכאָסן האָט פלוצלונג פאַרקלעמט ביים האַרצן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך צוגערירט צו זיין אייגענעם ווייטן טרוים און וואָלט צוריקגעשליידערט געוואָרן פון אַ בייזער און אכזריותדיקער כוואַליע . . .

— פאַרגעסט ניט אַז אַרום כאַאַן שלעפּן זיך אַרום ציגיינער־באַנדעס און זיי וועלן זיכער אַ טראַכט טאָן וועגן אייער פערדל . . .

— נו, וואָס זאָגסטו, שיין מיידל, — האָט זיך על־גרעקאָ געווענדט צו אַמאַרילים, אַזוי ווי ער וואָלט גאָרניט געהערט ראַכאָסעס וואָרנונגען.

— זאָלסט ניט וואָגן! — האָט ראַמאָן שטיל אַ זאָג געטאָן, באַוויי־זנדיק זיך פלוצלונג פון דער פינצטערניש אַרויס.

— א שיינעם דאנק! — האט אמארילים געזאגט צו על גרעקא, — אז איך וועל זיין אין טאַלעדאָ, וועל איך דיך קומען זען.

— דאמאַלסט וועל איך דיך ארויסוואַרפן, — האט ער בייז געענט־פערט, — איצט, אָדער קיינמאל ניט! הונדערט דוקאַטן פאר דיינע הענט בלויז!

ראמאן האט זיך נידעריקער צוגעבויגן צו איר.

— ענטפער אים ניט! — האט ער צו איר געשעפטשעט, — איך בעט דיך. איך בין דיין שקלאף אויף אייביק. טו מיט מיר וואס דו ווילסט.

איצט האָט זי אים געהערט זייער קלאר. זי האָט געפילט ווי זיינע הענט באַרירן זי.

זי האָט זיך שנעל א קער געטאן פול מיט געמאַכטן שטאָלץ און איז געפאלן אין זיינע אָרעמס. איר קאָפ איז געלעגן אויף זיין ברוסט און זיינע הענט האָבן געגלעט אירע זיידענע צעפּ.

— דאָס איז דאָס הימלישע גליק! — האט ער געשעפּטשעט, — דער גן־עדן קאָן זיך מיט דעם ניט פארגלייכן.

על גרעקא האט נאכאמאל א געשריי געטאן צום מיידל, אבער קיינער האט אים ניט געענטפערט. א ווייל איז שטיל געווען און דאן האבן זיך דערהערט הארטע פערדישע טריט אויפן וועג — על גרעקא איז פארשוואונדן.

די גיטארע האט נאכאמאל ארויסגעלאזן א שארפן, קרעכצדיקן קלאנג.

די אנדאלוזיער נאכט איז געשטאנען שטיל און מאיעסטעטיש און דער באזילבערטער וועג האט אויסגעזען ווי ער וואלט זיך צונויפגעגאסן מיט דער אייביקייט.

ט

— איך האב דיך ליב, אמארילים, איך האב דיך ליב, — האט ראמאן געשעפטשעט,צופאלנדיק צו אירע ליפּן.

— שוין געהערט אזעלכעס . . . — האט זי געענטפערט. דאך האט זי מיט פארמאכטע אויגן געענטפערט אויף זיין קוש.

— די אויגן דיינע שיינען ווי די לבנה שטראלן און שימערירן ווי פּערל, — האט ער צוגעגעבן, — מיין נאמען איז ראמאן, דו קאנסט מיך אנרופן אזוי, ווען דו וועסט וועלן ריידן צו מיר, מיין טייערע.

— שפּאר זיך ניט אן אויף מיר אזוי שטארק, — האט אמארילים

געזאגט, — ראדריגא קאן עס באמערקן, און ער איז גאר ניט אזא לעמעלע, ווי דו שטעלסט עס זיך פאר. זיי אזוי גוט, ראמאן . . .

— איך האב אים פארפאקט, דיין ראדריגא, — האט ראמאן געענט־פערט, — דיין נשמה איז פארכאפנדיקער פון דער צויבערלעכער נאכט; דיינע אויגן דערציילן עס . . .

— עס דוכט מיר, אז דו עסקסט זיך צופיל מיט מיין נשמה, — האט אמארילים אויסגעשאסן און האט זיך צעלאכט.

אמארילים איז געווען שפאניש דורך און דורך, ביזן מארך פון אירע ביינער. איר בלוט איז געווען א געמיש פון א מאווריטאנישער מוטער און א קאטוילישן פאטער, — א וואנדערער, א מאנאד, וואס האט געפריידיקט גאטס ווארט און האט עס פארווירקלעכט אין בלוט און פלייש.

דאס טיפיש שפאנישע אין אמארילים איז געווען דאס, וואס זי האט מיט דער זעלבער לייכטקייט אויפגענומען זאכן הימלישע און ערדישע, ווער־טער און מעשים; דערשיינונגען פארויסבאשטימטע און באשערטע זיינען ביי איר אפט פארוואנדלט געווארן אין גרויע, באנאלע און פשוטע ווירק־לעכקייטן . . .

מיט דער דאזיקער לייכטקייט האט זי איצט געקוקט אויף ראמאנען און האט אים אריינגעלאכט אין פנים אריין.

— דו קלייבסט זיך דאך ניט צו חתונה האבן מיט מיין נשמה ? — האט זי אים א פרעג געטאן גאנץ נאאיוו און מיט לייכטן סארקאזם.

— וועגן דיין קערפער וואג איך ניט צו טראכטן אפילו, — האט ער אויפריכטיק געענטפערט. — איך קאן בלויז חלומען וועגן דעם רייץ פון דיין קערפער, וועלכער וועט אגב אויף שטענדיק זיין אן אפגעשלאסענער פאר מיינע ערדישע פארלאנגען.

— עפעס פארכליניעסטו זיך צופיל מיט דיין איטאליענישער העפ־לעכקייט, — האט זיך אמארילים ווידער צעלאכט, — א, איר גאלאנטע מענער ! פאעטן אזוינע ! . . — האט זי צוגעגעבן מיט א לייכטן זיפץ.

— איך האב דיך ליב מיטן גאנצן הארצן, — האט ער געשעפטשעט, — מיין ליבע צו דיר וועט זיך קיינמאל ניט ענדערן, פונקט אזוי ווי די זון וועט זיך קיינמאל ניט ענדערן.

— דו וועסט עס דארפן דערווייזן מיט מעשים, — האט אמארילים קאפריציעז א זאג געטאן.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אמארילים איז אויסגעוואקסן אַז באַזונ־דערער השגחה, כמעט אינגאנצן אויף גאָטס באראט, ווי מ׳זאָגט, איז זי דאָך באַזעסן א מערקווירדיקע אינערלעכע דיסציפּלין. זי פלעגט באַרעכענען יעדער טראָט אירן, אַזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז עמיצער זאָל זיך ניט אריינ־מישן אין איר לעבן, אָדער שטערן אירע פּלענער, און זי פלעגט עס טאָן מיט אַזא פּלאַנמעסיקער רויִקייט און פּאָרזיכטיקייט, ווי זי וואָלט געווען דערצויגן אין א קעניגלעכער הויז.

— מיינע מעשים וועלן אינגיכן ריידן פאַר מיר, — האָט ראַמאַן געזאָגט, — ווי נאָר איך וועל קומען אַהיים, וועל איך דערציילן וועגן דיר מיינע עלטערן און וועל זיי איבערגעבן וועגן דיין שיינקייט און וועגן דער הערלעכקייט פון דיין נשמה.

— וואָס ווייסטו וועגן מיין נשמה ? — האָט זי א זאָג געטאָן מיט א טאָן פון פאַראַכטונג, — פונדעסטוועגן מעגסטו עס דערציילן דיינע עלטערן.

— איך בעט דיך : לאָך ניט אַזוי, — האָט ראַמאַן געזאָגט ערנסט, — לאַך ניט, ווען איך רייד וועגן דיר. דיין נאָמען אפילו איז פאַר מיר א הייליקייט.

— אַזוי שנעל ? שוין א הייליקייט ? . . — האָט זי זיך פאַרוואונ־דערט. אבער אירע הענט האָבן אים דאָך שוין ניט אַזוי שטאַרק אָפּגעשטויסן פון איר און עס איז קאַנטיק געווען, אַז זי איז צופרידן מיט דעם איינדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט אויף אַזא גאַלאַנטן און פיל רייזנדיקן קאַוואַליערא.

— פאַראַן אַזעלכע מינים פּלאַנצן, וואָס וואַקסן זיי וואַקסן שנעל, זיינען זיי אָבער אויך טיף איינגעוואָרצלט אין דער ערד. מיין ליבע צו דיר איז אויך פון דעם מין. איך וועל זיך אינגיכן אומקערן אַהער צוריק, אין א וואָך, אָדער צוויי אַרום. אָבער יעדער שעה, וואָס איך וועל פון היינט אָן דורכ־לעבן אָן דיר, וועט זיין צוועקלאָז, פּוסט און לער.

— מיר וועלן זען, — האָט זי געזאָגט, — עס קאָן זיין, אַז דו רעדסט אַזוי דערפאַר, וואָס דיר אליין זיינען ניט קלאָר דיינע פאַרלאַנגען, ווילסטו זיך דעריבער איינריידן עפּעס אַזוינס . . .

זי האָט פונדעסטוועגן געלאָזן אירע הענט רוען אין זיינע, און ווען די לבנה האָט זיך באַהאַלטן אַהינטערן סיקאָמאָר־בוים און א טונקלקייט האָט זייביידן אַרומגעוויקלט, האָט זי אים דערלויבט צו קושן זי נאָך אַמאָל . . .

— אָבער ניט מער . . . — האָט זי שטיל געזאָגט — גיי, איך בעט

דיך, גיי אוועק. אפשר וועלן מיר זיך נאָך זען אין א וואָד ארום, אָדער צוויי, ווי דו זאָגסט, אויב דו וועסט מיך נאָך ביז דאן געדענקען . . .

— נאָר דער טויט קאָן מיך אָפשיידן פון דיר ! — האָט ער פּאַטעטיש אויסגעשריען, — א גוטע נאַכט, מיין ליבסטע, גאָט זאָל דיך שיצן און זאָל עפענען דיינע אויגן אויף מיין הייסער, הייסער ליבע.

פּלוצלונג האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אַלץ, וואָס ער האָט נאָר וואָס געזאָגט, האָט ער טאַקע געמיינט גאַנץ ערנסט . . .

אַז אמארילים האָט באַפרייט אירע הענט פון זיינע און איז פארשוואונדן אין געדיכטעניש פון דער נאַכט, האָט ראַמאָן אומדערוואַרט און מיט א לייכטן פּאַרדרוס אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זיין אומריין בלוט. דער דאָזיקער ניט־אַנגענעמער געדאַנק איז אים געקומען דערפאַר, ווייל ער האָט באַטראַכט אמארילים אלס א ריין־קאַטויליש געוויקס. אין פאַרגלייך מיט איר האָט ער זיך אַליין באַטראַכט ווי א פּאַריער.

אָבער פאַרוואָס זאָל דאָס זיין אַזוי ? — האָט ער געטראַכט, — האָב איך דען ניט ליב שפּאַניע און די שפּאַנישע ערד ? פולסירט דען ניט מיין בלוט אַזוי שטאַרק ווי דאָס בלוט פון די שפּאַנישע קעניגן און בישאָפן ?

און דאָך איז זיין זיידע געווען א יִיד, זיינע עלטערן זיינען אויך געווען ייִדן, ניט געקוקט אויף זייער לאָיאַליטעט צו דעם נייעם גלויבן, וואָס זיי האָבן אָנגענומען; ער אַליין איז אויך ניט מער ווי א געשמדטער ייִד, און אַלע באַציען זיך צו אַזעלכע מענטשן מיט באַהאַלטענעם חשד.

די צייטן ווען רבנים האָבן געקאָנט ווערן קאַרדינאַלן און בישאָפן, — זיינען שוין אַוועק. פאַרשוואונדן זיינען שוין די טעג פון דעם גרויסן כּעראַנימאָ סאַנטאַ פע; פון דעם אומפאַרגעסלעכן פּאַבלאָ דע סאַנטאַ מאַריאַ, וועלכער איז, ניט געקוקט אויף זיין ייִדישער אָפּשטאַמונג, געשטאַרבן א הייליקער, ווי יעזוס קריסטוס אַליין. עס וועלן זיך שוין ניט אומקערן די טעג פון דעם גרויסן אינקוויזיטאָר אַלאָנסאָ עספּינאַ, וועלכער האָט אויסגעראָטן הערעטיזם און דערמיט געלאָזן אַזעלכע טיפע שפּורן אין דער געשיכטע פון שפּאַניעס גאַנצקייט און וועלכער האָט פאַר דעם גרויסן צוועק זיך ניט אָפּגעשטעלט פון פירן צום עשאַפאָט אפילו פרינצן.

מיך וווּנדערט פון די אַלע איבערלעבענישן, וואָס ער האָט געהאַט דעם טאָג, איז ער איינגעשלאָפן, ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט.

ו

צו מאַרגנס, אַז ראַמאַן איז אַראָפּ אונטן, האָט ער שוין געפונען די פערד פּאַרטיק צו דער רייזע.

דער קרעטשמער איז געשטאַנען ביי דער טיר און געוואַרט מען זאָל אים באַצאָלן, — אין זיין לאַנג־יאָריקער דערפאַרונג, אַלס קרעטשמער, האָט אים שוין ניט איינמאָל געטראָפן, אַז גאַנץ בכבודיקע קאַוואַליערן־דורכפאָרער האָבן זיך אַרויסגעגנבעט דורך דער הינטער־טיר און ניט באַצאָלט, וואָס פון זיי האָט געקומט . . .

די קרעטשמע האָט איצט, אַז אינעווייניקסטער באַלויכטונג, אויסגעזען ווי אַן אויסגעלאָשענע און פאַרלאָזענע בינע.

די שמאָלע טרעפּ זיינען געווען אַלט און האָבן געקרעכצט אונטער די פיס.

בילדער פון פאַרשיידענע הייליקע, אַלטע, אָפּגעריבענע, מיט קענטיקע שפּורן פון לאַנג־יאָריקער טעטיקייט פון פליגן . . . זיינען געהאַנגען אויף די ווענט און האָבן אַראָפּגעקוקט אויף דער וועלט מיט אויסגעקראַכענע אויגן.

אַלע פענצטער זיינען געווען צוגעמאַכט מיט פאַרריגלטע לאָדן און די לופט אין שטוב איז געווען געדיכט און שטיקנדיק.

דער קרעטשמער האָט געציילט דאָס געלט, וואָס מ'האָט אים נאָר־וואָס באַצאָלט, געפּרוּווט אויף די ציין די זילבערנע מטבעות און האָט געזאָגט:

— גאָט זאָל אייך שיצן, מיינע נאָבעלע און ברייטהאַרציקע געסט . . .

די קינדער זיינען געשטאַנען און האָבן נאָכגעקוקט די געסט נייגעריק, מיט אָפענע מיילער.

דעם גאַנצן פרימאָרגן האָט ראַמאַן ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זאָגן אַמאַרילים עפּעס א וויכטיק וואָרט . . . און עס זיינען געווען אַזויפיל זאַכן, וואָס ער וואָלט איר וועלן זאָגן . . . זאַכן אַזעלכע, וואָס האָבן געד־יקט אויף זיין מוח און אויפגערודערט זיין געמיט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז א פּשוטע דינסטמיידל פון ערגעץ א פאַרוואָרפן דערפל, זאָל פאַנגען זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, זיין גאַנצע איינבילדונג־קראַפט מיט אַזאַ פאַרכאַפנדיקן כוח.

ער האָט געליטן שווידערלעך. ער האָט פיינט געקראַגן דאָז־כעזוסן, וועלכער איז אים געווען אין וועג און האָט אים געשטערט נאָך אַמאָל און

נאָך אַמאָל זאָגן אַמאַרילים וועגן זיין הייסער און אייביקער ליבע.

אַז די פערד האָבן זיך גערירט פון אָרט, האָט ראַמאַן, מיט אַ באַ־וועגונג פון האַנט זיך געזעגנט מיט אַמאַרילים.

אַמאַרילים האָט זיך פאַרנויגט מיט ווערדע און שטאָלץ.
די צוויי מענער האָבן זיך געלאָזן אין וועג.

די לופט איז געווען קיל. די פעלדער זיינען געלעגן קאַלטע פון דעם פרימאָרגן טוי.

ראַמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט אין דעם שטייגרימען פון זאָטל, כדי נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן אויף אַמאַרילים, וועלכע איז געשטאַנען ביים ברונעם מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ און אירע נאַקעטע פיס האָבן אויסגעזען שטייף און ראָז אין ליכט פון פרימאָרגן. קוקנדיק אויף איר האָט ראַמאַן מיט שרעק געטראַכט צי זעט ער זי ניט צום לעצטן מאָל, און זיין האַרץ האָט זיך אַנ־געפילט מיט טרויער. דאָן־כעזוס האָט אים אָבער ניט געלאָזט לאַנג טראַכטן און אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי ביידע פאַרשוווּנדן.

די רייזע איז געווען אַן אַנגענעמע און ווי אַלע אַנגענעמע זאַכן, איז עס שנעל פאַרביינגעגאַנגען.

זיי האָבן זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט אין מאַראַן און האָבן דאָרט דערוויל ביינעוווינט אַ טעאַטער פאָרשטעלונג: אַ וואַנדער־טרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי דערוואַקסענע און איין קינד האָבן געשפּילט "דער נס פון די זיבן געטויפטע".

די פאָרשטעלונג גופא האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ נס, וואָרים די צוויי און אַ האַלב אַקטיאָרן האָבן נעבעך באַדאַרפט שפּילן פאַר גאַנצע זיבן.

נאָך דער פאָרשטעלונג זיינען זיי אַוועק ווייטער, געבליבן נעכטיקן אין דער אַלטער שטאָט אוטרערא און ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן טאָגן האָבן זיי זיך ווידער געלאָזן אין וועג אַריין. עס האָט זיי אויך אָפּגעגליקט אָנצו־טרעפן אַ פּראָצעסיע פון דער הייליקער ראָזארי ברודערשאַפט, וועלכע איז געגאַנגען צו דער מאָרגן תּפילה אין קירך אַריין.

ראַמאַן האָט תּפילה געטאָן אין דער שטיל, פאַר זיך אַליין, נאָכשפּי־רנדיק מיט זיינע אויגן די מאָנאַכן מיט די שפּיציקע קאַפּ־צודעקן.

זיי האָבן זיך ביסלעכווייז אַלץ מער דערנעענטערט צו סעווילי־ע. דאָן־כעזוס האָט אַ קלאַפּ געטאָן ראַמאַנען איבערן פּלייצע און האָט געזאָגט:

— אַלע רייזעס ענדיקן זיך מיט גאָטס הילף, און אויך טאַקע מיט

זיין הילף איז דער סוף פון יעדער זאך כמעט שטענדיק פארבונדן און פארקניפט מיט אן אנהויב פון אן אנדער זאך. און די אלע זאכן ציען זיך דורכן לעבן ווי איין לאנגע קייט. אזוי, האף איך, וועט דער סוף פון אונדזער רייזע זיין אן אנהויב פון אונדזער פריינטשאפט, וועלכע וועט זיכער זיין אן אויפריכטיקע און ניט קיין שנעל פארבייגייענדיקע.

און באמת האט זיך טאקע צווישן זיי פארקניפט אן אויפריכטיקע פריינטשאפט. ראמאן האט אים שוין אפילו מוחל געווען, וואס ער איז אים געשטאנען אין וועג און געשטערט א גאנצן פרימארגן צו ריידן צו אמארילים. בכלל איז ראמאן געווען פאראינטערעסירט אין כעזוסעס פריינטשאפט צוליב דער פשוטער סיבה, וואס ער איז געווען א געניטער רייזנדער, וואס האט שוין באזוכט האלאנד, איטאליע און פארטוגאל און האט געהאט אן א סוף אינטערעסאנטע מעשיות צו דערציילן וועגן זיינע נסיעות.

האלאנד, למשל, איז ביי אים געווען זייער רייך מיט מילך און האניק. די האלענדישע קעזן זיינען געווען אויסערגעווינלעך גוטע און געשמאקע און די קרעטשמעס דארט זיינען ממש אומפארגלייכבארע. די האלענדער זיינען בכלל ליבע מענטשן, הגם זיי זיינען הערעטיקער, — אבער גאט אליין, זעט אויס, האט באשטימט, אז זיי זאלן זיין הערעטיקער, ווארים, — האט דען פיליפ דער לעצטער זיך ניט געמיט מיט אלע כוחות אויסצוראטן זיי ? און דאך האט זיך עס אים ניט איינגעגעבן. דאס איז דער בעסטער סימן, אז גאט אליין האט געוואלט זיי זאלן בלייבן הערעטיקער.

דאן־כעזוס איז געווען א צוהערער ניט קיין ערגערער ווי א דערציילער. מיט א נאכגיביקער רויקייט פון אן עלטערן און דערפארענעם מענטשן און עכטן שפאניער, האט דאן־כעזוס ניט פארגעווארפן ראמאנען זיינע יוגנטלעכע אוואנטיורעס. ער איז ניט געווען היפאקריטיש, — אין דער יוגנט האט ער אויך געטאן אזעלכע זאכן. יוגנט און ליבע זיינען אומצעשיידבאר. אפילו קעניגן זיינען אונטערווארפן דעם זעלביקן גורל.

דער קאטוילישער מאיעסטעט, קעניג פערדינאנד, למשל, וועלכער האט געראטעוועט שפאניע מיט דעם, וואס ער האט ארויסגעטריבן פון לאנד אלע יידן, אפילו ער האט געהאט א טוץ ממזרים, וועלכע ער האט שפעטער דערהויבן צום ראנג פון קארדינאלן און בישאפן. פיליפ דער לעצטער, ווי מען דערציילט, האט געהרגעט זיין אייגענעם זון, ווייל ער האט געוואלט האבן פאר זיך דעם זונס כלה. און אז פיליפ האט דאס טאקע געמיינט ערנסט,

באוויזט דער פאקט, וואס ער האט מיט איר טאקע חתונה געהאט. מ׳דער־ציילט אויך, אז דער זעלבער פיליפ האט געהאט א האנט אין דערהרגענען זיין אייגענע ווייב.

ראמאן האט זיך ארומגעקוקט און האט אראפגעלאזן די אויגן. אזעלכע שמועסן פלעגן אים אויפרעגן און ארויספירן פון גלייכגעוויכט.

— איך האב אויך געהערט עפעס אזוינס, אבער עס גלויבט זיך קוים, — האט ער געזאגט כלומרשט גלייכגילטיק.

— פארקערט, — האט דאן־כעזוס געזאגט, — אלע וויסן, אז ער האט דאס געטאן. די סיבה זאל האבן געווען דאס, וואס זיי האבן זעקס יאר קיין קינדער ניט געהאט און זי האט אים דער׳עסן. געשטארבן איז זי פון א מפיל. דאקטוירים האבן איר געגעבן ניט די געהעריקע רפואות . . .

— ווער אזוינס בין איך דען, איך זאל משפטן מאנארכן?! — האט ראמאן געזאגט. עפעס האט אים געשראקן דאן־כעזוס. דער דאזיקער מענטש, וואס אויסגעזען האט ער ווי א פרינץ און גערעדט האט ער ווי א הערעטיקער. — וויים איך, מאלע וואס מען דערציילט, טעותן קאנען פאסירן אומעטום.

— דו ביסט יונג און דעריבער ביסטו לייכט מוחל זאכן, — איך קאן דאס פארשטיין, איך קאן דאס באנעמען, — האט דאן־כעזוס געזאגט, — אבער דו פארשטייסט דאך . . .

—א, לאמיר פארגעסן די טויטע זאכן, — האט ראמאן איבערגעריסן שנעל, ווייל שטענדיק, ווען דאן־כעזוס האט גערעדט וועגן אזעלכע זאכן, האט ער זיך געפילט זייער אומבאקוועם.

— איז דאס לעבן דען ניט פול מיט פרייד ? — האט ראמאן פאר־געזעצט, — אין ברינדיז האט אן אביסיניער מיידל, געשפילט פאר מיר אויף א גיטארע. דאס מיידל איז געווען הויך און שלאנק ווי א צעדערבוים. דער קאליר פון אירע באקן איז געווען ווי דער קאליר פון שווארצע האלץ און אירע ציין זיינען געווען ווייס ווי עלפנביין. איך וועל זי קיינמאל ניט פאר־געסן. עס איז געווען טשיקאווע צו אנקוקן, ווי זי האט דאס גאנצע געוויכט פון איר קערפער אנגעשפארט אויף אירע רונדע היפטן. וואס פאר א פיינע שטים זי האט געהאט ! ווי פראכטפול זי האט געשפילט און געזונגען ! יעדער ליניע פון איר געטלעכן קערפער איז געווען א געזאנג צום הימל.

דאן־כעזוס האט אבער עקשנותדיק פארגעזעצט דעם געשפרעך אויף זיינע באליבטע טעמעס, נעמלעך : וועגן די קארופטירטע דינער פון דער

רוימישער קירך, וועלכע זיינען געווען גייציק און אויסגעלאסן; וועגן די די קורטיזאנקעס פון דעם פויפסט און וועגן די קארדינאלן מיט זייערע ממזרים. נאר ראמאן האט אים פלוצלונג שארף איבערגעריסן און האט אנגעהויבן ריידן מיט א תפילה־טאן וועגן די הייליקע מארטירער, וועגן רוים, די שטאט פון הייליקע פויפסטן און סאנט פיטער. ער האט עס געטאן דערפאר, ווייל איצט איז פאר אים כמעט קיין ספק ניט געווען, אז זיין מיטרייזנדער איז א געהיימער אגענט פון דער אינקוויזיציע און ער שפירט אים נאך כדי שפעטער צו לאזן וויסן וועגן אים.

און וואס מער דאן־כעזוס האט געטאדלט די ברוטאליטעט פון דער קירך, אלץ מער האט זיך ראמאן אפגעהאלטן פון ריידן און אלץ שטארקער איז געווארן זיין מורא פאר דעם אומבאקאנטן מענטשן, וועלכער האט אים געראטעוועט דאס לעבן.

יא

אין אוונט זיינען זיי אנגעקומען קיין סעווילי.

די גיראלדא און דער גאלדענער טורעם מיט זייער שארפן אויסטייל זיך אויפן פאן פון פארחלומטן בלויען הימל, האבן זיי פריינטלעך באגריסט.

די גאסן, אפגעקילטע דורך דעם פראסטיקן שיין, וואס די ווייטע שטערן האבן אויף זיי געגאסן, האבן באפרייט די פארחלשטע ענערגיע פונם הייסן נאכמיטאג.

עס האט זיך געטראגן א גלעקער געקלאנג. מענער און פרויען זיינען מאסנווייז ארויס פון די קירכן; מאנאכן און גלחים זיינען פארבייגעגאנגען און האבן געקניט פאר די הייליקע סטאטועס און צלמים, וואס זיינען געשטא־נען איבעראל.

דאס איז געווען ראמאנס דריטער באזוך אין סעווילי. אבער קיין איין מאל האט ער נאך ניט באמערקט אזא קעניגלעכע רייכקייט און פארבי־קייט, ווי ער האט באמערקט דאס מאל.

א מאן, אן איינגעוויקלטער אין שמאטעס, האט אויפן ווינקל פון סיערפער גאס, געקלאפט אין א פויק, אנאנסירנדיק דעם עקסטראארדינערן אקסן־קאמף, וואס וועט פארקומען זונטיק. די שמאלע סיערפע גאס איז געווען פול מיט שפאצירנדיקן עולם. באגלייט פון פעטע, צעשוואומענע מאמעס און מומעס, האבן פארנומען כמעט די גאנצע גאס. די מענער זיינען געזעסן אויף באמבוקענע שטולן, האבן געטרונקען שערבעט

און אנדערע קאלטע געטראנקען און האבן געשמועסט וועגן רייזעס קיין דרום־אמעריקע, צו די אינדיערס; וועגן דער פראכט־שיף, וואס איז אנגעקומען פון קליין שפאניע; וועגן דעם נייעם טאנץ־זאל, וואס דארף זיך איינגיכן עפענען אין אלאמעדא, ווו שווארצע בערבעריער מיידלעך וועלן טאנצן אין זייער גאנצער פארכישופנדיקער נאקעטקייט, און דער עיקר האבן זיי היים גערעדט וועגן זונטיקדיקן אקסן־קאמף.

איינגיכן זיינען זיי אנגעקומען אין אן אנדער שטאט־טייל, אלאמעדא, וועלכע איז אויך געווען געפאקט מיט שפאצירנדיקן עולם, — בעאבאכטער און גנבים.

צוויי איטאליענישע אקטיארן — א מאן און א פרוי — האבן גע־גלאנצט מיט זייער קענטעניש אין דער קאמעדיע דעל ארטע. דער מאן איז געווען קליין, פעט און מיאוס, און די פרוי איז געווען הויך, דאר און מיאוס.

צווישן דעם גרויסן עולם, וואס האט צוגעקוקט די פארשטעלונג, האבן זיך ארומגעדרייט פאליציי־לייט און נאכגעשפירט די גנבים, וועלכע האבן גאנץ דרייסט און אומפארשעמט געזוכט ווו אן אפענע קעשענע. מאנאכן זיינען אומגעגאנגען און פרום געזוכט די "ניט גוטע". . .

די פארשטעלונג האט זיך געענדיקט און דער עולם האט זיך א לאז געטאן צו אן אנדער פלאץ, ווו א מאן האט געשפילט אויף א גיטארע אונטער דער באגלייטונג פון אן אנדער מאן, אויף א טאמבורין און א קליין קעסל־פויק.

אין דער צייט, ווען די דאזיקע צוויי מענער האבן געשפילט און גע־זונגען, האבן אנדאלוזיער הענדלער, וואס האבן אויסגעזען ווי ציגיינער, פארקויפט פארשיידענע שפייזן, צוגעגרייטע פון ים פיש, און האבן אויך אנגעבאטן דעם בארימטן געזאלצענעם ארבעס . . .

אויף די טראטוארן האבן זיך ארומגעדרייט א פאר טוץ פרויען, געפארבטע און אויסגעפוצטע אויף אן ארויסרופנדיקן אופן. פרויען פון דע־אור־אלטער פראפעסיע . . . און האבן געזוכט עפעס פרנסה דורך אנרייצן די פארבייגייענדיקע מענער מיט צווייפלהאפטע ווערטלעך און באוועגונגען.

איינע פון די דאזיקע פרויען האט געוואלט ארייננכאפן אין איר נעץ ראמאנען.

— וואס פאר א צויבערהאפטע שטאט ! — האט ראמאן געזאגט, — ס'איז אמת וואס מען זאגט, אז סעווילע פארמאגט אלע זיבן וואונדער פון דער

וועלט ! א שאַד, וואָס איך קאָן דאָ ניט פאַרבלייבן לענגער ווי איין טאָג. מיינע עלטערן דערוואַרטן מיך מיט אומגעדולד.

— געבענטשט זאָלן זיין די עלטערן, וואָס האָבן אויסגעהאָדעוועט אַזאַ איבערגעגעבענעם זון, — האָט דאָן־כעזוס געמאַכט אַ קאָמפּלימענט.

— ווי אַפט האָב איך זיך געווונטשן, אַז גאָט זאָל מיך בענטשן מיט אַ זון ? געבענטשט האָט ער מיך אָבער מיט אַ טאָכטער, און זי איז טאַקע געוואָרן דער עיקר פון מיין לעבן. איך בין ניט פאַרבלענדעט מיט פאָטער־ליבע און וועל דעריבער ניט איבערטרייבן, אויב איך וועל זאָגן, אַז זי איז גוט און צאַרט ווי אַ טויב, און ווי לייט זאָגן, איז זי אויך זייער שיין.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף מאַראַמערטאַ גאַס, לעבן דאָן־כעזוסעס הויז.

דאָן־כעזוס האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַן אַלטע פרוי האָט געעפנט און דערזעענדיק אים, האָט זי פון איבערראַשונג אַ געשריי געטאָן און איז צוגעפאַלן צו זיין האַנט מיט אַ קנעכטישן קוש.

אין אַ מינוט אַרום איז אין גרויס אויפרעגונג אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ זיין פרוי און איז אַריינגעפאַלן אין זיינע אָרעמס.

סעניאָראַ דאָן־כעזוס איז געווען אַ פרוי, וואָס האָט זיך געהאַלטן מיט גרויס ווערדע און האָט פאַרמאָגט אין איר אויסזען אַ היפּש ביסל שפּורן פון איר אַמאָליקער יוגנט־שיינקייט.

— ווו איז דאָלאָרעז ? — האָט דאָן־כעזוס ענערגיש און נייגיריק אַ פרעג געטאָן.

— זי פאַרענדיקט איר אויסנייען. זי וועט באַלד אַראָפּקומען, — האָט די פרוי געענטפערט.

— גאָט זיי דאַנק ! — האָט דאָן־כעזוס צופרידן צוגעגעבן.

יעדער מאָל, ווען דאָן־כעזוס פלעגט פאַרלאָזן סעווילע, פלעגט ער זיין זייער באַזאָרגט וועגן זיין בת־יחידה, דאָלאָרעז, וועלכע ער האָט געהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. ער איז געווען באַזאָרגט וועגן איר, ווייל שפּאַניע איז געווען דאָס קלאַסישע לאַנד פון עלעגאַנטע לײדיקגייער . . .

זיי זיינען געשטאַנען אין אַ פּראַכטפולער וועראַנדע; לעבן די שייך־געשניצטע קאָלאָנעס זיינען געשטאַנען הויכע שטיינערנע אורנעס און מאַיאָ־ליקענע בלומען־טעפּ באַפּאַרבט מיט גרינע און געלע אָרנאַמענטן.

דער הויף, הינטער דער וועראַנדע, איז געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט

פיינע טאַלאַוועראַ ציגל און די פאַרגייענדיקע זון האָט דאָס אַלץ באַגאָסן מיט ווייכן רויטלעכן גאָלד.

אַ יונג מיידל האָט זיך באַוויזן אויפן באַלקאָן און האָט זיך אַנגע־שפּאַרט אויפן באַליוסטראַדע.

— פּאַטער ! — האָט זי אויסגעשריען און האָט זיך פאַרהאַקט, באַמערקנדיק דעם פרעמדן מאַן.

— קום אַראָפּ, מיין קינד, — האָט דאָן־כעזוס געזאָגט שטיל און צאַרט, — קום אַראָפּ, שעם זיך ניט. דער נאָבעלער מאַן, וואָס שטייט דאָ, איז מיינער אַ פריינט.

דאָלאָרעז איז געווען שלאַנק און אויסערגעוויינטלעך שיין. דאָס איז געווען אַ ספּעציפישע שיינקייט, מיט וועלכער עס זיינען באַשאָנקען בלויז אַנדאַלוזיער פרויען. אַ שיינקייט, וואָס איז באַהויכט מיט וויטן צאַ־טרוים . . .

דאָן־כעזוס האָט זי אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און האָט גערעדט צו איר מיט דעם ספּעציפיש נאַאיוון טאָן, מיט וועלכן דערוואַקסענע ריידן צו קינדער.

און דאָלאָרעז, ווייזט אויס, האָט ליב געהאַט דעם דאָזיקן מין ריידן ווייל זי איז דאָך באמת געווען יונג, זייער יונג. נאָר דאָזכעזוס האָט, ווי אַלע טאַטעס, פאַרזען איר וואַקסנדיקן, הייסן טעמפּעראַמענט.

ראַמאָן האָט זיך טיף פאַרנייגט, צולייגנדיק איין האַנט צום האַרצן און מיט דער צווייטער צוהאַלטנדיק דעם שווערד, און האָט גאַלאַנט געזאָגט :

— איך בין באמת ניט ווערט דעם כבוד אַנצוקוקן אַזאַ אײדעלע און פּרעכטיק־שיינע פריילין — אַ בלום פון אַנדאַלוזיער שיינקייט.

דאָלאָרעז האָט אַ קער געטאָן איר גראַציעזן קאָפּ צו ראַמאָנען און מיט אַ ווינקל פון אירע אויגן, האָט זי באַקוקט זיין שלאַנקע פיגור, זיינע געבאַליעטע וואָנצעס, דאָס שפּיציקע שפּאַניאַלישע בערדל און די פיין־געניייטע בגדים אויף אים.

עס איז געווען אַ פאַרגעניגן אים אַנצוקוקן און זי האָט גלייך באַ־שטימט, אַז ער איז זייער פּאַסיק פאַר אַ לייכטן פלירט.

— דאָן־ראַמאָן וועט בלייבן ביי אונדז איבער נאַכט, — האָט דאָן־כעזוס געזאָגט. — איך קאָנט זיך פילן דאָ אין הויז פּונקט ווי ביי זיך אין דער היים, — האָט ער צוגעגעבן, ווענדנדיק זיין בליק צו ראַמאָנען.

— אַ, דאַן־כעזוס! איר האָט געראַטעוועט מיין לעבן. איר זייט מיין מלאך און דערלייזער. איך און מיין פאָטער וועלן תמיד גאָט בעטן פאַר אייך, פאַר אייער געזונט און ווילזיין, — האָט ראַמאָן געענטפערט.

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו דאָלאָרעזן און האָט איר אויספירלעך דערציילט וועגן אַלץ, וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט אונטערוועגנס.

— דערלויבט מיר צו באַגלייטן אייך אין אייער צימער, — האָט דאָן־כעזוס געזאָגט צו ראַמאָנען, — איר זייט זיכער מיד פון וועג. דאָנאַ דאָלאָרעז וועט אייך מוחל זיין דאָס מאָל.

— איך בין לחלוטין ניט מיד, — האָט ראַמאָן געענטפערט, קוקנ־דיק אויף דאָלאָרעזן, — אָבער איך וואָלט וועלן ברענגען זיך אין אָרדענונג, כדי כאָטש אביסל צו פאַרדינען די אויפמערקזאַמקייט, וואָס דאָנאַ דאָלאָרעז וועט מיר אפשר שענקען.

— איך בין גערירט פון אייער פאַרלאַנג, — האָט דאָלאָרעז געזאָגט. און זייערע ברענענדיקע אויגן האָבן זיך באַגעגנט.

ראַמאָן האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס וועט זיין ניט קיין גרינגער ביסן צו באַקומען דאָס דאָזיקע מיידל און דער מעגלעכער זיג וועט אָנקומען זייער שווער . . .

דאָלאָרעז איז ווייט געווען פון נאַאיוויטעט. אין איר אויסוואַל פון געליבטע האָט זי זיך שטענדיק גערעכנט בלויז מיט אירע אינסטינקטן און מיט איר אינטואיציע אין ליבע אַנגעלעגנהייטן.

די מעגלעכקייטן, וועלכע דער יונגערמאַן מיט די זיידענע האָנצעס באַזיצט, האָבן אָנגערעגט איר נייגיריקייט און זי האָט אים גלייך אַרומגע־רינגלט מיט אַ ווייכן, צוזאָגנדיקן בליק.

ראַמאָן האָט אויסגעזען ווי פאַרשעמט אביסל און דאָס האָט נאָך מער אויפגערעגט איר נייגיר און עס אויפגעהויבן כמעט ביז דער העכסטער הויך.

— איצט, מיין קינד, — האָט דאָן־כעזוס געזאָגט, — גיי העלף דער מוטער צוגרייטן אָוונט־ברויט און מיר וועלן זיך דערווייל אַרומוואַשן און ברענגען זיך אין אָרדענונג.

דאָלאָרעז האָט אַ וואָרף געטאָן אַ לעצטן וואַרימען בליק אויף ראַמאָנען און איז שנעל פאַרשוואונדן פון די פּ־עפּ, זינגענדיק אַ פריילעך לידל.

ראַמאָן האָט זי באַגלייט מיט פאַרטרוימטע אויגן.

— זי איז זייער שיין, אייער טאָכטער, — האָט זיך ראַמאָן געווענדט צו דאָן־כעזוס, — און אירע אויגן זיינען זייער קלוגע.

— איך האָב זי אויסגעהאָדעוועט און געפירט אין גאַטס וועגן, — האָט דאָן־כעזוס געענטפערט מיט א טיפן ערנסט, — שיינקייט איז אַן ערדי־שע, איבערגייענדיקע זאך. עס קומט און פארשווינדט, אבער גייסט איז אייביק און עס קומט פון גאָט.

ראַמאָן איז געשטאַנען מיט א געבויגענעם קאָפּ, הגם ער האָט קיין וואָרט ניט געהערט פון דעם, וואָס דאָן־כעזוס האָט געזאָגט.

אין זיין הארצן האָבן זיך צוזאמענגעשטויסן צוויי געפילן : די ליבע צו אמארילים און דער אומדערוואַרטעטער און שטאַרקער איינדרוק, וואָס די פייערדיקע דאָלאַרעס האָט אויף אים געמאַכט. ביי דעם ערשטן בליק האָט זי אריינגעוואָרפן א פייער אין זיין הארצן און קעגן איר האָט אמארילים אויסגע־זען אזוי קליין, דאָרפיש און נישטיק, אז עס דאַרף גאָר ניט לאַנג דויערן צו פארגעסן זי אונטער דער ווירקונג פון דאָלאַרעסעס פייערדיקע אויגן.

— איך האָב זיך א צייט געקענט מיט אייער פאָטער, — האָט ראַמאָן דערהערט דאָן־כעזוסעס שטים. דאָס האָט אים ארויסגעפירט פון זיין צעטראָ־גענער פארגליווערטקייט און זיי זיינען ביידע אַוועק אין זיין צימער.

— איך בין זייער צופרידן, וואָס כ׳וועל קאָנען דערציילן מיין פאָטער וועגן אונדזער פריינטשאַפט, — האָט ראַמאָן קוים ארויסגעשטאַמלט.

— דאָס איז געווען אין דער צייט ווען אייער פאָטער איז געווען דער קאָנטראָלער פון דעם ראַט פון די וועסט־אינדיער. איך האָב דאַן דערוואַרט עטלעכע פראַכט־שיפן פון בראַזיל און האָב זיך דאַן אויך געטראָפן מיט אייער פאָטער. ער איז זייער א נאָבעלער מאַן און אַן אַנגעזעענער מענטש.

אין דער צייט ווען דאָן־כעזוס האָט מיטן מויל גערעדט אזעלכע ווייכע און זיסע רייד, האָט זיך אין זיין הארצן פלוצלונג אַנגעצונדן א פייער פון שינאה צו דעם מענטשן, וועגן וועלכן ער האָט גערעדט; זיין קאָפּ איז פאַר־פלייצט געוואָרן מיט האַלב־פארגעסענע זכרונות וועגן דעם משומד אגירעס.

ער האָט זיך איצט דערמאַנט וועגן אים זייער קלאָר און בולט. ראַ־מאָנס פאָטער איז פול געווען מיט האַס צו זיינע אייגענע ברידער, צו זיינע עלטערן און אור־עלטערן.

מען זאָגט, אז א שקלאַף ווערט א האַר, איז ער ערגער ווי דער ערג־סטער האַר. צו דעם דאַרף מען צוגעבן דאָס פאָלגנדיקע : אז א ייד ווערט א

משומד, איז ער ערגער פון א הונט. א משומד דארף שטענדיק דערווייזן, אז ער איז ניט קיין משומד . . .

דער אלטער אגירעס האט דערצויגן זיין זון, ניט באקאנענדיק אים אפילו מיטן גלויבן פון זיינע עלטערן. אבער אפזונדערן זיך אינגאנצן פון דעם, האט זיך אגירעסן ניט איינגעגעבן: לאנגע צינגער פעלן ניט און די וואכזאמע אויגן פון דער הייליקער אינקוויזיציע האבן אויך ניט ווייניק מיט־געהאלפן, אז ראמאן זאל זיך דאך דערוויסן אז ער איז א ייד.

— נו, נו, מיר וועלן שוין זען, — האט דאן־כעזוס געמורמלט פאר זיך אליין און פיבערהאפט געריבן זיך די הענט.

וואס ער האט מיט דעם געמיינט, — האט ער אליין ניט געוווּסט און מיט די ווערטער איז ער אוועק צו זיך אין צימער.

יב

ראמאן האט זיך באמיט צו באקעמפן זיין אומגעדולד בנוגע דאלארעז. ער האט פארשטאנען, אז עס זיינען דא אין פערספעקטיוו מעגלעכקייטן. ווער ווייס? — אפשר טאקע חתונה האבן מיט דאלארעז און אמארילים זאל בלייבן זיין מעטרעסע.

ער האט זיך צוריקגעקערט אויפן ווערואנדע און זיך צוגעקוקט ווי די גאלדענע פישעלעך שפילן זיך אין אקוואריום. באמת אבער האט ער געווארט אויף דאלארעז — אפשר וועט זי אראפקומען . . . זיינע אויגן האבן גע־בלאנדזשעט ארום דער ווערואנדע, ארום דעם עקזאטישן באלקאן, — און מיטאמאל האט ער באמערקט די שלאנקע פיגור פון דאלארעז. זי איז גע־שטאנען איבערגעבויגן איבערן באלקאן; ער איז א ווײַלע געבליבן זיצן אומבאוועגלעך, עלעגאנט־מעלאנכאליש און פארטרוימט. דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבן און האט זי באגריסט, ווי מען באגריסט א פרינצעסין.

זי האט פארמאכט איר פעכער און האט זיך גראציעז אראפגעלאזן פון די טרעפ צו אים אויפן ווערואנדע.

ער האט מיט זיין געשטיקט טיכל אפגעשטויבט די שטיינערנע באנק. זי האט זיך געזעצט לעבן אים און האט זיך אנגעהויבן שפילן מיטן וואסער אין אקוואריום.

אין איר דינער, שלאנקער פיגור, איז געווען עטוואס שלאנגישעס. די בויגעוודיקייט און עלאסטישקייט פון איר קערפער איז נאך בולטער געוועזן אונטערגעשטראכן דורך א שטרענגער, שווארצער קלייד, וואס האט פעסט

ארומגעצויגן איר פיגור און קאָנטראַסטירט מיט אַ שניי־ווייסן שאַל אויף אירע רונדע שולטערן.

— איך האָב אַ סך מאָל געהערט, אַז סעווילִיע באַזיצט די זיבן וווּנ־דער פון דער וועלט, — האָט ראַמאָן אָנגעהויבן אַ געשפּרעך, — מיר דוכט, אַז מען האָט פאַרפעלט צו ציילן דעם אַכטן ווונדער, וועלכער איז נאָך וויכ־טיקער ווי די אַלע זיבן.

— וואָס איז עס פאַר אַ ווונדער ? — האָט דאָלאָרעז געפרעגט.

— די סעווילִיער פרויען זיינען דאָך ווונדער פאַר זיך אַליין ! — האָט ער פאַרגעזעצט, — עס איז דאָ אין זיי עפּעס אַזוינס, וואָס עס טיילט זיי אויס פון אַלע אַנדערע פרויען אויף דער וועלט.

— אָ, די סעווילִיער מענער זיינען ניט אַזוי פאַלירט ווי די איטאַ־ליענער, — האָט זי אים געשענקט אַ קאָמפּלימענט.

— איר זייט זייער גוט צו מיר, סינאָריטאַ, — האָט זיך ראַמאָן פאַרנויגט. — איך האָב אייך עפּעס געוואָלט פרעגן : איר זייט דאָך זיכער גוט באַקאַנט מיט סעווילִיע. קאָנט איר מיר אפשר זאָגן ווו איך וואָלט געקאָנט געפינען עטלעכע גוטע מוזיקער ?

— איך גלויב, אַז איצט איז שווין צו שפּעט פאַר דעם, — האָט דאָ־לאָרעז געענטפערט, — אפשר קאָנט איר מיר זאָגן צו וואָסער צוועק איר באַדאַרפט עס ?

— איך וואָלט וועלן, אַז אַפילו די שטומע שטיינער פון דער וועראַנדע זאָלן קלינגען מיט מוזיק פון אייערט וועגן . . .

— אָ, דאָס איז זייער שיין פון אייך, — האָט זי געזאָגט.

— און דאָס וואָלט געווען בלויז אַ קליינער טייל פון דעם צינז, וואָס עס קומט אייך פאַר אייער שיינקייט . . .

— עס איז גליַיך צו דערקענען, אַז איר קומט פון איטאַליִע, דאָרט זיינען די קאַוואַליערן עלעגאַנט און פּערפעקט.

ער האָט זיך פון איר באַמערקונג דערשפּירט געשמייכלט און האָט אָנגעהויבן זינגען אַ פאַרפירעריש נעאַפּאָליטאַניש לידל.

די דאָזיקע לייכטע פאַרוויילונג האָט דאָלאָרעזן אַמוזירט.

דעם גאַנצן נאָכמיטאָג איז זי געווען זייער אומרואיק, געקריצט אַזש מיט די ציין פון יוגנטלעכער אומגעדולדיקייט, געציילט די שעהן, די מינוטן, ווען איר געליבטער וועט זיך אין דער נאַכט אַריינגנבענען אויף דער וועראַנדע

און פון דאָרט צו איר אין צימער. און איצט האָט איר גאָט אַליין צוגעשיקט אַזאַ פיינעם קאַוואַליער, מיט וועלכן זי קאָן פאַרברענגען עטלעכע שעה, וואָס וואָלטן זיך אַז אים געשלעפּט לאַנגווייליק און מאָנאָטאָן.

זי האָט געשפּילט אויף זיין סענסיטיוויטעט מיט א דערפאַרנקייט פון א געניטן גיטאַר־שפּילער, וואָס האָט גוט געוווּסט ווי שטאַרק מען קאָן אַנציען די סטרונעס, אַז זיי זאָלן ניט פּלאַצן . . .

עס איז קלאָר געווען, אַז ראַמאָן איז שוין פאַרליבט אין דאָלאָרעס. ווען ער האָט געקוקט אויף איר, האָט ער אינערלעך געדיכטעט פאַר איר סאָנעטן, וועלכע ער האָט געוואָלט שפּעטער איבערלאָזן אויף איר טואַלעט־טישל.

אין פאַרגלייך מיט אַמאַרילים איז זי געווען אַן עקזאָטישע געטין: שיין, סובטיל און פול מיט פאַרכאַפּנדיקער מיסטעריעזקייט.

אַן אַטמאָספערע פון מאַיעסטעטישער רויִקייט האָט געהערשט אין דאָן־כעזוסעס הויז.

דער אָוונט־ברויט איז געווען רייך און גוט צוגעגרייט. קיין פלייש האָט מען ניט סערווירט. ראַמאָן, וועלכער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע אייגענע געדאַנקען און פלעגט בלויז פון צייט צו צייט אויסשיסן מיט א גראַ־טעסקן וויץ, האָט ניט באַמערקט, אַז מען האָט קיין פלייש ניט סערווירט.

דאָס ניט עסן קיין פלייש, האָט זייער אָפּט פּראָוואָצירט די מאַראַנען. עס איז שוין געווען אָנגענומען ביי זיי, אַז כדי אויסצומיידן עסן טריפה חזיר־פלייש און מען זאָל עס ניט באַמערקן, זאָל קיין פלייש אינגאַנצן ניט סערווירט ווערן. דערמיט פלעגן זיי זיך אָבער אַליין אַרויסגעבן.

נאָכן אָוונט־ברויט זיינען אַלע אַרויס אין דרויסן און האָבן זיך צו־געהערט צו דער שטילער מוזיק פון סעווילער נאַכט.

א שעה נאָך א שעה זיינען אַוועק אין אַנגענעמע און פריינטלעכע שמו־עסן. דער אָוונט איז אַוועק אין דערוואַרטונג פון אַנקומענדיקער נאַכט און אַזוי ווי יעדערער האָט דערוואַרט עפּעס וויכטיקעס פון דער נאַכט, זיינען די שעהן אַוועק אומבאַמערקט.

א קליינער אָרקעסטער האָט ניט ווייט פון הויז געשפּילט עפּעס א מע־לאָדיע, וואָס האָט געקלונגען זיס און האַרמאָניש.

דער זייגער האָט געשלאָגן צען.

דאַז־כעזוס האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט : — אין דער שעה גייען אַלע גוטע קריסטן רוען.

ראַמאָן האָט באמת ניט געוואָלט אוועק פון דאנען, ווייל די אַנוועזנהייט פון דאַלאָרעז, אפילו שווייגנדיקערהייד, האָט געמיינט פאַר אים זייער פיל. נאָר ער האָט זיך באהערשט און האָט נאָכגעפאָלגט דאַז־כעזוסן, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, דורכגעלאָזן פריער די דאמען, האָט א דריק געטאָן דאַז־כעזוסן די האַנט און געוווּנטשן אים א רוּיִקע און גוטע נאַכט.

ראַמאָנס צימער איז געווען לעבן דעם צימער פון דאַלאָרעז און זיי זיינען ארויף אויבן צוזאמען.

— א גוטע נאַכט, — האָט ראַמאָן געזאָגט און האָט אַנגענומען איר האַנט, — שלאָפט געזונט.

— א גוטע נאַכט, — האָט זי געזאָגט און האָט לייכט א דריק געטאָן די פינגער פון זיין האַנט.

א לייכטער ציטער איז אדורך זיינע גלידער.

ער איז אייגנטלעך געפעלן געווען דאַלאָרעזן. זי האָט זיך אבער דערוווּסט פון איר פאָטער, אז ער איז א מאַראַן און האָט געטראַכט, אז עס איז א שאָד, וואָס ער איז א מאַראַן און מאַכט מיט דעם זיין לעבן שווער און קאָמפּליצירט, אַנשטאָט צו מאַכן עס לייכט און אַנגענעם.

דער דאָזיקער געדאַנק אירער האָט ביסלעכווייז אָפּגעקילט די וואַרימע געפילן וואָס האָבן אָנגעהויבן טליען אין איר האַרצן. זי האָט אָפּגעלאָזן זיינע פינגער.

די טיר פון איר צימער האָט זיך צוגעמאַכט נאָך איר. ראַמאָן איז ארוים און געבליבן שטיין אויפן באַלקאָן אונטער די קאַלטע שטראַלן פון דער לבנה, טראַכטנדיק וועגן דאַלאָרעזס צויבערלעכער שיינקייט, וואָס האָט פאַרטונקלט אַמארילים און אַלע אַנדערע שיינע פרויען, וואָס ער האָט באַגעגנט אין איטאַליע.

אירע מאַנדל־אויגן האָבן פאַרכישופט. עס איז געווען א געמיש פון קינדישער נאַאיוויטעט און אומפאַרשעמטקייט.

עס איז געווען זיכער, אז ער וועט די נאַכט ניט קאָנען איינשלאָפן, ווייל זי האָט אויפגערעגט דאָס בלוט אין זיינע אָדערן.

ער איז אריין אין זיין צימער, האָט זיך געזעצט אויפן בעט אין דער־

ווארטונג. ער האט געהאט א פארגעפיל, אז עפעס אויסערגעוויינלעכעס וועט פאסירן.

דורכן וואנט האבן זיך געהערט דאלערעזס טריט און א לייכטער גע־רויש פון אירע קליידער. מיט אן אנגעשטרענגטער אומגעדולדיקייט איז ער געזעסן און געווארט. אפשר וועט זי באלד ארײנקומען . . .

פלוצלונג, אין דער אנגעשטרענגטער שטילקייט, האט זיך דערהערט א לייכטער קלאפ אין טיר. ציטערנדיק פון דערווארטונג האט ער זיך אויפ־געהויבן, א דריי געטאן די הענטל פון דער טיר, און גרייט צו זאגן עפעס אן עלעגאנטע העפלעכקייט, האט ער די טיר געעפנט.

פאר זיינע אויגן איז געשטאנען די פיגור פון דאן־כעזוס.

— איר וועט מיר מוחל זיין מיין ארײנרייסן זיך אומדערווארטערהייד,
— האט דאן־כעזוס געזאגט גאנץ שטיל, — איך האף, אז איר וועט מיר טאן א געפעליקייט, איך האב זיך געוואלט מיט אייך דורכריידן . . .

א צעטומלטער און אן אנטוישטער האט ראמאן מיט א געקינצלטער העפלעכקייט געענטפערט :

— איך בין אייך א בעל־חוב אויפן גאנצן לעבן. אייער ווארט איז פאר מיר א געזעץ, איר דארפט בלויז באפוילן.

— אויב אזוי, טא קומט מיט מיר, — האט דאן־כעזוס שטיל געזאגט,
— איך וויל זיך דורכשמועסן מיט אייך.

ראמאן איז אים נאכגעגאנגען ווי אין א טומאן. ער האט זיך געפילט פארלארן פון אומבאוווּסטער דערווארטונג.

יג

זיי האבן זיך אראפגעלאזן פון די טרעפ און זיינען א ווײלע שטיין געבליבן אויפן ווערצנדע.

די לבנה האט געשיינט אין איר פולער גרויס און האט באגאסן מיט זילבער אלץ ארום. די שטאט סעווילִיע איז געווען פארזונקען אין שלאף און בלויז דאס בילן פון הינט האט געשטערט די שטילקייט פון דער נאכט.

זיי זיינען פארבייגעגאנגען דעם קליינעם פאנטאן און זיינען ארײן אין א טונקעלן קארידאר.

— גיט איר מיר אייער שבועה צו האלטן אלץ בסוד ? — האט דאן־כעזוס א פרעג געטאן, — גיט איר מיר אייער ערן־ווארט ?

— איך שווער ביי מיין גאנצער פארפליכטונג צו אייך ! — האט ראמאן געענטפערט, — אבער אום גאטעס ווילן, וועגן וואס האנדלט זיך עס?

— ווי באלד איך האב אייער ערן־ווארט, וועט איר זיך גלייך אליץ דערוויסן, — האט דאן־כעזוס געזאגט, — האט געדולד, איך בעט אייך. פארגעסט ניט, מיין פריינד, אז געדולד איז אין לעבן אפטמאל וויכטיקער ווי מוט.

ביים סוף קארידאר זיינען זיי אראפגעגאנגען עטלעכע טרעפ אראפ און זיינען צוגעקומען צו א טויער, וועלכן דאן־כעזוס האט שטיל געעפנט. זיי האבן זיך איצט געפונען אין א טונקעלן פלאץ און דער דאזיקער מיסטע־ריעזער פלאץ האט זיך פארענדיקט מיט אן אייזערנער טיר.

פול מיט אומקלארע דערווארטונגען האט ראמאן נאכגעפאלגט אין דער פינצטער דאן־כעזוסן טראט נאך טראט. די אייזערנע טיר איז שטיל און לאנגזאם פארשווונדן ערגעץ אין דער הויך און זיי זיינען אריין אין א שלעכט באלויכטענעם קעלער. אבער ווי שלעכט די באלויכטונג זאל ניט האבן געווען, איז עס דאך געווען א שטיקל דערלייזונג פון דער משונהדיקער פינצטערניש, אין וועלכער ער האט זיך ביז איצט ארומגעדרייט, און ער האט מיטאמאל דערשפירט, אז ער איז ניט אליין, אז עס געפינען זיך דא נאך מענטשן. ארום אים האבן זיך אין מאיעסטעטישער גרויסקייט געשפרייט שאטנס. צוויי ליכט האבן טונקל געברענט אין א וואנט־לייכטער. ארום דער וואנט האט זיך צו־נויפגעהויפט א גרופע מענשן. דאס זיינען אליץ געווען מענער, און געשטאנען זיינען זיי אין אנגעשטרענגטער שטילקייט. זיי זיינען געווען א צוועלף־פופצן אין צאל און זייערע שאטנס האבן זיך געשפרייט ווי די שאטנס פון שווערע וואלקנס אויף א בארג.

פאר א מאסקאראד האט דאס בילד אויסגעזען צו טרויעריק. דערצו איז די גאנצע דערשיינונג געקומען אזוי שנעל און אומדערווארט, אז עס האט זיך פשוט ניט געגלויבט אז דאס קומט פאר אין דער ווירקלעכקייט, אז דאס איז א רעאליטעט. די גאנצע זאך האט עפעס אויסגעזען גראטעסק, ווי א וויץ.

— זעץ זיך, — האט דאן־כעזוס געזאגט צו ראמאנען, — זייט באגריסט, ברידער אין ישראל ! — זייט באגריסט איר פארפייניקטע און מיט בלוט אפגייענדיקע ברידער, — האט ער פארגעזעצט, ווענדנדיק זיך צו די מענטשן־שאטנס, וואס זיינען געשטאנען ביי דער וואנט, — איך ברענג אייך א טרייסט־ווארט פון אונדזערע ברידער, וואס געפינען זיך אין רוים, אין

אנקאנא, אין ליוואָרנאָ און פלאָרענץ. איך קאָן אייך לײדער אַזאַ גרויס ניט אָפּגעבן פון אונדזערע ברידער אין מילאַנער פּראָווינץ, ווײל מיט אַ יאָר צוריק האָט דער קאַטויליִשער מאָנסטער, דער פאַרשטאָרבענער אויסוואָרף, פיליפּ דער צווייטער, ארויסגעטריבן אַלע יידן, וואָס האָבן געוווינט אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע.

די מענטשן זיינען געבליבן שטיין אין זייער שטיל־שווייגן. זיי האָבן זיך בלויז פארנויגט, צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און נערוועז צונויפגעדריקט די פינגער פון זייערע הענט. קיין איינציקער קרעכץ, אָדער געוויין האָט זיך ניט געלאָזט הערן. ווען זיי האָבן תפילה געטאָן, גאָט געבעטן. פון זייער האַלטונג איז קענטיק געווען, אַז זיי ווילן אויסמיידן אומנויטיקן טומל, אַז ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער צער און ווייטיק, וואָס באַדריקט זייערע הערצער. וועט עס דאָך בלייבן פאַרשלאָסן און פאַרזיגלט אין זייערע נשמות, קיינער וועט זיך וועגן דעם סיי ווי ניט דערוויסן און קיין הילף וועט אַלץ איינס ניט קומען. — טאָ צו וואָס דער אומנויטיקער טומל, וואָס קאָן נאָך אַמאָל ברענגען צו אַן אומגליק . . .

— אָט דער יונגערמאַן, וועמען גאָט האָט באַשערט, אַז איך זאָל אים ארויסראַטעווען פון גזלנישע הענט, — האָט דאָן־כעזוס ווייטער גערעדט, — איז איינער פון אונדזעריקע, ער איז אונדזער בלוט און פלייש, הגם ער ווייס וועגן דעם אַליין ניט . . .

ראַמאָן האָט זיך שנעל אויפגעהויבן פון זיין אָרט. אַ שרעק־אויסגעשריי איז געבליבן פאַרגליווערט אויף זיינע ליפּן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער צונג האָט זיך ביי אים ניט גערירט פון אָרט. ער האָט זיך געפילט ווי אין אַ קאָשמאַר, ווי דער טייוול אַליין וואָלט אים אריינגעכאַפּט אין אַ נעץ און פאַרוואַנדלט אין אַ מאַכטלאָזער מאַריאָנעט. ער איז ניט זיכער געווען צי איז עס ניט אָפּטמאָל אַ בייזער חלום . . .

דאָן־כעזוס האָט אים דעליקאַט, אָבער פעסט אַ צי געטאָן פאַרן האַנט.

— אָבער אום גאָטעס ווילן . . . — האָט ראַמאָן קוים ארויסגערעדט, ציטערנדיק ווי אין פיבער.

— זעץ זיך, ברודער, — האָט דאָן־כעזוס געזאָגט מיט אַ זיכערקייט פון אַ היפּנאָטיזירער. ראַמאָן האָט זיך אונטערגעגעבן כמעט מעכאַניש און האָט זיך אַנידערגעזעצט.

אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט ראַמאָנס לייב. ער איז געווען אויף

טויט א צעשראָקענער. זיינע אויגן זיינען געווען פאַרטונקלט פון די משונה־דיקע שאָטנס, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם קעלער און ער האָט קוים באַגריפן, וואָס עס האָבן געמיינט די ווערטער, וואָס זיינען נאָר־וואָס געווען אַדרעסירט צו אים.

— דיין זיידע, גאָט זאָל אים געבן לאַנגע יאָר, איז נאָך עד היום א ייד אין הארצן. דער פאָטער אָבער, גאָט זאָל אים שטראָפן פאַר זיינע זינד, איז געווען און געבליבן א פאַררעטער צו זיינע ברידער, צו זיין פאָלק . . .

— סעניאָר!—האָט ראַמאָן אויסגעשריען, אויפשפרינגענדיק פון אָרט.

— שריי ניט, דאָוון בעסער אין דער שטיל, וואָרים מען קאָן אונדז נאָך דאָ אַנטדעקן . . .

— אָבער איך באַלאַנג ניט אהער ! איך באַלאַנג ניט ! — האָט ראַמאָן געשריען, — וואָס האָב איך צו טאָן מיט אייך ? ! . . .

פון ראַמאָנס אומדערוואַרטעטן אויסגעשריי האָבן די אָנגעהויפטע מענטשן אויפגעציטערט. זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט ווי די שאָטנס מיט די הענט צום הימל געהויבן און האָבן מיט גרויס זאָרג עפּעס געמורמלט אינדער־שטיל.

— באַרויִק זיך, מיין זון, — האָט דאָן־כעזוס געזאָגט צו ראַמאָנען,
— קודם־כּל דאַרפסטו וויסן, אַז אויב מען וועט אונדז דאָ אַנטדעקן, וועט אונדזער גורל זיין געשלאָסן — עס דערוואַרט אונדז א זיכערער טויט. זיי דעריבער רויִק און געדולדיק און וויס, אַז אַלץ איז אין גאָטס הענט און קיין האָר פון דיין קאָפּ וועט ניט אָנגערירט און געמינערט ווערן אָן זיין גערעכטן און הייליקן ווילן. מיט ניין יאָר צוריק איז מיין ברודער אומגעקומען אויפן שייטערהויפן (די פייערן פון דער אינקוויזיציע) און דיין פאָטער איז עס געווען דער יעניקער, וואָס האָט אים פאַרראַטן, מסרנדיק אים פאַר דער אינקוויזיציע, אַז ער האַלט אָן יידישקייט אין דער שטיל.

— דאָס איז א געמיינער ליגן ! — האָט ראַמאָן אויסגעשריען.

— זיי רויִק און האָב געדולד, — האָט דאָן־כעזוס געזאָגט מיט א טרויעריקן טאָן אין זיין ווייכער שטים, — דאָס איז אַזוי אמת, ווי עס איז אמת, אַז דו ביסט דיין פאָטערס א זון.

— אָבער וואָס האָב איך מיט דעם אַלעם צו טאָן ? ! — האָט ראַמאָן געשריען.

—דיין פאָטערס האַס צו אפּיקורסים איז גוט באַקאַנט, — האָט דאָן־

כעזום ווייטער גערעדט, — עס איז גאנץ גוט באוווסט, אז א גרויסער טייל פון זיין פארמעגן איז א רעזולטאט פון דער דאזיקער האס זיינער . . . גאט האט אזוי געוואלט, אז איך זאל דיך ראטעווען, דיך, דעם זון פון מיין ברודערס תליון. נאך אלעמען איז עס ניט קיין צופאל. עס איז באשערט געווען, אז איך זאל זיך מיט דיר טרעפן און אין אונדזער באגעגעניש זאל איך זיך דערקונדיקן, אז דו ביסט א זון פון דאן־אלאנסא . . . דאס באשערטע איז געקומען, — דו זיצסט צווישן מאראנען, וועלכע האלטן אן גאטס פייער אין הארצן, ניט געקוקט אויף אלע מאטערנישן און פארפאלגונגען וואס זיי קומט צוים אויסצושטיין דערפאר . . .

— דאס איז אומזין! — האט ראמאן געשריען, — איך פאדער מען זאל מיך גלייך באפרייען פון דאנען!

— ניט פריער איידער איך וועל דערפילן מיין מיסיע, — האט דאן־כעזום געענטפערט גאנץ רויק.

— איך וויים גארנישט וועגן יידן, — האט ראמאן ארויסגעזאגט מיט א הייזעריקן קול, — און איך דערקלער אייך, אז אייער גאנצע טיפלשע ארבעט איז ארויסגעווארפן. איך וועל קיינמאל ניט פארלאזן דעם קאטוילישן גלויבן, אין וועלכן איך בין דערצויגן געווארן.

— דאס איז א גלויבן פון רויבער און גזלנים, — האט דאן־כעזום געזאגט און האט אויפגעהויבן זיין האנט, ווי ער וואלט זיך וועלן באשיצן פון א מענגלעבער אטאקע און האט פארגעזעצט, ניט קוקנדיק אויף ראמאנס פראטעסטן, — יא, דאס איז א גאנץ פראפיטבארער גלויבן, א גלויבן, וואס באצאלט זיך. מען האט אונדז געגרויבט פון רעכטס און פון לינקס. ווייסן מיר דען ניט, אז די ערשטע אינקוויזיטארן פלעגן באקומען דאס גאנצע פארמעגן פון די יידן, וואס זיי פלעגן איבערגעבן צו דער גערעכטיקייט פון דער הייליקער אינקוויזיציע? דאס איז געווען א גוט באצאלט שטיקל ארבעט. און גלויב מיר, אז איצט נאך זיינען דא א רעכט ביסל פרומע קאטאליקן, וואס באדויערן גאנץ שטארק, למאי עס זיינען מער ניט פאראן קיין יידן אין שפאניע . . . קיין איינער איז אפילו ניט געבליבן, וועמען מען זאל קאנען רויבן און פלינדערן. עס פארשטייט זיך, אז זיי קאנען ניט פלינדערן די שפאנישע פויערים, ווייל יענע פארמאגן גארנישט. א, זיי באדויערן שטארק די פארגאנגענע צייט, ווען א יידיש הויז האט מען געקאנט באקומען פאר א קליין אייזעלע און א וויינגארטן פאר א לעבל ברויט, אדער א מתנהלע דער

הייליקער ברודערשאַפט . . . מיר האָבן געמוזט אויסמיידן יעדער חשד, אַנדערע פון אונדז האָבן אַפילו געמוזט אָננעמען דעם נאָמען פון דעם, וואָס האָט זיך אַליין געקרוינט פאַר אַ גאָט און האָט פאַרמשפּט אונדז אויף אייביקע מאַטער־ניש צוליב אַ פּאָר אויסגעטראַכטע לעגענדעס . . . גיי, מיין זון, דו קאָנסט פאַרלאָזן דעם פינצטערן קעלער, די קאַטאַקאָמבע, — האָט דאָן־כעזוס פאַר־נעזעצט מיט פאַרביטערונג, — גיי און פאַרראַט די האַנט, וואָס האָט דיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

— איצט האָט איר צו דער גאַנצער מיסטעריעזער געשיכטע צוגע־געבן באַליידיקונגען אויך. — האָט ראַמאָן געזאָגט, אָפּווישנדיק דעם שווייס פון זיין שטערן מיט ציטערנדיקע הענט. ער איז געשטאַנען פאַרלאָרן און האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן: אַנטלויפן, אָדער בלייבן שטיין אויפן אָרט, אָדער גאָר אָנהויבן שרייען און רופן צו הילף.

דאָן־כעזוס האָט פאַרשטאַנען וועגן וואָס ראַמאָן טראַכט און האָט זיך שטיל צו אים געווענדעט:

— איך ווייס אַז דו וועסט עס ניט טאָן. איך גלויב שטאַרק אין דיין ערלעכקייט און נאָך מער גלויב איך, אַז גאָט פירט אונדז אין רעכטן וועג. מיינסטו דען, אַז איך וואָלט פאַר דיר אַנטדעקט אונדזער געהיימען פאַרזאַמ־לונג פּלאַץ, אויב איך וואָלט ניט געגלויבט, אַז מען קאָן דיך נאָך אָפּראַטע־ווען און צוריקברענגען אין שויס פון אברהמס גלויבן?! און דעריבער, אין נאָמען פון דיין זיידן, לעבן זאָל ער ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, בעט איך דיך: פאַרגעס די ליימענע געטער מיט זייערע בלוטיקע משרתים און קער זיך אום צוריק צו אברהמס גלויבן.

— אָמן! — האָבן די מענטשן ביי דער וואַנט געענטפערט.

— איך קאָן ניט! איך קאָן ניט! — האָט ראַמאָן אויסגעשריען מיט אַ ציטערדיקער שטימע. איך קאָן אייך קיינעם ניט, איך ווייס קיין זאַך ניט וועגן אייך און וועגן אייער גלויבן. און איך וויל ניט וויסן! איך דאַרף עס ניט. אָ, פאַרוואָס ביז איך בעסער ניט אומגעקומען פון די ציגיינערישע הענט, וואָלט איך איצט ניט געווען געצוווּנגען צו איבערלעבן אַזעלכע דער־נידעריקונגען . . .

— דאָס איז ניט קיין דערנידעריקונג, — האָט דאָן־כעזוס שטאַלץ געענטפערט.

— אָבער איך באַלאַנג ניט אַהער! . .

— מעגלעך, אז ניט, — האָט דאָן־כעזוס א זאָג געטאָן מיט אן ארויס־רופנדיקן טאָן , — ווייסטו, אז דו געפינסט זיך איצט צווישן העלדן? צווישן העלדן און מארטירער?

— איך ווייס! איך ווייס! — האָט ראַמאָן אויסגערופן, — אבער איך וויל אוועק פון דאַנען, איך וויל ארויס אויף פרישער לופט!

— זייער גוט, מיין קאוואַליערא, — האָט דאָן־כעזוס געזאָגט מיט פארביטערונג, — מיר וועלן פארבלייבן דאָ מיט אונדזערע אנגעלעגנהייטן, אנגעלעגנהייטן וואָס מיינען גאָרניט פאר דיר און דיין טאַטן, אבער וואָס מיינען זייער פיל פאר דיין נאָבעלן זיידן. און דו . . . דו קאָנסט גיין פון דאַנען!

— איך דאַנק אייך! אָ, איך בין אייך זייער דאַנקבאַר!

— אפשר וועט דאָך א קערנדל פון גערעכטיקייט זיך דערוועקן אין דיין הארצן, — האָט דאָן־כעזוס פארגעזעצט מיט אויפרעגונג, — דער יידי־שער גאָט יעהאָווא וועט דיר ווייך מאכן דיין הארץ, ווי ער האָט עס געמאכט מיט פרעה מלך־ מצרים. און איצט . . .

ער האָט מער קיין וואָרט ניט געזאָגט און האָט זיך אָפגעקערט צו דעם עולם, וואָס איז געשטאַנען שטארק צעשראָקן ביי דער וואַנט. ראַמאָן איז געבליבן שטיין אין פארלאָרנקייט.

יד

פון דער אָנגעהויפטער מאַסע האָט זיך ווי א דינער פאָס אָפגעטיילט א מאַן מיט א קאַפּישאָן איבערן קאָפּ, פירנדיק פארן האַנט א יינגל.

היינט האָט דאָס קינד געזען דעם לעצטן טאָג פון זיין קינדהייט.
— היינט איז עס אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, — האָט דער מאַן געזאָגט, — זאָג מיר, מיין זון, וואָס פארלאַנגסטו איצט?

— איך וויל זיין איינער פון אייך, — האָט דער יינגל געענטפערט פעסט.

— דאָס יינגל איז געווען קליין און שוואַך, אבער זיינע אויגן האָבן געלויכטן מיט פעסטקייט און מוט.

— איך וויל זיין אין די רייען פון מיינע גלויבנס ברידער, — האָט ער פארענדיקט מיט באַשטימטקייט.

דאָן־כעזוס האָט ארויפגעלייגט זיינע הענט אויף דעם יינגלס אַקסלען און האָט אים געפרעגט :

— אפשר וואָלסטו בעסער ווערן א קריסט און אזוי אַרום אויסמיידן די צרות און לײַדן, וואָס שטייען דיר פאָר, בלײַבנדיק א ייד ?

— איך בין געבוירן געוואָרן א ייד און אַזעלכער וועל איך אויך שטאַרבן ! — האָט דער יינגל געענטפערט.

אַן אַנגעשטרענגטער און פאַרשטיקטער מורמלען האָט זיך געלאָזט הערן פון די מענטשן, וואָס זײַנען ווי פאַרגליווערטע שאָטנס געשטאַנען בײַ דער וואַנט.

— ווייסטו אין וואָס פאַר א שרעק, אין וועלכע ספיקות און אומזי־כערקייטן דיר וועט אויסקומען צו לעבן, פאַרבלײַבנדיק א ייד ? — האָט דאַן־כעזום געפרעגט דעם יינגל, אַרײַנקוקנדיק אין זײַנע לויכטנדיקע אויגן.

— יאָ, איך ווייס !

— ווייסטו שטענדיק אכטן די געזעצן פון דער תורה און ליב האָבן דעם גאָט פון ישראל ?

— יאָ.

— זאָגסטו צו, אַז דו וועסט זיך קיינמאָל ניט אָפּקערן פון דעם גלויבן פון דײַנע עלטערן און אור־עלטערן ?

— יאָ, איך זאָג צו !

— פון איצט אָן ביסטו שוין ניט מער קיין יינגל, נאָר א מאַן, א ברו־דער אין ישראל, וועמעס תפילה וועט דערגיין צו גאָט צוזאַמען מיט די תפי־לות פון אַלע יידן.

— איך ווייס עס, — האָט דער יינגל געזאָגט, — איך ווייס עס און בין שטאָלץ דערמיט.

— גאָט זאָל דיר געבן לאַנגע יאָר ! — האָט דאַן־כעזום צוגעווונטשן, — מיר זאָלן דערלעבן דעם טאָג פון דער גאולה, מיר זאָלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות.

— א מ ז ! — האָט זיך דערהערט פון דער גרופּע פאַרשאָטנטע מענטשן בײַ דער וואַנט און ווידער איז אַלץ פאַרזונקען אין שטילקייט.

דאָס יינגל איז צוגעגאַנגען צו זײַן פאָטער. אַלע פאַרזאַמלטע האָבן אויפגעהויבן די הענט צום הימל און האָבן אָנגעהויבן זייער תפילה. זיי האָבן תפילה געטאָן אָן סידורים, אָן טליתים, ווײַל זיי האָבן מורא געהאַט צו האַלטן בײַ זיך אַזעלכע זאַכן.

איינער פון דער עדה האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט אָנגעהויבן זיין תפילה הויך אויפן קול:

״אָ, גרויסער גאָט ! אָ, אַלמעכטיקער און בארמהארציקער גאָט ! קוק אראָפּ פון דער הויך אויף דיינע אומגליקלעכע קינדער. דערבארעם זיך אויף דיין אויסדערוויילט פאָלק, מיט וועלכן דו האסט געשלאָסן א בונד דורך דעם עלטער־פאָטער אברהם און וועלכן דו האָסט צוגעזאָגט דאָס לאנד כנען!..״

דער גאנצער עולם האָט נאָכגעזאָגט אין דער שטיל וואָרט אין וואָרט:

״פון דער טיפעניש פון אונדזער אומגליק רופן מיר צו דיר, אָ, אל רחום וחנון ! פון דעם יאָמער טאָל, וווּהין מיר זיינען פאר אונדזערע זינד פארוואָרפן געוואָרן רופן מיר צו דיר ! דורך ווינטן און שטורעם־ווינטן שיקן מיר צו דיר אונדזער געוויין און בעטן דיך : אָ, גוטער גאָט, באווייז אונדז דעם וועג, ווי ארויסצוגיין פון דעם חושך, אין וועלכן מיר פּלאָנטערן זיך און קאָנען ניט ארויס״. . .

דעם יינגלס שטימע האָט געקלונגען מיט א מעטאלענער קלאָרקייט :

— גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב, מיר בעטן דיך . . .

— —

שטום און מיט שטוינונג האָט זיך ראמאָן צוגעקוקט צו דער דאָזיקער פארזאמלונג. עפּעס האָט ער געהערט וועגן די מאראנען, עפּעס האָט ער געוווּסט, אָבער אַלץ אזוי אומקלאָר. ער האָט געהערט זיין פאָטער ריידנדיק וועגן די זיבן־און־דרייסיק סימנים, לויט וועלכע מען קאָן דערקאָנען א מאראַן. ער האָט אויך עפּעס געהערט וועגן זייערע אויסטערלישע מנהגים, ווי למשל, וואשן די טויטע מיט ווארים וואסער און מיטן פּנים צו דער וואנט; ניט אָנצינדן קיין פייער אום שבת, אפילו ביי דער גרעסטער קעלט; ער ווייס אויך וועגן זייער מיאוסן זיך מיט חזיר־פלייש און נאָך אזעלכע זאכן. ליוטער און קאלווין זיינען, נאטירלעך, ערגער איידער די יידן, ווייל די יידן האָבן דאָך קיין ברירה ניט געהאט און קיין אויסוואל, — זיי זיינען דאָך געווען פארשאָלטן נאָך איידער קריסטוס איז אויף דער וועלט געקומען, אָבער ליוּ־טער און קאלווין זיינען פשוטע גאָט־לעסטערער . . . איצט פארשטייט ער פארוואָס דאָן־כעזוס האָט קיין זאך ניט געגעסן חוץ קעז און אליוון אין קרעטשמע אין באבאדילאָ. ער האָט אפילו יאָ געבעטן מען זאָל אים געבן חזיר־פלייש, אָבער ער האָט געוואָלט זייער פרישע און דאָס איז אזוי מעגלעך צו קריגן, ווי עס איז מעגלעך צו געפינען אן אנדאלוזיאנער פויער אָן פלוי אויף זיין לייב . . .

ציטערנדיק ווי אין פיבער איז ער געזעסן אין פינצטערן קעלער, טראכטנדיק וועגן דאָלאָרעז און וועגן דער שיינער, אויסגעשטערנטער סעוויליער נאכט, אין וועלכער ער האָט אזויפיל געקאָנט געניסן שפּאצירנדיק איבער די גאסן, אָדער פאַרברענגענדיק אין א קאפע. ער וואָלט דאָך איצט געקאָנט פאַרברענגען מיט זיינע עלטערן און פריינד, דערציילן זיי וועגן זיינע רייזעס און וואנדערונגען איבער איטאליע, וועגן אנדאלוזיער אוואנטיורעס, וועגן דאָלאָרעז און אירע כּישופדיקע אויגן . . .

פּלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען, ווי עמיצער וואָלט אים א ביס געטאָן:

— דאָלאָרעז! — האָט ער כמעט ווי אויסגעשריען, — איצט איז מיר אַלץ קלאָר. אַט די שיינע, צויבערלעכע מיידל מיט איר מאַרמאָר־ווייסן לייב און שלאַנגאַרטיק בויגיקן קערפּער, איינגעפּאסט אין שווארצן קלייד, — איז זיכער א מכשפה! זי איז בלויז א פאַרלאַקעריז, א פאַרפירערין, אויף ארייננצושלעפּן אומשולדיקע נשמות אין דעם שמוציקן יידישן גלויבן! . .

אָן אויפגערעגטער האָט ער זיך א לאָז געטאָן צו דאָן־כעזוסן און האָט אים שיר ניט אומגעוואָרפן:

— אָ, אזוי הייסט עס שפּילט איר זיך מיט מיר! דאָס איז אזא נידער . . . — האָט ער מיט א פאַרשטיקטער שטים קוים ארויסגערעדט.

— וואָס איז דער מער מיט אייך, ראמאָן? וואָס איז געשען? — האָט דאָן־כעזוס א פרעג געטאָן.

אין אַנפאַל פון גוואלדיקן כעס האָט ראמאָן אויפגעהויבן זיין האַנט ווי ער וואָלט וועלן א קלאַפּ טאָן דאָן־כעזוסן.

די גרופּע מענטשן, וואָס איז שטיל געשטאַנען ביי דער וואַנט, האָט זיך א וואַקל געטאָן. א מורמל פון אומצופרידנקייט האָט זיך פון זיי געלאָזט הערן און באַלד איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אן אויסגעשריי פון שרעק און פאַרצווייפלונג.

די אייזערנע טיר האָט א סקריפּע געטאָן, שטיל און מאַיעסטעטיש האָט זי זיך אויפגעהויבן אינדערהויך, אַנטוואָרפנדיק א טויט שרעק אויף די פאַרזאַמלטע . . .

צוויי דאָמיניקאַנער מאָנאכן זיינען אריין אין קעלער . . .

טו

הינטער די מאַנאַכן האָבן מאַרשירט דריי פּאָליציי־לייט, עטלעכע אינקוויזיציע קאָמיסאַרן מיט זייערע סעקרעטאַרן און אַ שטאַרק אויסגעפּוצ־טער קאַוואַליערע.

זייער חוצפּהדיקער האַלטן זיך האָט קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט אַ פּאָליציי־מאַן אַריינגעפירט דאָלאָרעז.

— אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט, זייט איר אַלע אַרעסטירט! — האָט איינער פון די מאַנאַכן אויסגערופן.

— איך בעט אייך! — האָט זיך ראַמאָן אָפּגערופן שטאַמלענדיק. איצט האָט ער ערשט פאַרשטאַנען אין וואָס פאַר אַן אומבאַקוועמער לאַגע די דאָזיקע געשיכטע קאָן אים אַוועקשטעלן. ער האָט געמאַכט עטלעכע אומ־זיכערע טריט, וועלנדיק צוגיין צו דעם מאַנאַך, אָבער אַ פּאָליציי מאַן האָט אים אַ נעם געטאָן פאַרן האַנט און בייז אָפּגעפירט אין אַ זייט.

— דו שמוציקער ייד, — האָט זיך דער פּאָליציסט צעבייזערט, — פאַרמאַך דיין אַפּיקורסישן, טרייפענעם מויל ביז מען וועט דיר הייסן ריידן!

— אָבער, אום גאָטעס ווילן! אין נאָמען פון דער הייליקער מאַדאָנע . . . — האָט זיך ראַמאָן אין פאַרצווייפלונג געבעטן.

— מיר ווייסן די יידישע קונצן, — האָט איינער פון די מאַנאַכן מיט אַ געמאַכטער גוטמוטיקייט געזאָגט, — זיי באַטראַכטן רעליגיע בלויז ווי אַן אויסערלעכע זאַך, באמת גלויבן זיי אין גאַרניט און דעריבער קאָנען זיי בייטן זייער רעליגיע צו יעדער צייט. אויב קריסטוס וואָלט ווידער אַראָפּ־געקומען אויף דער ערד, וואָלטן זיי אים ווידער פאַרקויפט . . .

— אָבער איך בין אַ קריסט, אַן אמתער קריסט! — האָט ראַמאָן היסטעריש געשריען.

— אַלע אין ווינקל אַריין! — האָט דער מאַנאַך בייז אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

די פּאָליציי־לייט האָבן פאַריאָגט די פאַרזאַמלטע אין אַ ווינקל.

אין קעלער איז געווען בלויז איין טיר און די דאָזיקע טיר האָבן די פּאָליציי־לייט באַוואַכט מיט אַלעבאַרדעס אין די הענט. איינער פון די סעק־רעטאַרן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און האָט אויף שנעל אָנגע־הויבן שרייבן אַ פּראָטאָקאָל וועגן דער פאַרזאַמלונג. דער דאָזיקער פּראָטאָ־

קאָל האָט עס באַדאַרפט דינען אַלס באַשולדיקונגס מאַטעריאַל פאַר דעם הייליקן טריבונאַל.

ווי געכאַפּטע ביי א שווידערלעכן פאַרברעכן, זיינען אַלע פאַרזאַמלטע איינער נאָכן אַנדערן אין א רייע, פאַרבייגעגאַנגען דעם סעקרעטאַר און ער האָט פאַרשריבן זייערע נעמען.

ווען דער יינגל האָט זיך דערנעענטערט צום סעקרעטאַר, האָט דער מאַנאַך אויפגעהויבן זיינע אויסגעלאָשענע אויגן און האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג.

— דו ביסט דאָך מינדעריעריק, — האָט ער זיך אָפּגערופן, — מינ־דעריעריקע ווערן ניט באַשטראָפט פאַר די מיאוסע מעשים פון די עלטערע. אָבער זאָג מיר, האָט דיין פאָטער דיך געצוואונגען צו באַטייליקן זיך אין דער טייוולשער גאָטעס־דינסט ?

— יאָ, יאָ . . . — האָט זיך אָפּגערופן א מאַן מיט א שוואַרצער באָרד. אין דער זעלבער צייט האָט ער א ווונק געטאָן צום יינגל, ער זאָל אונטער־שטיצן דעם ליגן, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געזאָגט, כדי דערמיט צו ראַטעווען זיין יונג לעבן.

— ניין, קיינער האָט מיך ניט געצוואונגען, — האָט דער יינגל רויִק געענטפערט. — איך בין געקומען אַליין, מיט מיין אייגענעם ווילן, פון קיינעם ניט איינגעלאַדן, פון קיינעם ניט געצוואונגען.

— ס׳איז ניט אמת, ס׳איז ניט אמת ! — האָט זיך דער ייד מיט דער שוואַרצער באָרד צעיאָמערט.

— איז עס מעגלעך, אַז א יונג קינד זאָל שוין זיין אַזוי פאַרדאָרבן,

אַז עס זאָל לייקענען אונדזער הייליקן גלויבן און אָפּלייקענען דעם, וואָס איז אומגעקומען פאַר אונדזערע זינד ? — האָט דער מאַנאַך געזאָגט און א ווונק געטאָן צו דער פּאָליציי זי זאָל אוועקנעמען דעם וויינענדיקן יידן מיט דער שוואַרצער באָרד.

— איך בין געקומען אַהער, ווייל איך בין א ייד ! — האָט דער יינגל געזאָגט מיט אַן אַרויסרופנדיקן טאָן. — אונדזער גאָט איז דער אמתער, דער איינציקער, און די איינציקע אמתע תורה איז תורת משה. אַלע אַנדערע זאַכן זיינען גאַרנישט ניט ווערט, זיינען בלויז נאַרישקייטן . . .

— נעמט אים אוועק פון מיר ! — האָט דער מאַנאַך אויסגעשריען אומגעדולדיק.

ער איז געווען אזוי אויפגערעגט, אז עס איז אים שווער געווען צו אָטעמען . . . ער האָט געוואַרט אַ רגע און האָט ווידער אַ געשריי געטאָן : — ווייטער ! אַ צווייטער !

— דאָז־כעזוס איז דערשינען פאַר אים.

— אייער נאָמען ? — האָט דער מאָנאַך אַ פרעג געטאָן.

אַ בלאַסער, אַ שטילער און רויִקער איז דאָז־כעזוס געשטאַנען פאַר דעם דאָמיניקאַנער. אַ צוזאַמענגעראַכענער פון דעם אומדערוואַרטעטן קלאַפּ, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלע זיינע חלומות. איצט אַרט אים שוין קיין זאַך ניט. ער האָט קיין איינציק וואָרט ניט אַרויסגערעדט. זיין לעבן איז אין דעם מאָמענט קיין איינציק וואָרט אפילו ניט ווערט געווען. עס איז געווען קלאָר, אַז מען קאָן ניט דערוואַרטן קיין איינזעעניש און די איינציקע האָפענונג, וואָס ער האָט, איז צו שטאַרבן אין רו, מיט זיך אַליין. רו, פאַר וועלכער מען דאַרף באַצאָלן מיטן לעבן . . .

— אייער נאָמען ? ! — האָט דער מאָנאַך אומגעדולדיק איבערגע־פרעגט נאָך אַמאָל.

דער דאָמיניקאַנער האָט גערעדט געלאַסן און זיכער. דאָס, וואָס הינ־טער אים זיינען געשטאַנען גרייט תפיסהס און ציטאַדעלן, האָט צוגעגעבן וואָג יעדער וואָרט זיינעם . . .

די וועלט איז געשטאַנען הינטער זיינע פּלייצעס גרייט צו אַרויסהעלפן אים אין זיין נאָבעלער אַרבעט. זיין גלויבן, זיין רעליגיע איז געווען די זי־כערסטע . . . זי איז געווען באַשיצט פון אַ גוט אָרגאַניזירטער אַרמיי, פון דער מלוכהשער קאַסע און ממילא פון גאָט אַליין . . .

דאָז־כעזוס האָט ניט געענטפערט. ער האָט באַמעריקט דאָלאָרעז און אַ שוידער האָט אים אַרומגעכאַפּט.

— מיין טאָכטער, מיין ליב און איינציק קינד . . . — האָט ער געשעפּ־טשעט אין דער שטיל, שטיקנדיק זיך מיט טרערן, וואָס זיינען אים פּלוצלונג אָנגעקומען.

— ווער איז דער מאַן ? — האָט דער מאָנאַך אַ פרעג געטאָן, — דאָנאַ דאָלאָרעז, איז דער דאָזיקער מאַן אייער פאָטער ?

— יאָ, — האָט זי געענטפערט.

— ווי רופט מען אים ?

— דאָז־כעזוס מאַנטאַלבאַן.

— האט איר אים געקאנט אלס א גוטן קריסט ?

— ניין.

דאן־כעזוס האט דערשפּירט, אז עס ברעכן זיך אים אונטער די קני. ער איז געווען ווי אין היז־הער פלעט.

א ווילדער טומל האט זיך אנגעהויבן אין ווינקל און איז געבליבן הענגען אין דער פינצטערער געדיכטעניש פונם קעלער.

— ניט אנדערש, אז דא איז פארגעקומען עפעס א טעות, א שרעקלעכער טעות, — האט דאן־כעזוס געטראכט. זיין טאכטער . . . זיין איין און איינציקע טאכטער . . .

— דאלארעז ! — האט ער אויסגעשריען, — מיין קינד, מיין איינציקע האפענונג !

זי האט אויף אים א קוק געטאן גאוהדיק און האט אפגעווענדעט איר בליק צו די דאמיניקאנער מאנאכן.

— איך קאן דיך ניט ! — האט זי געזאגט.

— האסטו אים ווען געזען עסנדיק חזיר־פלייש ? — האט דער מאנאך ווידער א פרעג געטאן דאלארעז.

— קיינמאל ניט.

— האט ער אמאל אנגעצונדן פייער אום שבת ?

— קיינמאל ניט.

— האט ער ווען עס איז געפרווט אינגאנצן אפלייקענען אונדזער גאט און די הייליקע מוטער ?

— איך האב אים א סך מאל געהערט אנרופנדיק די הייליקע מוטער מיט פארשיידענע נעמען, וועלכע איך שעם זיך צו ארויסריידן פון מיין מויל, — האט דאלארעז געענטפערט, — דאס האט מיר שטארק דערעסן און איך האב שוין לאנג געוואלט פארמסרן עס פאר דעם הייליקן טריבונאל, אבער איך האב אלץ געווארט אויף א געלעגנהייט, ווען מען וועט קאנען פאקן אויך זיינע חברים.

— פארפלוכט זאל זיין דיין נארישער קאפ ! — האט דאן־כעזוס אויסגעשריען און איז געפאלן אין חלשות.

— דו ביסט אן ערלעכע, איבערגעגעבענע טאכטער פון דער הייליקער קירך, — האט דער מאנאך בארויקט דאלארעזן, — איז נאך אימעצער פאראן דארט ? ווער איז ווייטער ?

אלע פארזאמלטע האבן זיך אויסגעשטעלט אין א ריי ארום דעם שרעקלעכן אויספארשונגס־טיש.

— אין נאמען פון דער הייליקער מוטער ! — האט ראמאן אויסגע־שריען, ברעכנדיק די הענט און אנכאפנדיק דעם מאנאך פאר זיין לאנגן מאנטל. זיינע קני האבן געציטערט און זיין הארץ איז ארומגעכאפט געווארן מיט א טויט־שרעק, ווי די ערד וואלט פלוצלונג פארשווונדן פון אונטער זיינע פיס.

— אוועק, דו שמוציקער ייד ! — האט דער מאנאך א זאג געטאן קאלט, מיט אכזריות.

— איך בין ניט קיין ייד, — האט ראמאן געשריען, — איך בין א גוטער קריסט, א לאיאלער קאטאליק !

— אויב אזוי ביסטו נאך ערגער פון א יידן — דו ביסט א פארשאל־טענער צוריק געווארענער ייד ! — האט דער מאנאך אויסגערופן, — קיין זאך וועט דיך שוין ניט ארויסראטעווען פון גיהנום . . .

— א, הערט מיך אויס, איך בעט אייך, — האט זיך ראמאן געבעטן און האט זיך אומזיסט געמאטערט אנצוכאפן דעם מאנאך פארן ארבל.

— זיי ניט אזא פייגלינג, — האט זיך אפגערופן איינער פון דער ארעסטירטער עדה, — דו זעסט, מיר בעטן זיך ניט ביי קיינעם . . .

— דו מוזסט טאקע מאכן צו שאנד און צו שפאט אונדזער נאמען, דעם נאמען פון אונדזער פאלק ? — האט זיך א צווייטער פון דער עדה ביין ארייננגעמישט.

— שטיל זאל זיין ! — האט דער פארזיצנדיקער מאנאך אומגעדולדיק א געשריי געטאן, — איך קאן ניט אנגיין מיט מיין ארבעט אין אזא טומל . . .

— א, הייליקער פאטער, — האט ראמאן גערעדט מיט א פיבערדיקער שנעלקייט, — איך שווער ביי דעם הייליקן עוואנגליום, אז איך האב גארניט געהאט צו טאן מיט דער אומריינער, טייוולשער גאטעסדינסט פון די דאזיקע יידן. איך בין פארשלעפט געווארן אין דעם קעלער דורך כישוף פון דעם מאן, וועלכער האט געהאט א געלעגנהייט צו ראטעווען מיין זינדיקן קערפער פון געפאר. פרעג די סעניאריטא דאלארעז. פרעג זי . . .

א פאליציי־מאן האט אים א זעץ געטאן מיט דער אלעבארדע איבערן קאפ.

ראמאן האט אויף א ווײלע פארלארן דאס באוווסטזיין און איז אוועק־געפאלן אויף דער ערד ווי א שטיק הרודע.

די "אויספאָרשונג" איז אָנגעגאַנגען ווייטער . . .

ווען ראַמאַן איז געקומען צו זיך נאָך דעם קלאַפּ איבערן קאָפּ, וואָס ער האָט געקראָגן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז פאַרלאָרן; אַז זיי וועלן אים קיין זאַך ניט גלויבן; אַז ער וועט פאַרמשפּט ווערן שטרענג, איז בעסטן פאַל — צו אייביקער תפיסה.

פאַר די וואָס קערן זיך אום צו יידישקייט איז קיין איינזעעניש ניטאָ.

מיט אַ פיר־פינף יאָר צוריק האָט ער געהערט עפּעס אַ מאָדנע געשיכטע וועגן איינעם מיטן נאָמען לויאיס סומענאַ, וואָס האָט זיך אומגעקערט צו יידישקייט און איז פאַרראַטן געוואָרן דורך אַ מענטשן, וועלכער איז פריער אַליין געווען פאַרמשפּט פאַר דעם זעלבן פאַרברעכן.

סומענאַ איז באַלד אַרעסטירט און פאַרמשפּט געוואָרן צום פאַרברענען אויפן הייליקן שייטערהויפן. מיט עטלעכע טעג איידער די עקזעקוציע האָט באַדאַרפט פאַרקומען, האָבן צופעליקע רייזנדע, זיצנדיק אין אַ קרעטשמע, אונטערגעהערט אַ שמועס פון אַ חברה וואָס האָט אויסגעפּלאַנט אַ שרעקלעכן אַקט פון נקמה פאַר דעם פאַררעטער. האָבן זיי עס גלייך געלאָזט וויסן וועמען מען דאַרף און דער מאַן איז געראַטעוועט געוואָרן.

אָבער וועלכע באַווייזן האָט ער, ראַמאַן, פעסטצושטעלן, אַז ער באַ־לאַנגט צום קריסטלעכן גלויבן? ווער וועט דען גלויבן זיינע רייד? און וועלכע עדות פון וועלכער קרעטשמע וועלן פעסטשטעלן זיין אומשולד און וועלן ראַטעווען זיין לעבן?

— אָ, הייליקע מוטער! הייליקע מוטער! — האָט ער אויסגעשריען, אויפהויבנדיק זיך פון פּלאַץ, אָבער די קני זיינע האָבן זיך אונטערגעבראָכן אונטער אים.

— איך בין דער זון פון דאָן־אַלאָנסאָ אַגירעס! דער בישאָף פון באַדאַכאָז איז אונדזערער אַ פריינט!

— ווען דו וואָלסט געווען אפילו דער זון פון קעניג אַליין, וואָלט עס דיר אויך גאָרניט געהאָלפן, — האָט דער מאַנאַך געזאָגט.

— זיי ניט קיין פּיגלינג, — האָט זיך צו אים דאָן־כעזוס ביין אָפּגע־רופן, — אויב דו קאָנסט ניט לעבן ווי אַ נאָבעלער מענטש, טאָ האָב כאָטש מוט צו שטאַרבן נאָבל!

דאָס זיינען געווען דאָן־כעזוסעס לעצטע ווערטער אויף דער זינדיקער ערד. מער האָט ער שוין זיין מויל קיינמאָל ניט געעפנט.

ווען די ארעסטירטע זיינען צוגעגאנגען צום טיר, האט דאן־כעזום באמערקט זיין טאכטער אין די ארעמס פון דעם אויסגעפוצטן קאוואליערא. ער האט געמאכט א פאר טריט אין איר ריכטונג, האט איר א שפיי געטאן אין פנים און איז געגאנגען ווייטער.

דער קאוואליערא האט געמאכט א שנעלע באוועגונג און האט זיך געוואלט לאזן נאך דאן־כעזוסן, אבער זיין געליבטע, דאלארעז, האט אים אפגעהאלטן:

— לאז אים אפ, — האט זי געזאגט, — ריר אים ניט אן.

דער אויפגערעגטער קאוואליערא איז געבליבן שטיין אויפן ארט, נאכקוקנדיק בלויז מיט בייזע אויגן דעם אוועקגייענדיקן דאן־כעזוסן און צוזינגענדיק אין דער שטיל און מיט ביטול דאס גוט באקאנטע לידל, וואס איז פארפאסט געווארן נאך אין יאר 1492, ווען מען האט ארויסגעטריבן די יידן פון שפאניע:

„גייט אייך, יידעלעך, גייט געשווינטער,
„נעמט אויף שנעל צו ווייב און קינדער, —
„דער גוטער קעניג האט באפוילן
„מיר זאלן אייער גוטס צעטיילן"...

די ארעסטירטע האבן זיך אלע אויסגעשטעלט אין טונקעלן קארידאר.

— איך בעט אייך, — האט זיך ראמאן מיט א ציטערדיקער שטימע געווענדט צו דאלארעז, — דאנא דאלארעז, איר ווייסט דאך, אז איך בין ניט קיין ייד...

— איך ווייס גארניט, — האט זי געענטפערט קורץ און שארף, — די אינקוויזיציע איז גוט און ערלעך צו יעדער איינעם...

ראמאן האט זיך געגעבן א גלייך אויס, ווי מען וואלט אים א שטארקן קלאפ געטאן. אלץ און אלע זיינען געווען קעגן אים. ער האט פארשטאנען, אז די גאנצע משא פון זיין גורל ליגט אויף זיינע איינגענע פלייצעס און... א מוראדיקער האס האט פלוצלונג אנגעפילט זיין צעשראקן הארץ, און ער האט זיך דערשפירט זיכער און פעסט. שטארבן איז קיינמאל ניט צו שפעט און דערהויפט שטארבן פאר אן אידייע, וועלכע איך האב ניט נאר צוריקגעוויזן, נאר וועלכע איך האב קיינמאל ניט פארשטאנען און באגריפן ניט געקאנט...

ראמאַן איז מיט אַלע איבעריקע איינגעשפּאַרט געוואָרן אין טורמע ביז עס וועט פאַרקומען דער משפּט איבער זיי, א משפּט, וואָס וועט זיכער ברענגען מאַטערניש און דאַן — טויט־שטראָף.

טז

די אַרעסטירטע מאַראַנען האָט מען ציטערווייליק איינגעשפּאַרט ניט אין א געוויינטלעכער תפיסה, נאָר אין אן אַלט, האַלב־חרובער הויז, לעבן אַלאַמעדאַ, האַרט ביים טייך, ווייל אַלע תפיסות זיינען געווען איבערגעפּאַקט און בלויז אין באַזונדער וויכטיקע פאַלן האָט מען זיך באַמיט צו מאַכן דאָרט אָרט פאַר אן אַרעסטירטן.

אין א שמוציקן קעלער, פול מיט מייז און מיט ווערים, האָבן זיך די מאַראַנען אָנגעהויפט אין א ווינקל און האָבן תפילה געטאָן, געוויינט אין דער שטיל און געקרעכצט מיט צעבראָכענע הערצער.

דרויסן האָט די אַנדאַלוזיער זון געשיינט העל און וואַרעם. די גאַסן זיינען געווען פול מיט מענטשן. אייניקע האָבן געזונגען, אַנדערע האָבן געמיטלעך געשמועסט און נאָך אַנדערע האָבן זיך היים געאַמפּערט וועגן דעם קומענדיקן אַקסן־קאַמף.

אין קעלער איז קיין טראָפּן ליכט ניט צוגעקומען, און קיינער פון די אַרעסטירטע האָט קיין אָנונג ניט געהאַט ווי לאַנג מען וועט זיי דאָ איין דעם קעלער האַלטן און וואָס מיט זיי וועט זיין בכלל; קיינער פון זיי האָט נאָך ניט באַגריפן, אַז זיי זיינען אַזוי גוט ווי פאַרמשפּט צום טויט . . .

ביי ראַמאַנען האָט דאָס האַרץ שיר ניט געפּלאַצט. ער האָט געשפּירט, אַז אַט־אַט וועט ער אַראָפּ פון זינען פונם באַוווסטזיין, אַז ער ליידט פאַר פרעמדע זינד.

מיט געביילטע פויסטן, א צערייצטער האָט ער זיך ווידער אַמאָל א וואָרף געטאָן אויף דאָן־כעזוסן און עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי א קאַמף, פון וועלכן מען האָט זיי קוים אָפּגעריסן.

א שטאָלצער, א שטילער, א געבראָכענער פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט אים און זיין פאַמיליע געטראָפן, פון דעם נידעריקן פאַלן פון דאָלאָרעסן — האָט דאָן־כעזוס קיין איינציק וואָרט ניט אַרויסגערעדט, ווי ער וואָלט זיין שטים פאַרלאָרן. ער האָט בלויז אָפּגעווענדעט פון זיך די קלעפּ, וואָס ראַמאַן האָט אויף אים געשאָטן און האָט תפילה געטאָן אין דער שטיל.

ווי א ווילדע חיה האָט ראַמאַן אַרומגעשפּרייזט איבערן קעלער, אַנ־

שטויסנדיק זיך אויף מענטשעלעכע קערפּערס, לאכנדיק היסטעריש און צו־לויפנדיק יעדער רגע צו די וועכטער מיט א געוויין און א געבעט זיי זאָלן אים ארויסלאָזן, כדי ער זאָל קאָנען אויפקלערן די פאטאלע אומשטענדן, וועלכע האָבן אים געבראכט אין יענעם פארפלוכטן קעלער — אומשטענדן, אין וועלכע ער איז לחלוטין ניט שולדיק.

די וועכטער האָבן אים, נאטירלעך, אויסגעלאכט. פאר זיי איז ראַ־מאַנס אויפפירונג ניט געווען קיין איבערראשונג, — זיי האָבן שוין געזען ווי יידן זיינען אין אזעלכע פאלן אראָפּ פון זינען, איז עס פאר זיי קיין נייעס ניט געווען.

פּאַרטאָג האָט זיך ראַמאַנען דאָך איינגעגעבן באפריינדעט צו ווערן מיט איינעם פון די וועכטער — א קורצער און א דיקער מאַן, וואָס האָט געשטאַמט פון גאַליציע. ער האָט אים אוועקגעגעבן זיין זילבערנעם גארטל, די שנאָלן פון די שיך, פינף דוקאטן מזומן און האָט אים געבעטן ער זאָל אים דערפאר געפינען עמיצן, וואָס זאָל איבערגעבן א בריוו צו זיין פאטער, אגירע, אָדער צו דעם בישאָף פון באדאכאָז.

קיין בייז איז אין דעם ניט געווען. האָט דער גאליציאנער צוגענומען די מתנות און האָט צוגעזאָגט, אז דער בריוו וועט איבערגעגעבן ווערן. אָבער באלד האָט ער דעם בריוו צעריסן און די שטיקלעך צעוואָרפן איבערן גאַנצן קעלער.

ראמאַן האָט דערוואַרט עטוואָס אזוינס, אָבער אים האָט עס ניט גע־אַרט, — די איינציקע זאַך, וואָס ער האָט געוואָלט איז געווען צו ווערן פריינד מיט דעם נארישן דאָרפס־יונג, דעם וועכטער . . . צו די מתנות האָט ער אים צוגעגעבן נאָך עטוואָס : אביסל קאָמפּלימענטן. ער האָט צו אים גערעדט אויף גאַליצישן לשון און זיי האָבן אפילו דערציילט איינער דעם צווייטן א פּאָר אַנעקדאָטן . . .

ראמאַנס מוח האָט געאַרבעט פיבערהאפט שנעל. ער האָט קיין זאַך ניט געהאַט צו פארלירן.

— דאָס דאַרף געשען איצט, אָדער קיינמאָל ניט ! אויב אים וועט זיך ניט איינגעבן צו אנטלויפן איצט אין דעם באַגינען — איז זיין גורל גע־שלאָסן, ווייל אין משך פון טאָג וועט מען זיי זיכער אריבערפירן אין אַ אמתער תפיסה, וווּ אזוינס וועט ניט מעגלעך זיין דורכצופירן, און דאַן איז אַלץ פארלאָרן.

זיין פּלאַן איז געווען געוואַגט און פּשוט. ער האָט אויסגעקליבן אַ מאָמענט, ווען די וועכטער האָבן אָנגעהויבן דרעמלען, אָנגעשפּאַרטע אָן דער וואַנט לעבן טיר, און האָבן אָנגעהויבן פּאַנפּען מיט די נעז . . .

דער גאַליציאַנער האָט אַ קוק געטאָן מיט חשד אויף ראַמאָנען, ווי ער וואָלט אים פרעגן : אַנו, זאָג נאַר, גוטער ברודער, וואָס ווילסטו דאָ טאָן ? . .

ראַמאָן האָט פאַרשטאַנען און האָט אונטערגעכאַפּט זיין געדאַנק.

— איך פיל זיך זייער שלעכט, — האָט ראַמאָן געזאָגט, — די צע־טומלעניש צוליב דער געשעעניש, די שרעק פאַר אַ שווערן אורטייל — האָבן מיך אינגאַנצן רויִנירט. מיין מאָגן איז צערודערט און איך האָב שרעקלעכן בויך־ווייטיק . . .

— אַ, זאָרג זיך ניט. דו וועסט ניט לאַנג דאַרפן ליידן . . . — האָט אים דער גאַליציאַנער געטרייסט מיט עכטן הומאָר פון אַ תּליון.

— אַלץ איז אין די הענט פון אונדזער האר יעזוס קריסטוס, — האָט ראַמאָן געענטפערט.

— דאָס איז טאַקע אמת, אָבער אין דעם פאַל האָבן די דאָמיניקאַנער מאָנאַכן אויך עפּעס צו זאָגן . . .

— אַ, ס׳אַרא ווייטיק ! . . — האָט ראַמאָן פּלוצלונג אָנגעהויבן קרעכצן, קייקלענדיק זיך איבערן דיל.

— איך פאַרזיכער דיך, אַז דו וועסט פון דעם ניט שטאַרבן, — האָט דער גאַליציאַנער רויִק באַמערקט.

— מיין ליבער פריינד, — האָט ראַמאָן זיך געווענדעט צום וועכטער, — איך וועל דיר געבן פופציק דוקאַטן, אויב דו וועסט מיט מיר צוגיין אין וואַש־צימער דאָ אויפן הויף. איך וועל דאָ דערשטיקט פון דער לופט און פון ווייטיק.

— אַ, דו דאַרפסט ניט גיין אויפן הויף, — האָט דער וועכטער גע־זאָגט, — דו קאָנסט עס טאָן דאָ. די שמוציקע יידן וועלן גאָרניט האָבן קעגן דעם.

— דאָס איז ניט מענלעך, — האָט ראַמאָן געזאָגט, — דו דאַרפסט ניט מורא האָבן. איך בין דאָך ניט קיין באַוואָפנטער און דו ביסט באַוואָפנט, טאָ וואָס האָסטו מורא צו האָבן . . . און מיין געלט דאַרף איך אויך ניט, אויב מיך דערוואַרט טויט־שטראָף.

— נו, גוט, — האָט דער גאַליציאַנער שטיל געזאָגט, — אָבער גע־

דענק : איין פאלשן טראט אויב דו מאכסט, שטעך איך דיך דורך אט מיט דעם שווערד.

— איך וועל אזוינס ניט טאָן, דו ווייסט עס.

— נו, טאָ לאָמיך זען דאָס ביסל געלט . . .

ראמאָן האָט איבערגעציילט דאָס געלט און האָט עס איבערגעגעבן מיטן טייסטער צום וועכטער :

— דו קאָנסט האָבן דעם טייסטער אויך, — האָט ער געזאָגט מיט באדויערונג. איך האָב פאר זיך איבערגעלאָזן אזוי ווייניק געלט, אז איך קאָן עס האלטן צווישן די ציין . . .

דער וועכטער האָט געעפנט די טיר, איז ארויס מיט ראמאָנען און האָט עס צוריק פארשלאָסן.

עס איז געווען שוין באלד פארטאָג. ראמאָן האָט איינגעאָטעמט פולע לונגען פרישע לופט און איז געגאנגען פאמעלעך צום וואש־צימער, טראט נאָך טראָט באגלייט פון דעם וועכטער.

— איצט, אָדער קיינמאָל ניט מער, — האָט ער געשעפטשעט, — איצט אָדער קיינמאָל ניט.

— עס איז זייער פינצטער, ניט אמת ? — האָט ער געמיטלעך א פרעג געטאָן דעם וועכטער, און האָט געמאכט א באוועגונג ווי ער וואָלט זיך וועלן צוזעצן.

— נו, מאך עס שנעלער ! — האָט זיך דער וועכטער אָפגערופן.

פלוצלונג האָט זיך ראמאָן א וואָרף געטאָן אויפן וועכטער און מיט זיין גאנצן כוח האָט ער זיך איינגעקלאמערט מיט די פינגער אין וועכטערס האלדז. דאָס אלץ איז פארגעקומען אזוי אומדערוואַרט, אז יענער האָט אָפגעלאָזן זיין שווערד און האָט זיך א וואקל געטאָן. דער גאליציאנער איז טאקע געווען געזונט ווי א יונגער אָקס, אָבער ניט שטארק גענוג צוביישטיין א פלוצלונגדיקן אָנפאל פון א יונגן, שטארקן מאַן, וואָס שטעלט אלץ איין אין קאָן, ווייל ער האָט קיין זאך ניט צו פארלירן און געווינען קאָן ער זייער פיל, — זיין גאנץ לעבן . . .

צי איז דער וועכטער שוין געווען טויט, האָט ראמאָן ניט געוווּסט, — אלנפאלס, קיין ווידערשטאנד האָט ער ניט ארויסגעוויזן. פונדעסטוועגן, צוליב מער זיכערקייט האָט אים ראמאָן געבונדן, צוגענומען דעם טייסטער מיטן געלט און איז פארשוואונדן אין דער פינצטערניש פון דער נאכט.

גאָט — דער יידישער, אָדער דער גוישער — האָט אים געהאָלפֿן . . .

ראַמאָן איז געגאַנגען מיט א שנעלקייט, ווי עס וואָלטן אים נאָכיאָגן א טוץ מכשפות. עס האָט אים גענומען ניט לאַנג און ער איז געווען אויסער סעוויליע. ער האָט אוועקגעוואָרפֿן זיין זשאַקעט, צעריסן די הויזן; ער האָט שנעל אָן א שטיין אָנגעשאַרפֿט זיין מעסערל און האָט אָפּגעגאָלט זיין בערדל מיט די וואָנצעס און האָט אויסגעשמירט דעם פּנים מיט שטויביקער בלאָטע. עס איז שווער געווען צו דערקענען אים. עס איז כמעט קיין זכר ניט געבליבן פון ראַמאָן דע אַגירע דעם נאָבלמאַן, דעם סאָנעטן שרייבער און דעם פריינד פון באַדאַכאָזער בישאָף. ער האָט איצט אויסגעזען ווי א פּראָסטער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אומגעקערט פון א דערפאָלגרייכן מאַרש איבער איטאַליע, און האָט דאָרט איבערגענומען די מאַניערן פון זייער ריידן מיט א ניגון און אַלע אַנדערע העוויות. טויזנטער אַזעלכע סאָלדאַטן האָבן איצט פאַרפלייצט שפּאַניע . . . ער האָט זיך דערשפּירט זיכער, אָבער מיד, ווייל ער איז געגאַנגען א גאַנצן טאָג. ערשט פאַרנאַכט איז ער אָנגעקומען קיין מאַראָן.

מיט א מאָדנעם געפיל פון טרויער האָט זיך ראַמאָן דערמאָנט אָן דער פּריילעכער קאָמעדיע "די זיבן משומדים", וואָס ער האָט דאָ געזען מיט דאָן־כעזוסן בלויז מיט עטלעכע טעג צוריק, אויף זייער וועג קיין סעוויליע. ער איז געווען דאַן פול מיט האָפענונגען צו זיין באַלד אין זיין היים, זען די עלטערן, פריינט, און פרייען זיך מיט זיי.

— אָ, פאַרפלוכטער ייד ! — האָט ער אויסגעשריען, דערמאָנענדיק זיך די איבערלעבונגען פון דער לעצטער נאַכט, פונקט ווי ערשט איצט וואָלט ער באַגריפן דעם גאַנצן שוידער פון דער סיטואַציע. ער האָט געווישט דעם שווייס פון שטערן און געבראָכן די הענט אין א נייעם אָנפאַל פון פאַרצווייפלונג.

ער האָט זיך געשפּירט ווי א פאַריאָגטע חיה. אונטער דער ווירקונג פון דער שרעק, וואָס איז אים באַפאַלן, מען זאָל אים ווידער ווי עס איז ניט כאַפּן, האָט ער, ווי א וואַנזיניקער געשעפּטשעט שטיקלעך תפילות, געווענדעט צו דער הייליקער מאַדאָנע פון סאַראַגאָסאַ, צו סאַנט יאַגאָ דע קאָמאָפּאָסטעלאַ און צום הייליקן ראַמאָן, זיין טויף פּאַטער, — די איינציקע שטיקלעך תפילות, וואָס ער האָט געוווּסט און געקאָנט אויסווייניק.

ער האָט זיך געפילט שוואַך, איבעריק און פאַרלאָזן, אַזוי ווי עס פילט זיך א קעניגלעכע קורטיזאַנע, ווען זי דערוויסט זיך, אז דער קעניג וויל זי

שוין מער ניט . . . איר לעבן איז שוין דאן גארנישט ווערט, ווייל פארן קעניג איז זי צו שלעכט און פאר פשוטע מענטשן — צו גוט . . . איר איינציקער אויסוועג איז דער טויט . . .

אומבאגרייפלעך זיינען די וועגן פון שיקזאל און די מתנות, וואס ער שענקט אונדז זיינען אפט פון זייער צווייפלהאפטן ווערט . . .

ער האט געקויפט ברויט און קעז און האט עס אויפגעפרעסן מיט א חיהשן אפעטיט.

אין אוונט האט ער זיך אפגערוט אין א וועלדל און איז ווייטער געגאנגען זיין וועג. ער האט געאיילט קיין באדאכאז. ער האט געטראכט, אז פאר א געוויסער צייט איז דער זיכערסטער ארט פאר אים צו זיין אין זיין פאטערס הויז.

ער האט געריכטעט זיין וועג דורך באבאדילא, כדי צו זען זיך מיט אמארילים איידער זי וועט זיך דערוויסן וועגן זיין אנטלויפן.

מערקווירדיק: אין די דאזיקע קריטישע מאמענטן האט ראמאן גע־טראכט בלויז פון אמארילים; אלע געדאנקען האבן זיך געוועבט ארום איר. חוץ זיינע עלטערן איז אמארילים געוועזן דער איינציקער מענטש, וועמען ער האט געוואלט זען.

ער איז געגאנגען די גאנצע נאכט און האט זיך געפילט שטארק און מונטער.

יז

אין א וואך ארום האט סעווילע ביינעוווינט א פייערלעכן און פאר־בנרייכן אויטא דע פע, אזא וואס האט זיך לויט גרויסקייט און רייכקייט געקאנט פארגלייכן בלויז מיט די אויטא דע פעס פון יאר 1560.

מער ווי הונדערט טויזנט צושויער זיינען איינגעלאדן געווארן פון גאנץ אנדאלוזיע בייצווווינען דעם זיג און טריאומף פון דער קאטוילישער קירך.

פיר הונדערט טויזנט גאלדשטיק האט מען אויסגעגעבן בלויז אויף שפייז פאר די אינקוויזיטארן און זייערע געסט, פאר די מארשאלן און זייערע אומצאליקע דינער, וועלכע זיינען אנגעקומען פון די פארווארפנסטע ווינקע־לעך פון אנדאלוזיע בייצווווינען די הייליקע צערעמאניע, וואס האט געדויערט פון זיבן אינדערפרי ביז ניין אין אוונט, און וועלכע האט געדארפט באפעס־טיקן זייערע הערצער אין הייליקן גלויבן . . .

דריי און פערציק מענער און זעקס פרויען האט מען פארברענט אויפן הייליקן שייטערהויפן. דאס איז געווען די הויפט אטראקציע. חוץ דעם זיינען געווען נאך אנדערע, קלענערע פארווייל־ונגען: — מענער און פרויען, וואס זיינען פארמשפט געווארן צו תפיסה, קאטארגע, צו שמייסן, אדער צו רייסן פון זיי שטיקער ...

דער גרויסער יום־טוב איז אבער אביסל געשטערט געווארן פון עט־לעכע אינצידענטן. ערשטנס — דאן־כעזוס: ער האט ניט געוואלט געבן די תלינים קיין געלעגנהייט צו פרייען זיך מיט זיינע מאטערנישן און באַ־גאנגען זעלבסטמארד, אריינוואַרפנדיק זיך אין דעם תפיסה־ברונים. אומגליק־לעכערווייז האט מען אים ניט געקאנט אפראטעווען, כדי צו האבן די מעג־לעכקייט פארברענען אים לעבעדיקערהייד און אזוי ארום אפראטעווען זיין נשמה. מען האט פארברענט זיין טויטן קערפער אויפן הייליקן שייטער־הויפן, אבער קיין יסורים האט ער שוין ניט געשפירט און דעריבער האט ער זיך ניט געקאנט מתודה זיין אין זיינע זינד און ממילא איז קיין פארגעבונג ניט מעגלעך געווען ... און ער איז געשטארבן א זינדיקער.

דער צווייטער אינצידענט איז געווען — דאס אנטלויפן פון ראמאן אגירע, א געבוירענער אין באדאכאן — א פארעקשנטער און געפערלעכער מאראן. חוץ דעם, וואס ער איז אנטלאפן, איז ער באפאלן איינעם פון די לאיאלע און איבערגעגעבענע דינער פון זיין מאיעסטעט. ער האט דעם דינער אזוי געפערלעך פארוואונדעט, אז יענער איז אין א פאר טעג ארום געשטארבן פון די וואונדן. מען האט אים, ראמאנען, פונדעסטוועגן פארברענט אין זיין אפוועזנהייט, און עס איז גלייך פובליקירט געווארן א פרעמיום פון פינף הונדערט דוקאטן פאר זיין קאפ.

דאן־כעזוסעס פרוי, דאנא פילאר, איז אויסגעפרעגט געווארן ביים געריכט און עס איז פעסטגעשטעלט געווארן, אז זי סימפאטיזירט מיט איר מאנס אפיקורסעס.

אן אלטע פרוי, א דינסט פון די מאנטאלבאנס, וועלכע איז געבליבן לאיאל צו דער הייליקער קאטוילישער רעליגיע, ניט געקוקט אויף דעם, וואס מען האט זי געוואלט אונטערקויפן מיט פארפלוכטן יידישן גאלד, האט עדות געזאגט, אז דאנא פילאר האט קיינמאל ניט אנגעצונדן קיין פייער אום שבת און האט אויך געגעסן טשאלנט, — דעם באוווסטן און באליבטן מאראנישן מאכל. די דאזיקע אלטע פרוי האט זיך אליין מתודה געווען אין אירע זינד

און דערפאר האט מען זי באפרייט פון די יסורים פארברענט צו ווערן לעבע־דיקערהייד, נאר מען האט זי פריער דערשטיקט און דערנאך ערשט האט מען איר קערפער אריינגעווארפן אין פייער.

די פיינע און לאיאלע שפאניער האבן זיך געפילט גאנץ גוט מיט דעם אפמאך, וואס זיי האבן געהאט מיט גאט און מיט די פרייהייטן, וואס ער האט זיי פון צייט צו צייט געגעבן . . .

דער דאמיניקאנער מאנאך, וואס האט אנגעפירט די אויספארשונג, האט באשטימט צו ראטעווען דאס יינגל, וועלכער איז אים שטארק געפעלן געווארן, — צו ראטעווען ניט נאר זיין זינדיקע נשמה, נאר אויך זיין יונגן קערפער. דערפאר אבער האט ער באדארפט צוקוקן, ווי זיין פאטער פרעגלט זיך אויפן שייטערהויפן לעבעדיקערהייד און דאס האט אים באדארפט ברענ־גען צו דער איבערציי‌גונג, אז דער קאטוילישער גלויבן איז דער איינציקער און אמתער.

דאס יינגל איז אבער געווען א גרויסער עקשן און א נאר און האט די גאנצע צייט געשריען: — אדני! אדני!

און אז דער דאמיניקאנער מאנאך האט אים צארט ארומגענומען און געבעטן ער זאל זיך צוהערן צו דער הייליקער שטימע, וואס טראגט זיך פון שייטערהויפן, האט דאס יינגל ביי אים ארויסגעריסן פון האנט דעם צלם, האט עם א שליידער געטאן אויף דער ערד און האט מיט פאראכטונג א שפיי געטאן דעם מאנאך אין פנים אריין.

צוליב זיין מינדעריעריקייט איז דאס יינגל פאר דעם פארברעכן בא־שטראפט געווארן זייער מילד, נעמלעך: צו הונדערט שמיץ, צען יאר שווערע ארבעט און צו אייביקער תפיסה . . .

פיר מענער האבן זיך מודה געווען און חרטה געהאט אויף זייערע זינד, וואס זיי זיינען אראפגעפירט געווארן פון ערלעכן קריסטלעכן וועג. דערפאר איז זיי געגעבן געווארן די פריווילעגיע, מען זאל זיי ניט פארברענען לעבעדי־קערהייד, נאר פריער זאל מען זיי דערווערגן און דערנאך אריינווארפן אין פייער.

אין דעם טאג פון דעם אויטא־דא־פע איז אין שטאט פארגעקומען א מערקווירדיקע פאסירונג, א נס. ווען מען האט די מאראנען געפירט צום פלאץ פון הייליקן שייטערהויפן, האט איינער פון די פירער באמערקט די פיגור פון דער הייליקער מוטער; זי האט געמאכט עפעס א מאדנע באוועגונג און, ווי אין

אז אנפאל פון משוגעת, האט זי אויסגעשריען : — פארפלוכט זאל זיין די שעה, ווען איך בין פארגאנגען אין טראגן מיט אים . . .

אין דעם זעלבן מאמענט, ווי עס איז שפעטער פעסטגעשטעלט געווארן, איז די געשטאלט פון דער הייליקער מאדאנע פון ראזארי, וואס געפינט זיך אין סעווילער קאטעדראלע מיטאמאל שווארץ געווארן. איר שטערן איז באדעקט געווארן מיט טראפנס שוויים, וועלכע זיינען באלד פארוואנדלט געווארן אין רויטע, שיינענדיקע פלעקן.

און אזוי לאנג ווי דער שוויים האט ניט אויסגעטריקנט אויף איר פנים: אזוי לאנג ווי זי האט זיך ניט אומגעקערט צו איר נארמאלן אויסזען, ווי גאר־נישט וואלט געשען — האבן די פייערן פון הייליקן שייטערהויפן ניט אנגערירט די לייבער פון די זינדיקע מאראנען.

דעם דאזיקן נס האבן געזען עטלעכע עלטערע פרויען, וואס זיינען געווען אין קירך, און א יונג מיידל, וואס איז אין יענער רגע צוגעגאנגען צום אלטאר אנצוצינדן א ליכט פאר איר געליבטן, וואס איז די פאריקע נאכט אפ־געשוואומען אויף א שיף קיין אלזשיר.

יח

די באבאדילער בערג האבן זיך שוין אנגעהויבן באדעקן מיט גאלדענע שטראלן פון דער פארגייענדיקער זון, ווען ראמאן האט זיך פארנומען אויפן וועג, וואס האט געפירט צו דער קרעטשמע. עס איז נאך אפילו געווען גאנץ ווייט און אלץ איז געווען פארהילט ווי אין א נעבל, אבער עס האט זיך אים געדוכט, אז ער זעט שוין אמארילים שטייענדיק ביים ברונים, ווי ער האט זי געזען דעם לעצטן מאל, ווען זי איז זיכער געווען, אז זי וועט אים שוין קיינמאל מער ניט זען.

מעגלעך, א דאס איז געווען בלויז אן אויסדאכטעניש, אן אילוזיע, און די פארשאטנטע קאנטורן וואס האבן זיך געזען פון דערווייטן, זיינען ניט געווען פון אמארילים. אבער וואס מער ער האט געטראכט וועגן איר, אלץ שנעלער האט געקלאפט זיין פולס און ער האט זיך געשפירט ווי געיאגט און געטריבן צו איר, — דארט לעבן איר וועט ער קאנען אפרוען פון די אלע איבערלעבענישן, וואס ער האט לעצטנס דורכגעמאכט.

דער ווייכער הארבסט אוונט האט אלץ ארום איינגעהילט אין א מיס־טישער שיינקייט און ראמאן האט זיך דערשפירט פריידיקער. זיין געזונט

צושטאנד, זיינע שנעלע באשלוסן און האנדלונגען האבן אים אנגעפילט מיט שטאלץ.

עס איז אים קיינמאל פריער ניט אויסגעקומען צו האנדלען אדער טראכטן אין אזא שנעלער טעמפא, ווייל ער איז געווען א קינד פון א רייכער פאמיליע, וועלכע האט געזארגט און צוגעגרייט פאר אים א רויקן און א זאטן לעבן, לויטן מוסטער פון די זיידעס און עלטער־זיידעס. זיין שנעלע און קלארע אריענטירונג, זיין ברויזנדיקע ענערגיע, וואס ער האט ארויסגעוויזן אין דעם קריטישסטן מאמענט פון זיין לעבן — זיינען פאר אים אליין געווען אן איבער־ראשנדיקע אנטדעקונג.

און איצט, ווען ער איז אזוי איילik געגאנגען צום קרעטשמע, איז אים גראד איינגעפאלן א געדאנק, אז אפשר טוט ער שלעכט, אפשר מאכט ער א פאלשן שריט. איצט לפחות דארף ער זיין זייער פארזיכטיק . . .

פארלאזן דאס לאנד קאן ער ניט, ווייל דאן וואלט מען אים זיכער באטראכט פאר א מאראן, וואס פראקטיצירט יידישקייט און פאר אזעלכע איז קיין איינזעעניש ניט פאראן, אזעלכע ווערן באטראכט ערגער פון יידן. ער וואלט איצט, אייגנטלעך, פשוט באדארפט איבערווארטן אביסל; א קורצע צייט כאטש וואלט ער זיך ניט באדארפט אומקערן קיין באדאכאז, ווייל זיין פא־טערס הויז וועט זיכער נאכגעשפירט ווערן אין געהיים דורך די אינקוויזיציע שפיאנען. פארלאזן זיך אויף דער איינזעעניש פון דער הייליקער אינקוויזי־ציע, וואלט געווען א נארישקייט, ווייל זייער כעס איז נאך ניט געשטילט גע־ווארן, און כעס, ווי באוווּסט, ווייס ניט פון קיין איינזעעניש, איבערהויפט אזא בלוטיקער כעס ווי די הייליקע ברודערשאפט פארמאגט . . .

ניט געקוקט אויף דער געדריקטער שטימונג, וואס האט אים ארומגע־כאפט, האט ער דאך זיין גלייכגעוויכט און שכל ניט פארלארן.

עטוואס זייער צוציענדיקס איז געווען אויסגעשפּייט אויפן וועג מיט וועלכן ער איז געגאנגען. די שטאלצע און איינזאמע אגאווו־בוימער האבן זיך געצויגן צום הימל; די מעלאנכאלישע פעלדער און די דרעמלענדיקע בערג האבן געוועבט א נעץ פון שיינע מעשהלעך וועגן אמאליקער גרויסקייט און האבן איינגעוויגט אין א זיסן און פרידלעכן שלאף.

מען זאגט, אז יעזוס קריסטוס אליין האט פארבראכט א לענגערע צייט אין שפאניע . . . צי דאס איז אמת — ווייס ער ניט, אבער סיי ווי סיי, דער געדאנק אליין מאכט אלץ ארום וויכטיק: איצט האט יעדער בוים דערציילט

וועגן מארטירער און יעדער בארג־שפּיץ איז געווען אָנגעזאַפּט מיטן בלוט פון אומצייליקע און אומבאַוווּסטע העלדן . . . יעדער קלענערער ,אָדער גרעסערער וואַסער שטראָם אין טאָל, אָדער אויפן בארג איז געהייליקט פון דער באַרי־רונג פון די הייליקע מארטירער, וואָס פלעגן קומען איינטונקען זייערע ליפּן אין זיי . . .

די אַליוון־בוימער האָבן זיך באַוועגט לאַנגזאַם. די ווייַנגערטנער, וואָס זיינען געלעגן צופוסנס די בערג, האָבן אויסגעזען ווי פארשלאָפן און די נאַר־וואָס ארויסגעקומענע לבנה האָט אין זיין פאַנטאַזיע ווייך באַלויכטן דעם איינציקן לעבעדיקן וועזן, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט מיטן גאַנצן כוח פון זיין לײַדנשאַפטלעכער נשמה.

אויף א שיידוועג האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט אן אָפּגעריסענעם מאַן, וועלכער האָט קוים געשלעפּט די פיס, גייענדיק ביים זייט פון וועג. זיין פּלייצע איז געווען איינגעהויקערט און זיין נאַקעטער קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט מאַטאָוון ליכט פון דער אויפגייענדיקער לבנה. עס האָט אויסגעזען, אז דער מאַן איז פארטיפט אין רעיונות, ווייל פון צייט צו צייט האָט ער זיך אָליץ אָנגעשטויסן אָן עפּעס און א דערשראָקענער האָט ער פאָרטגעזעצט זיין וועג.

ראַמאָן האָט אים געוואָלט איבעריאָגן און אויסמיידן אים, — ער איז ניט געווען אויפגעלעגט צו שליסן באַקאַנטשאַפט אָדער פריינטשאַפט מיט ווע־מען עס איז, — דערצו האָט ער איצט בכלל געדאַרפט זיין פאַרזיכטיק, — אָבער עפּעס האָט אים אָפּגעהאַלטן פון צו טאָן דאָס און ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן בעטלער.

דער בעטלער האָט מיט זיינע אויסגעלאָשענע אויגן א קוק געטאָן אויף ראַמאָנען און האָט אויטאָמאַטיש געזאָגט : — גוטן אָוונט. און עס האָט גע־קלונגען אזוי, ווי ער וואָלט עס געענטפערט אויף עמיצנס א באַגריסונג.

ראַמאָן איז געבליבן אין פארלעגנהייט און האָט געענטפערט אויף דער באַגריסונג מיט א טיפן פארנויגן זיך.

א ווײַלע זיינען זיי געגאַנגען שטיל, ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט.

— א שיינער אָוונט ! — האָט דער בעטלער געזאָגט שטיל און פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן שרייען מיט פארצווייפלונג אין שטימע :

— העלפט א העלד פון דער קריסטלעכער ארמיי ! . .

א צעטומלטער האָט ראַמאָן א קוק געטאָן אויף דעם וואָשנעם העלד

פון דער קריסטלעכער ארמיי און האט א שמייכל געטאן: — אויף דעם העלדם היטל זיינען געווען לאטעס וויפל ס'איז דא שטערן אין הימל . . .

— אייער שטים איז מיר זייער באקאנט, — האט ראמאן געזאגט נאך אלץ אין פארלעגנהייט.

— איך האב שוין צוויי טעג קיין ביסן אין מויל ניט געהאט, — האט דער בעטלער געזאגט טרויעריק. עס האט מיר שוין פאסירט אמאל אין נעאפאל, אז איך בין געווען גאנצע פיר טעג אן שפייז.

— דו רעדסט ווי א ריכטיקער סאלדאט. — האט ראמאן געענטפערט.
— דו ביסט אן אמתער קריסט אין גייסט. וויל איך דו זאלסט וויסן, אז איך בין אויך אן ארימאן, אבער פאר א פארטיידיקער פון קריסטוסן וועט זיך ביי מיר שטענדיק געפינען א מטבע אין קעשענע.

ראמאן איז שוין גרייט געווען אראפצולאזן די האנט אין טייסטער און דערלאנגען פון דארט א מטבע, נאר דער בעטלער האט זיך מיטאמאל אויסגע־גלייכט און האט אויפגעהויבן א האנט. דער בעטלער איז פלוצלונג פארוואנדלט געווארן אין א פרינץ, — א זאך וואס פאסירט זייער אפט אין שפאניע . . .

א ווײַלע זיינען זיי געשטאנען אינמיטן וועג, אנקוקנדיק איינער דעם צווייטן, ווי זיי וואלטן זיך ערשט דערזען אין ריכטיקן ליכט.

— ניין! ניין! — האט דער בעטלער אויסגעשריען, — איך האב געמאכט א שרעקלעכן טעות! איך וואלט קיינמאל ניט באדארפט . . .

ער האט ניט געענדיקט זיין פראזע. די היטל איז אים אראפגעפאלן און זיינע אויגן האבן זיך אנגעצונדן מיט שטאלץ און פארביטערטקייט. ער האט אינגאנצן פארגעסן, אז ער האט געבעטן א נדבה, אז ער האט צוויי טעג ניט געגעסן. זיין הארץ איז גערירט געווארן פון ראמאנס ליבנסווירדיקייט.

— איך בין ניט קיין בעטלער, — האט ער געזאגט, — גיט מיר ניט קיין נדבות. איך בין אן אקטיאר, ניט קיין אקטיאר פון דער בינע, וואס הייסט לעבן, ווו מען באגעגנט אונדז אפט ביי אונדזערע ארויסטריטן מיט פוילע עפל און מיט געפרגלטע קעץ. ניין, איך בין אן אקטיאר פון גאטס גענאד. איך בין דאן־פיליפע ראבאס פון קאריאן.

— איך זע, אז אייער פנים און אייער שטימע זיינען מיר זייער באקאנט, — האט זיך ראמאן אפגערופן, — זייט איר דאס דער מאן, וואס האט געדא־טעוועט מיין טייסטער פון די צוויי קארטן־שפילער, די עקספערטן אין איין און צוואנציק?

אין דער רגע האָט א פיינלעכער פאַרגעפיל ארומגעכאַפּט ראַמאַנען, — אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז עס שאַפט זיך עפּעס א קאָמפּליצירטע סיטואַציע, אין וועלכער עס וועלן אריינגעשלעפּט ווערן דער אַפּגעריסענער אקטיאָר, דאָלאָ־רעז, אמארילים, ער אליין און אפשר נאָך אנדערע.

— מיין גאָט! — האָט ראַכאָס געזאָגט, — זייט איר דאָס, הייסט עס, טאַקע יענער מאַן? . .

— יאָ, איך בין דאָס דער מאַן, ווי איר זעט, בלוט און פליש און אַן קליידער, — האָט ראַמאַן געזאָגט און האָט אָנגעהויבן דערציילן א געשיכטע, וואָס ער האָט שוין געהאַט באַשאַפן אין זינען צו דערציילן אין א נויטפאַל . . . איצט האָט ער עס געוואָלט גוט איינחזרן ער זאָל קיין טעותן ניט מאַכן און זאָל זיך ניט פּלאָנטערן ווען ער וועט עס געצוווּנגען זיין צו דערציילן פאַר די אינקוויזיציע שפּיאָנען . . .

— איך בין דאָן־איניגאָ סאַטאַמאַיאָר פון הולעוואַ, די באַרימטע שוועסטער־שטאָט פון קאַדיז. וועגן מיין לאַגע אין איצטיקן מאָמענט, קאָן איך בלויז זאָגן די ווערטער פון דעם גרויסן רוימישן פּאָעט: "פרעג ניט, ווייל מען קאָן עס ניט דערציילן" . . .

זיי זיינען געגאַנגען ווייטער און האָבן געמיטלעך געשמועסט.

ראַמאַן האָט געעפנט זיין האַרץ פאַרן אקטיאָר, וועלכער האָט זיך באַמיט צו ארויסוויזן ווי א מענטש מיט הויכער קולטור.

— איך האָב זיך צעקריגט מיטן פאָטער וועגן מיין חתונה. צו מאַכן עס קורץ איז די געשיכטע אזא: מיינע עלטערן האָבן פאַרלאַנגט, אז איך זאָל חתונה האָבן מיט דעם מיידל, וואָס זיי האָבן פאַר מיר אויסגעקליבן, ניט אַנפרעגנדיק מיך אפילו. איך אָבער האַלט, אז אין אַזעלכע זאַכן דאַרף מען פאָלגן דאָס אייגענע האַרץ און ניט טאַטע־מאַמע. נאָך אלעמען, לעבט דאָך א מענטש נאָר איין מאָל . . .

— יאָ, יאָ, ליבע מאַכט דאָס לעבן לאַנג, אָבער אלע אנדערע זאַכן מאַכט זי קורץ, — האָט ראַכאָס באַמערקט.

— איך וויל זיין יונג כל־זמן די יוגנט האַלט אָן, — האָט ראַמאַן געזאָגט מיט א יוגנטלעך־קלינגענדיקער שטים און האָט בעת־מעשה א טראַכט געטאָן וועגן אמארילים.

— זי זאָל כאָטש ניט צוריקוויזן זיין ליבע איצט, אין אַזאַ שווערער צייט . . .

זיי האָבן דערהערט דאָס בילן פון הינט און א טומל פון קינדערשן געשריי. עס איז געווען ווי זיי וואָלטן זיך דערנענטערט צו דער אייגענער היים און דער דאָזיקער זיס־פיינלעכער געפיל האָט אָנגעכאַפּט ראַמאַנען ביים האַרצן.

— ווייַ, ווייַ איז מיר ! — האָט ראַכאָס באַדייטונגספול א זאָג געטאָן.

— איך האָב אויך פאַרלאָרן עטוואָס אַזוינס, וואָס איז אין איין און דער זעלבער צייט געווען א מלאך און א שלאַנג, א הייליקע מאַגדאַלענע און א זינדיקע איזאַבעלאַ. א פאַרלוסט, וואָס האָט צעבראָכן אַלע מיינע האָפענונגען און האָט מיך פּשוט שטום געמאַכט. איך האָב באַדויערט איר טויט בעת זי האָט נאָך געלעבט און האָב אַליין צעשטערט די נאָך ניט אויפגעשטעלטע מצבה איבער איר פאַרוועלקטער שיינקייט. דאָס אַלץ האָט איבערגעלאָזן א טיפע וווּנד אין מיין האַרצן, א וווּנד פון ליבע און האַס . . .

— אייער ליידן איז אַזוי טיף, ווי עלעגאַנט עס איז, — האָט ראַמאַן מיט מיטלייד געזאָגט און האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף ראַכאָסעס שולטער, — פילן אַזוי טיף אין אַזאַ יונגן עלטער מיינט, אַז מען באַזיצט א נאָבל האַרץ און א צאַרטע נשמה . . .

— וואָס טויג א נאָבל האַרץ און א צאַרטע נשמה אין אונדזער שלעכטער וועלט ? קיינער דאַרף עס ניט, — האָט זיך ראַכאָס אָפּגערופן, — פאַר דער וועלט בין איך בלויז אַן אַקטיאָר, דאָס הייסט, א באַשעפעניש וואָס איז גאַנץ אָפט פאַררעכנט ערגער פון א הונט . . .

ראַמאַן האָט געמאַכט א באַוועגונג, ווי ער וואָלט אים געוואָלט זאָגן עפּעס, אָבער ראַכאָס האָט אים איבערגעשלאָגן :

— טרייסט מיך ניט, מען דאַרף עס ניט. מיין האַרץ איז שוין פאַרשטיינערט און פאַרביטערט.

זיי זיינען שוין געווען גאַנץ נאָענט פון דער קרעטשמע. דער אויסגעלאָשענער האָריזאָנט האָט צעשפּרייט א צאַרטע ווייכקייט איבער די פעלדער בערג און טאָלן. אין דער פריער שעה פון דער נאַכט האָבן זייערע שטימען געקלונגען ווייט און פרעמד, ווי די שטימען פון מאַריאָנעטן אין די הענט פון א קונצן־מאַכער.

א טונקל ליכט האָט זיך באַוויזן אין א פענצטער פון קרעטשמע.

— איך בין גליקלעך, איך בין זייער גליקלעך, — האָט זיך ראַמאַן צעזונגען, ווי ער וואָלט עס זינגען א הימנע צו דער לבנה.

דער בעטלער־אקטיאָר האָט זיך אויף א רגע אָפּגעשטעלט און האָט אים אָנגעקוקט.

— נאָך אלעמען איז דאָס לעבן א גאנץ פיינע אוואנטיורע, — האָט דער אקטיאָר געזאָגט, — הגם מיר טראכטן און ווייסן, אז עס מוז קומען א סוף צו אלע אוואנטיורעס און אויך צום לעבן . . .

— ריכטיק ! — האָט ראמאָן אויסגערופן, — עס איז גוט צו לעבן !

— אָט קומען מיר שוין צו דער קרעטשמע. ווילסטו זיין מיין גאסט ?

— אָ, דו ביסט אליין אין אזעלכע שווערע אומשטענדן, — האָט דער אקטיאָר געפּרוווט שוואך פּראָטעסטירן, אָבער . . . אין זיין פּוסטן מאגן האָט זיך געטאָן חושך . . .

— ניין, ניין סעניאָר ראכאָס, — האָט זיך ראמאָן אָפּגערופן מיט פעסטקייט.

— איך בין באמת גליקלעך און בעט אייך אָנצוטאָן מיר דעם כבוד עסן מיט מיר מיטאָק צוזאמען.

— פון די טיפענישן פון מיין הארצן האָב איך גערופן צו דיר, גאָט. דו האָסט מיין שטים פארנומען און האָסט מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון דעם נאָבעלן גידאלגאָ, — האָט דער אקטיאָר אויסגעדעקלאמירט און האָט א וואָרף געטאָן זיין שמאָטעדיקע היטל אינדערהויך, — איך וועל אייביק געדענקען די דאָזיקע באגעגעניש אונדזערע און וועל שטענדיק דערמאָנען אייער נאָמען אין מיינע תפילות. אגב, שרייבט איר ניט אָפּטמאָל קיין תפילות ?

— ווער קאָן עס ניט אזעלכע זאכן ? — האָט ראמאָן אזוי פארזיכטיק א זאָג געטאָן, אז יענער האָט טאקע געקאָנט מיינען, אז ער איז א פּאָעט, אָדער א דראמאטורג.

— אז איר וועט זיך גוט צוקוקן און אנאליזירן אונדזערע דראמעס, וועט איר אויסגעפינען, אז א גרויסער טייל פון זיי איז געשריבן פון שוסטער...

— אָ, ווי ריכטיק דאָס איז ! איך וואָלט טאקע וועלן האָבן דאָס פאר־גענוגן צו זען אייערע א דראמע . . .

ראמאָן האָט אים איבערגעשלאָגן :

— וועגן דעם וועלן מיר זען שפּעטער, — האָט ער באמערקט געהיימ־ניספול. און איצט אין קרעטשמע אריין ! צו אמארילים ! . .

— אָ . . . אזוי איז די מעשה . . . אמארילים . . . איצט פארשטיי איך . . . — האָט ראכאָס באמערקט מיט מיטגעפיל.

עמיץ איז פארבייגעפארן און האט זיך אפגעשטעלט איז הויף ביי דער קרעטשמע. ראמאן האט א ווארף געטאן א שנעלן בליק אויף דעם אנגעקומע־נעם און האט באמערקט, אז דאס איז געווען א רעגירונגס באאמטער.

יט

דער טונקל־בלויער אוונט האט געשוועבט איבער זיי, ווען זיי האבן אנגעקלאפט און א שטוים געטאן דעם טויער. דער קרעטשמער איז שנעל ארויס־געגאנגען צו באגעגענען די צוויי, וואס זיינען שוין געשטאנען אונטערן סיקא־מאר־בוים און צו באגריסן דעם אורח, וואס איז געקומען צו פארן אויפן פערד. דאס איז געווען סעניאר סערוואנטעס, דער תבואה־זאמלער פון זיין מא־יעסטעט, — א שטיקל פאעט אויך דערצו, — און איז געווען א שטענדיקער גאסט פון דער קרעטשמע.

דער קרעטשמער האט אריינגעפירט דעם פערד איז שטאל און האט א געשריי געטאן, אז אמארילים זאל ארויסקומען נעמען באשטעלונגען פון דעם חשובן, אבער זייער קאפריציעזן גאסט, סעניאר סערוואנטעס. די אנדערע צוויי האט דער קרעטשמער אינגאנצן איגנארירט, — זיי האבן אויסגעזען אזוי אפגעריסן, אז מען האט גאר באדארפט גוט אכטונג געבן אויף זיי...

די רויזן זיינען געווען אין פולן בליען און די לופט איז געווען אנגע־פילט מיט פארשיידענע דעליקאטע ריחות.

דער וועג האט אויסגעזען ווייס און וויאלעט אין דעם ליכט פון דער בלאסער לבנה, אבער די בערג שפיצן האבן נאך אלץ אויסגעזען טונקל־רויט און זאנפט, ווי זיי וואלטן געווען באגאסן מיט פרישן זאפט פון א געפלאצטן גראנאט.

אין טיר איז געשטאנען אמארילים מיט א קראנץ לבנה־ליכט איבער איר קאפ.

— איך האב דיר געזאגט, אז איך וועל קומען צוריק, — האט ראמאן געזאגט, צוגייענדיק צו אמארילים און קוקנדיק אויף איר מיט אויסערגעוויינט־לעכער צארטקייט.

זי האט אים אנגעקוקט גלייכגילטיק. זי האט אים, ווארשיינלעך, ניט דערקענט, ניט אים און ניט זיין שטים.

— גוטן אוונט, — האט זי געזאגט געלאסן, — איר קומט פון וויט?

— דו דערקענסט מיך דען ניט?! — האט ער זי א פרעג געטאן מיט א ציטערדיקער שטימע און האט זיך ערשט איצט דערמאנט, אז ער האט אפ־

געראזירט די וואנצעס, אויסגעשמירט דעם פּנים און צעריסן די קליידער. זוי אזוי האָט זי אים טאַקע געקאָנט דערקענען ? . .

— א י ר ? ! — האָט אמארילים אויסגעשריען כמעט דערשראָקן און אַן אויסדרוק פון פארוואונדערונג האָט זיך צעגאָסן אויף איר פּנים. זי האָט זיך אָבער באלד באהערשט און איז ווידער געבליבן שטיין רויק, ווי ניט זי מיינט מען.

— יאָ, דאָס בין איך, — האָט ער געענטפערט, — פרעג מיך איצט ניט קיינע פראגן. איך האָב דיר זייער פיל צו דערציילן, אמארילים . . .

— אינטערעסאַנט. איך בין שטענדיק גרייט צו הערן אינטערעסאנטע און אַמוזירנדיקע מעשיות, — האָט זי באמערקט גאַנץ גלייכגילטיק.

ראמאָן האָט זי אָנגעקוקט מיט שטוינונג.

אויב זי וועט אים איצט אָפּשטויסן פון זיך, וועט ער זיך דארפן אומ־שלעפּן ווי א בעטלער איבערן לאנד; פארצווייפלונג און שולד וועט שטענדיק זיין אָנגעשריבן אויף זיין שטערן ביז עמיצער פון די קריסטלעכע כשרע נשמות וועט זיך דערבארימען איבער אים און וועט אים פארמסרן פאר דעם הייליקן טריבונאל און דאן . . . וועט מען ביי אים צונעמען זיין ביסל געלט און מען וועט אים געבן דערפאר אַן אָרט אין גן־עדן . . .

— איך האָב ניט דערוואַרט אייך אזוי שנעל, — האָט אמארילים געזאָגט.

— איך האָב זיך אליין ניט געריכט צו זיין דאָ ווידער אזוי גיך, — האָט ער שטיל געענטפערט, — מיט מיר האָט פּאסירט אַן אומגליק . . .

— דאָס וועסטו מיר דערציילן שפּעטער, — האָט זי פריינטלעך באַ־מערקט.

— כ׳מיין, באמת איז עס גאָר קיין אומגליק ניט, — האָט ראמאָן פאַרטגעזעצט, — פארקערט, דאָס איז גאָר איינע פון די בעסטע זאכן, וואָס איך האָב זיך געקאָנט ווינטשן, ווייל דאָס האָט מיך מיטן ווארצל אויסגעריסן פון מיין איינגעזעסענעם פּלאץ און האָט מיך מיט לייב און לעבן געבראַכט אהער ! . .

— איר זייט א גרויסער בריה אויף פיינע רעדעס; פאר א מענטשן מיט א ליידיקן מאגן, ווי איר זייט, איז עס גאָר ניט שלעכט, — האָט זי געזאָגט, און עס איז געווען צו מערקן, אַז זי האָט הנאה פון דעם.

— דאָס איז ניט קיין רעדע, ניט קיין מליצה, — האָט ער געזאָגט, —

איך האָב דיך ליב ! איך האָב דיך ליב און נויטיק זיך אין דיר פּונקט ווי א מענטש נויטיקט זיך אין א געזונט האַרץ און אין געזונטע לונגען, כדי אָנצו־האַלטן דאָס לעבן . . . דו הערסט מיך ? . . דו הערסט, וואָס איך רייד צו דיר ?

— יאָ, איך הער, יעדער איינער וואָלט געהערט, וואָס איר זאָגט, — האָט זי געענטפערט און איז אַריין אין קרעטשמע.

ראַמאַן האָט זי באַגלייט מיט א צעשראָקענעם בליק. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי איגנאָרירט אים, אַז זיין לעבן זעט איר איצט אויס ווי עפּעס אַזוינס, וואָס הענגט אין דער לופטן, איבעריק און צוועקלאָז . . .

— איך שטאַרב אַוועק פון הונגער ! — האָט ראַכאָס אויסגעשריען. טראַכטנדיק וועגן דער אכילה האָט ער אויסגעזען לעבעדיק און מונטער. — אום גאָטס ווילן, אַמאַרילים . . .

ער האָט זיך פּלוצלונג אַרויסגעשיילט פון דער טונקלקייט און האָט דערזען ראַמאַנען, שטייענדיק ביי דער טיר.

זיי זיינען אַריין אין קרעטשמע און האָבן זיך צוגעכאַפּט צו א פלאַש וויין. די פלאַש האָט געהאַט ביי דער זייט א לאַנגע און דינע העלדזל פון וועלכער מען האָט רעגולירט דאָס טרינקען. דאָס איז געווען א ספּעציעלע שפּאַנישע דערפינדונג, א נאַציאָנאַלער מעטאָד ווי צו טרינקען וויין . . .

די קרעטשמע האָט אויסגעזען חושכדיק, אַפּגעלאָזן און אָרים און צוערשט האָט זיך געדוכט, אַז קיינער איז נישטאָ; שפּעטער אָבער האָבן זיי באַמערקט א יונגן מאַן זיצנדיק פאַרשטופּט אין א ווינקל. דער יונגער מאַן האָט אויסגעזען פאַרצאַרנט און פאַרשלאָפן. פאַר אים איז געלעגן א דיקער פאַרמעטענער ספר, וועלכן ער האָט געהאַלטן מיט זיינע גרויסע פאַר־האָריקטע הענט אַזוי שטאַרק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מען זאָל עס חלילה פון אים ניט אַוועקנעמען.

דער יונגערמאַן האָט זיי ניט באַגריסט און האָט אויך ניט געענטפערט אויף זייער באַגריסונג. ער האָט בלויז פאַרנויגט דעם קאָפּ און האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט אין זיין ספר.

— א מאָדנער פּנים ! — האָט ראַמאַן געזאָגט, אָנקוקנדיק דעם יונגן מאַן.

ער האָט א ציטער געטאָן. דער יונגערמאַן איז געווען זייער ענלעך צו איינעם פון די מאַנאַכן, וואָס זיינען באַפאַלן די מאַראַנען פאַרזאַמלונג.

— ער איז אָדער א מאַנאַד, אָדער א קעשענע גנב, — האָט ראַכאַם געזאָגט שטילערהייד, — די טעכניק פון ביידע איז כמעט די זעלביקע . . .

— ער זעט אויס ווי א מאַנאַד, — האָט ראַמאַן צוגעגעבן.
— ניין, ער איז ניט קיין מאַנאַד, — האָט ראַכאַם באַמערקט.
— פאַרוואָס מיינסטו אַזוי ?

— ערשטנס ווייס איך עס, ווייל איך האָב אים שוין פריער באַמערקט און געפרעגט וועגן אים דעם קרעטשמער, — האָט ראַכאַם געענטפערט. — גאַנץ פּשוט. צווייטנס, איז ער ניט גענוג שמוציק פאַר א וואַנדערנדיקן מאַ־נאַד. די דאָזיקע לייט לעבן דאָך אויפן לאַנד אין שווידערלעכן שמוץ. און דריטנס, מאַנאַכן זיינען היינטיקע צייטן רייך גענוג, — זיי שלעפּן זיך אַרום איבער פּערו און מעקסיקאָ און באַרויבן די אָרטיקע איינוווינער.

— טאָ ווער זשע איז ער ?

— ווען גייט עס אָן ? — האָט זיך ראַכאַם אָפּגערופן. — דאָס איינציקע, וואָס מיך אַרט יאָ איז דאָס, וואָס ער שיינט צו זיין א שפּיאָן פון דער הייליקער אינקוויזיציע . . .

א שווידער איז דורכגעלאָפן איבער ראַמאַנס ווען. ער האָט זיך אָבער קאָנטראָלירט : ער האָט זיך פון אויפרעגונג בלויז שטאַרק צעלאַכט און האָט א קלאַפּ געטאָן דעם אַקטיאָר איבערן פּלייצע.

די הינט אויפן הויף האָבן געבולן אַקאָמפּאַנירנדיק דעם יינגל, וואָס האָט ווי מיט עטלעכע טעג צוריק נאָך אַלץ געשפּילט אויף דער גיטאַרע. קיין זאַך האָט זיך ניט געביטן. אַלץ, ביז דער קלענסטער קלייניקייט. איז געווען ווי געווען און וועט שוין מסתמא בלייבן אַזוי אייביק, ניט געקוקט אויף די גרויסע מענטשלעכע חכמות און אויף זייערע דערגרייכונגען . . .

כ

נאָך אָוונט ברויט זיינען ביידע, ראַמאַן און ראַכאַם, אַרויס אין גאָרטן אונטערן סיקאָמאָר־בוים און האָבן געמיטלעך געטרונקען וויין און געשמועסט וועגן דער וויכטיקייט און גרויסקייט פון קריג און מיליטעריש לעבן, און וועגן דעם גרויסן שכל, וואָס עס שטעקט אין דעם איינפירן וואָפנשטילשטאַנד.

דער פּאָעט און תבואה זאַמלער דאָן־מיגועל סערוואַנטעס האָט זיך אויך צוגעזעצט צו די צוויי מענער און האָט געמאַכט א פּאָר באַמערקונגען :

— אין מלחמה יאָרן בליען אויף אַפילו אַזעלכע זאַכן ווי קונסט, ווי דאָס איז געווען אין איטאַליע, פראַנקרייך און שפּאַניע, — האָט ער געזאָגט,

— פרידן איז פונקט אזוי שלעכט פאר דער נשמה ווי ס'איז שלעכט פארן קערפער אויב מען מאכט ניט קיין פיזישע איבונגען.

— אומרו און שטורעם איז אייגנטלעך דער תוך פון לעבן און פון קונסט, — האט ראכאם מסכים געווען, — אין פרידן און אין רויקייט קומט אלץ אום, די נשמה אויך . . .

— מלחמות וועלן שטענדיק זיין, — האט ראמאן באמערקט צעשטרייט, ווייל זיינע געדאנקען זיינען געווען ווער ווייסט וווּ. פריער האט ער זיך געהאט צוגעהערט צו זייער געשפרעך מיט וואקסנדיקן אומגעדולד, אבער איצט האט אים שוין מער ניט אינטערעסירט די פראגע פון קריג און פרידן; איצט איז ער געווען פארנומען מיט דער פראגע פון זיין אייגענעם גורל און זיין מוח האט געארבעט אנגעשטרענגט און פיבערהאפט, מאכנדיק פלענער פאר דער צוקונפט.

ער האט באשטימט אויף זיכער, אז קיין רעטונג פון דער שווידער־לעכער סיטואציע, אין וועלכער ער געפינט זיך, קאן ניט געמאלט זיין פאר אים אן אמארילים. זי איז דער איינציקער מענטש, וואס קאן אים פירן דורך אלע שטורעמס, וועלכע ער אליין איז ניט בכוח אויפצונעמען און באקעמפן. מיט איר צוזאמען איז ער גרייט צו קעמפן מיט דער גאנצער וועלט . . .

— וועט זי פאראייניקן איר גורל מיט זיינעם, אדער זי וועט, ווי די פארקויפטע נשמה, דאלארען, און אנדערע אזעלכע פרויען, אים פארלאזן, ווי מען פארלאזט א זינקענדיקע שיף; פארלאזן איצט, ווען ער געפינט זיך פאקטיש אויסערן געזעץ און איז ארים מאטעריעל ? ! . . .

ער האט מורא געהאט צו ריידן מיט איר קלאר וועגן דעם : — בעסער אומבאשטימטקייט, איידער א זיכערער "ניין".

ווי ער וואלט פלוצלונג עפעס באשטימט, האט ער זיך אויפגעהויבן פון ארט. מיט שטארקער אומגעדולד האט ער געמאכט א פארזוך צו אנט־שולדיקן זיך פארן אקטיאר און פארן תבואה זאמלער, און האט געוואלט גיין אויפזוכן אמארילים; נאר סערוואנטעס האט אויפגעהויבן זיין ליבלעד־וויכן פנים און האט אויף אים א קוק געטאן מיט חשד, זייענדיק זיכער, אז דער יונגער מאן וויל אים פארליגן איבערצולייענען זיינע א פאעמע, אדער א פילאזאפישן ארטיקל.

אונטער דעם דאזיקן בליק האט ראמאן אויפגעגעבן זיין פארזוך.

זיי זיינען געבליבן זיצן אונטערן בוים און האָבן געמיטלער געזופּט זייער געלן ווייַן.

צווישן די בוימער האָט ראַמאָן אומגעריכט באַמערקט די קאָנטורן פון אַמאַרילים געשטאַלט. ער איז געזעסן ווי אויף נאָדלען . . . אָבער עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן טעאַטער און אַוועקגיין איז שוין געווען אוממעגלעך.

סערוואַנטעס האָט באַשטעלט נאָך ווייַן. ער האָט אַרויסגענומען פון טיש אַ געדיכט פאַרשריבענעם מאַנוסקריפּט און האָט פאַרגעלייגט איבערצולייענען אַ פּיעסע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין די פרייע מינוטן פון זיין שווערער אַרבעט אַלס תבואה זאַמלער.

איצט האָט שוין ראַמאָן פאַרלאָרן יעדער האָפענונג, אַז עס וועט מעגלעך זיין צו אַוועקגיין.

סערוואַנטעס איז געווען זייער צופרידן, וואָס ער האָט געקראָגן צוהערער, ווייל זייער זעלטן האָט מען זיך אינטערעסירט מיט זיינע ווערק . . .

ראַמאָן האָט געקוקט ערגעץ אין דער ווייטקייט, אָבער אַ ווייַלע שפּעטער האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט דער פאָרלעזונג. סערוואַנטעס האָט געהאַט אַ פּראַכטפול־ווייכע שטימע און דער אופן פון זיין באַשרייבן אַ גאַליציאַנער נאַר איז געווען אַזוי לעבעדיק און מייסטערהאַפט, אַז מען האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק.

— איר האָט מיך ממש אָנגערעגט צו אָרגאַניזירן אַ טרופּע און לאָזן זיך איבער דער פּראָווינץ שפּילן, — האָט ראַבאָס געזאָגט, — די קליינע קאָמעדיע האָט מיך דערמאָנט אַז מיין אַקטיאָריש לעבן, ווען איך בין נאָך געווען אַ שילער און אַ שיק־ייִנגל.

ראַמאָן האָט זיך מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן אַז אויפגערעגטער פון אַן אומגעריכטן געדאַנק. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיינע געדאַנקען האָבן געשוועבט ערגעץ ווייט אַוועק, האָט ער דאָך געהערט אָפּגעריסענע פראַזן פון זייער שמועס. די לעצטע פראַזן זייערע זיינען אים אַריין אין קאָפּ.

— וועגן וואָס ריידן זיי דאָס ? אַ ? טעאַטער ? . . טרופּע ? . .

— דאָס איז דאָך ממש ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן ! גאָט אַליין האָט זיי אַריינגעגעבן די דאָזיקע אידייע אין קאָפּ !

אַז איבעראַשטער פון דעם געדאַנק, אַז עס זיינען דאָ מעגלעכקייטן

ער זאָל ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, האָט ער זיך צוגעזעצט און ווידער גענומען צוהערן זיך צו דעם שמועס.

די איינציקע זאַך, וואָס ער האָט איצט געוואָלט איז — צו זיין אומ־באַמערקט, צו בייטן ערטער, צו האַנדלען אַזוי, אַז קיינער זאָל אים ניט דער־קענען; ביסלעכווייז וואָלט ער זיך אַזוי אַרום דערקליבן צו אַ ים־פּאָרט, אַדער ערגעץ ווייט אין אַ פּראָווינץ ביז דער טומל וועט אַריבער. אין דער זעלבער צייט וואָלטן דער פאָטער און זיינע פריינט, דער עיקר דער בישאָף פון באַ־דאַכאָו, געפונען אַ וועג ווי צו איבערצייגן די אינקוויזיטאָרן אין זיין אומשולד.

— דאָס איז, באמת, אַ מערקווירדיקע און אינטערעסאַנטע אידייע, — האָט ער זיך אַריינגעמישט, — קיין זאַך וואָלט מיר ניט אַזוי געפעלן ווי דאָס . . .

— דו מאַכסט, מסתמא, אַ וויץ ? — האָט זיך ראַכאָס אָפּגערופן.

— עס הויבט זיך גאָר ניט אָן, — האָט ראַמאָן פאַרזיכערט, — איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי טויט־ערנסט ווי איצט.

— אַ, הלואי וואָלט איך זיך אויך געקאָנט פאַראייניקן מיט אייך, — האָט זיך אָפּגערופן סערוואַנטעס, — טעאַטער איז עפּעס אַזוינס ,וואָס רעגט אויף מיין בלוט . . . איך גלויב אָבער, אַז דאָס איז שוין צו שפּעט פאַר מיר, מיינע פריינט. איך פאַרמאָג נאָך אפשר גענוג כוחות צו פאַרענדיקן די נאָוועלע איבער וועלכער איז אַרבעט איצט און וועלכער איך באַשרייב אַן אָרימען אידעאַליסט, וואָס קעמפט מיט דער גאַנצער וועלט . . . אָבער ניט טעאַטער — דאָס איז שוין ניט פאַר מיר. איך שפּיר, אַז איך ווער אַלץ שוואַ־כער און שוואַכער און מען שוין אָנהויבן איבערחזרן די שורות פון דעם באַוווּסטן ראָמאַנס :

”די פיס מיינע אין שטייג־רימענס פון זאָטל

”זיינען שוין פאַרגליווערט פון אַנקומענדיקן טויט”. . .

— אינגיכן וועל איך זיך שוין קאָנען זעגענען מיט אַ סך זאַכן : — אַדיע שיינקייט, אַדיע ליבע און וועל זיך דאַרפן אַוועקלאָזן בייצוּווינען אַ מער גייסטרייכע פאָרשטעלונג אין דעם טעאַטער ”האָפענונג” אויף יענער וועלט.

— פּראַכטפולע ווערטער ! — האָט ראַמאָן אויסגעשריען, — איר זייט באמת אַ גרויסער פּאָעט !

— איך ווייס דאָס . . . — האָט סערוואַנטעס באַשיידן געענטפערט, — הכלל, נעמט צו מיינע ברכות פאַר אייער נייער אונטערנעמונג.

— ניין . . . ניין . . . — האָט ראַכאַם געזאָגט שוואַך און צעטומלט פון דעם וואָס קומט דאָ פאָר, — ס'איז אוממעגלעך . . . איר מאַכט שפּאַס . . .

— ניין, מיין פריינט, איך מאַך שוין גאָר קיין שפּאַס ניט, — האָט ראַמאַן געענטפערט מיט אַן ערנסטן טאָן. איך בין נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געווען אַזוי אויפריכטיק ווי איצט. פון קינדווייז אָן האָט עס מיך געצויגן צו אַקטיאָריש לעבן. איך בין שטענדיק געווען פאַרכאַפּט פון דעם. ווען איך בין אַלט געווען אַכט יאָר, האָט מיך אַ טרופּע וואַנדערנדיקע אַקטיאָרן שיר ניט אַרויסגעגנבעט פון דער היים . . . און איצט דערלויבט מיר אויסצוזאָגן אייך אַ סוד: מיין איצטיקער פּרווו, כ'מיין די סיטואַציע, אין וועלכער איך געפין זיך יעצט, צווינגען מיך פּשוט צו ווערן אַן אַקטיאָר און אַ דראַמען שרייבער . . .

די צוהערער זיינען געווען איבעראַשט. זיי האָבן אייגנטלעך ניט פאַרשטאַנען קלאָר, וואָס ער מיינט. ראַמאַן האָט עס באַמערקט.

— עס זיינען דאָ, נאַטירלעך, פאַרשיידענע סיבות, — האָט ער פאָרטגעזעצט, — למשל — ליבע. אַרום דעם, ווי איר ווייסט, דרייט זיך דאָך די וועלט . . . איך וויל אָבער איר זאָלט וויסן: עס איז שוין אַזוי אָנגעצייכנט פון אויבן, אַז איך זאָל זיין אַן אַקטיאָר.

— אָ, ווי גרויזאַם איר זייט! — האָט ראַכאַם אויסגעשריען, — איר האָט מיך געמאַכט אויפציטערן מיטן ציטער פון אומדערגרייכבאַרע טרוימען. ווייסט איר אָבער, אַז איך בין אַזוי שוידערלעך אָרים, אַז איך האָב ניט קיין מעגלעכקייט אויפצושטעלן אַ טרופּע פון נאַרן־שפּילער אפילו?

— איך האָב אביסל געלט, — האָט ראַמאַן געזאָגט, — פון קינדווייז אָן האָט עס מיך געצויגן צו אַקטיאָריש לעבן . . . איך האָב אביסל געלט און מיר וועלן קאָנען קויפן די נויטיקסטע זאַכן, וואָס מיר דאַרפן.

— אָ, די נויטיקסטע זאַכן . . . די נויטיקסטע זאַכן! . . — האָט ראַכאַם אויסגערופן ווי פאַר זיך, אָפּווישנדיק דעם קאַלטן שווייס פון זיין שטערן. ער איז געוואָרן שטאַרק אומרויִק: טעאַטער איז געווען זיין לעבן און זיין לעבן איז געווען צעבראָכן צוזאַמען מיט זיינע טעאַטער טרוימען . . .

ער האָט מורא געהאַט צו פאַרפירן דעם פיינעם יונגן מאַן, אין די ווילדערנישן פון די סצענישע קוליסן. ער האָט אים ליב געקראָגן און האָט ניט געוואָלט רויִנירן זיין לעבן מיט די פאַלשע מיראַזשן פון אַקטיאָרישער גלאָריע.

א שטראָם דערינערונגען האָבן אויפגעטויכט אין זיין זיכרון און ער האָט גערעדט צעהיצט, מיט טעמפּעראַמענט.

— לאָמיר האָפן אַז אַלץ וועט גיין כשורה ! — האָט ער געזאָגט, — פונדעסטוועגן דאַרפט איר כאָטש עפּעס וויסן וועגן אַקטיאָרן און זייער לעבן. נו, איז ווייסט, אַז זייער פאַרמעגן איז זייער קליין; דאָס איינציקע, וואָס עס איז אין זייער לעבן גרויס, איז — אומגליק און דער ביטול, מיט וועלכן דער ליבהאַרציקער עולם איז זיי מכבד . . . אַ, אַן אַקטיאָר איז ביי דעם עולם ערגער ווי אַ הונט. זיי, די אַקטיאָרן, וואַנדערן צופוס און זייער גאַנצער באַגאַזש באַשטייט פון אַ טוץ, אָדער צוויי קאָמעדיעס און מאָנאָלאָגן, אַ פּאָר הונדערט פונט סצענישע מכשירים און די אָרימע בגדים, מיט וועלכע זיי דעקן צו זייערע לייבער . . . זיי עסן ווען זיי האָבן שפּייז, און ווען זיי האָבן עס ניט, גנבענען זיי. אָבער מען עסט אַלעמאָל. מען מוז דאָך עסן, כדי צו לעבן און צו קאָנען שפּילן . . . מען דערלויבט זיי ניט צו לאַנג צו פאַרהאַלטן זיך אין איין שטאָט, כדי זיי זאָלן די איינוווינער פון שטאָט ניט צופיל באַגנבענען. די פרויען זייערע האָבן גראָד צו דריי אונטערקליידלעך — דאָס איז מסתמא, כדי צו אָפּשוואַכן (אָדער, ווער וויים, אפשר צו פאַרשטאַרקן) זייער ווייבלעכן רייץ . . . מיר וועלן קיינמאָל ניט שפּילן אין מאַדרידער "קאָראַל דעל פּרינציפּ"
— דער גרעסטער טעאַטער אין שפּאַניע און אפשר אין דער גאַנצער וועלט. דאָס איינציקע, וואָס מיר קאָנען דערגרייכן איז אַ שטאָל ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, אָדער אַ שטיקל מאַרק־פּלאַץ אין אַ גרעסערער שטאָט. עד, אפילו די קנעכט פון אַלזשיר לעבן בעסער פון די אומגליקלעכע אַקטיאָרן . . .

— יעדער זאַך האָט איר טונקעלע זייט, — האָט סערוואַנטעס געזאָגט, — ווערט ווייסט ? אפשר וועט איר נאָך אַמאָל האָבן אַן אייגן טעאַטער. ביז יענער צייט, ווען פון שפּאַניע וועט אַראָפּגענומען ווערן דער טרויער, קאָנט איר נאָך ווערן רייך און דינגען ערגעץ ווו אַ פיינעם גרויסן זאַל און אויפפירן דריי און פיר אַקטיקע קאָמעדיעס. אַזעלכע זאַכן האָבן שוין פּאַסירט. איך גלויב, אַז סעניאָר סאַטאַמאַיאָר און איר זייט אַ גליקלעכע פּאָר, אַ גוטע קאָמבינאַציע.

— נו, וואָס זאָגט איר איצט ? — האָט ראַמאָן אַ פרעג געטאָן.

— איך בין דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט ! — האָט ראַכאָס אויסגעשריען, — נעכטן האָב איך קיין שטיקל ברויט ניט געהאַט און היינט ווער איך אַ דירעקטאָר פון אַ פיינער טרופּע !

— פריער האָט איר אַליין קיין שטיקל ברויט ניט געהאַט און איצט ווילט מיר עס ניט האָבן אין צווייען . . .

— נו, נו — צווייען שטאַרבן ניט אַזוי שנעל ווי איינער . . .

— כ'וויים, לייט זאָגן טאַקע אַזוי . . . — האָט ראַמאַן לוסטיק באַמערקט.

ראַמאַנס קאָפּ איז געווען פאַרפּלייצט מיט געדאַנקען: איצט וואָלט ער געוואָלט בלויז וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט אַ פאַרשמירטער, אַז אָפּגעריסענער און ביסלעכווייז צוקומען נענטער צו דער היים, צו באַדאַכאַן און אויב די אויפרעגונג פון דער אינקוויזיציע האָט זיך איינגעשטילט, וואָלט ער דאָן אויפגעקלערט די מיספאַרשטענדעניש, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אויב אָבער די זאַך איז נאָך אַלץ שלעכט, וועט ער אַנטלויפן מיט אַמאַרילים קיין האָלאַנד.

די דאָזיקע געדאַנקען זיינען אים געווען שטאַרק צום האַרצן און האָבן אים צוגעגעבן מוט.

כא

דער מאַן מיטן טרויעריקן אויסזען האָט אומגעשפּאַצירט הין און צוריק איבערן גאָרטן אַריינקוקנדיק פון צייט צו צייט אין זיין דיקן פּערגאַמענטנעם בוך. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער גרופּע און אַ זאָג געטאָן דעליקאַט:

— איך בין ניט געווען געגנוג באַשיידן און האָב זיך צוגעהערט צו אייער געשפּרעך. אויב איר שטעלט צונויף אַ וואַנדער טרופּע, בין איך צו אייער דינסט.

— אָ, מיין ליבער גאָט! — האָט זיך ראַבאַס אָפּגערופן מיט טרערן אין די אויגן; וויסנדיק גוט די איינצלהייטן פון דעם שווערן אַקטיאָרישן לעבן, האָט ער זיך דעם גאַנצן אָוונט באַמיט צו דיסקרעדיטירן די דאָזיקע פּראָפּעסיע ניט אַזוי פאַר אַנדערע ווי פאַר זיך אַליין. — נאָך דעם, ווי איך האָב אַזוי פיל דערציילט וועגן אַקטיאָריש לעבן, וועגן אַלע צרות און ליידן, וואָס עס קומט זיי אויס אויסצושטיין, ווילט איר נאָך אַלץ אַריינטרעטן אין דעם דאָזיקן לעבן? . . און נאָך עפּעס: דאָס טעאַטער האָט שוין דערגרייכט אַזאַ גוואַלדיקע אַנטוויקלונג, אַז עס וואָלט געווען פּשוט אַ טעות פון מיין זייט צו פּרעטענדירן, אַז איך קאָן געבן שפּאַניע עפּעס נייעס. איך גלויב קוים, אַז עס איז דאָ כאָטש איין פּאָעט, וואָס האָט נאָך ניט אָנגעשריבן קיין דראַמע וועגן זיין באַליבטן הייליקן. אַלץ איז שוין דורכגעטראַכט און אַלץ איז שוין געזאָגט . . .

— קוהלת האָט אויך געזאָגט דאָס זעלבע, פונדעסטוועגן האָבן מיליאָנען מענטשן נאָך אים געטראַכט און גערעדט און אַרויסגעזאָגט זייערע געדאַנקען, — האָט סערוואַנטעס געזאָגט, אַריינמישנדיק זיך אין געשפּרעך.

— סיי ווי סיי, — האָט ראַכאָס פאַרטגעזעצט מיט פּאַטאָס, — ווער בין איך דען אַז איך זאָל קאָנען צוגעבן עפּעס צו דער גרויסקייט פון אונדזערע גרויסע לופּא דע וועגא, זשוליען דע קאַסטראָ און אונדזער אייגענעם אומפאַרגלייכבאַרן סערוואַנטעס. ווען מיר האָבן דעם כבוד צו האָבן צווישן אונדז טאַקע איצט דאָ אויפן פּלאַץ ?

— זאָגט עס ניט, — האָט זיך סערוואַנטעס אָפּגערופן, — יעדער דור קומט צום אויסדרוק אויף זיין אייגענעם אופן, און דעריבער האָט יעדער דור זיין אייגענעם מין אַקטיאָרן.

— ראַכאָס איז נאָך אַלץ געווען אין אַן אויפגערעגטן געמיט צושטאַנד.

— באמת, איך האָב קיין האַרץ ניט אַריינצושלעפּן ווען עס איז אין די אַקטיאָרישע געשעפטן, — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט, — איך וויל איר זאָלט וויסן, אַז יעדער נעגער אין שפּאַניע און יעדער קנעכט אין אַפריקע לעבט בעסער איידער דער אַקטיאָר לעבט. אמת, זיי, די נעגער און די אַפריקאַנער אַרבעטער אַרבעטן גאַנצע טעג, אָבער דערפאַר זיינע די נעכט לפּחות זייערע. זיי האָבן בלויז איין אויפגאַבע, און דאָס איז — אויסצופילן פּינקטלעך דאָס וואָס מען הייסט זיי. דער אַקטיאָר אָבער דאַרף גאַנצע טעג שרייבן, און די נעכט דאַרף ער עס איינשטודירן און אין די אָוונטן שפּילן. פאַר רו בלייבט כמעט קיין צייט ניט. און טאָמער גייט ער שוין יאָ אַמאָל אָפּרוען אַביסל, רופט מען אים פלוצלונג אַרויס צום פּרעזידענט, צום רעדאַקטאָר, צום רעגענט, צום ריכטער אָדער צו אַנדערע אַזעלכע גרויסע לייט, ער זאָל זיי משמח זיין. און ער מוז גיין און מוז משמח זיין יעדערן, ווען נאָר יענעמס משוגעת פאַרלאַנגט עס . . . דאָס גאַנצע לעבן וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, אין שניי און אין רעגן, אין ווינט און אין שטורם, — דאָס איז דעם אַקטיאָרס גורל. און דאַן . . . ווען די קאָמעדיע איז שוין אָפּגעשפּילט, די פאַרשטעלונג געענדיקט, אַנטלויפט דער עולם ווי פון אַ שריפה,— ווער עס לאַכט און וויצלט זיך, ווער עס שעלט און זידלט זיך, אַז קומען זאָל אַ מגיפה אויף דעם ליבהאַרציקן טעאַטער־עולם.

— ברודער ! — האָט זיך דער טרויעריקער יונגערמאַן אָפּגערופן מיט אַ האַלב וויינענדיקער שטימע, — ברודער, דו ביסט אַ שלעכטער קריסט און אַ שלעכטער אַקטיאָר אויך דערצו. אַ שלעכטער קריסט ביסטו, וואָס דיינע

געפילן זיינען באזירט אויף שנאה, אויף האס; און א שלעכטער אקטיאר ביסטו דערפאר, וואס דו קאנסט דיינע געפילן ניט באהאלטן . . .

— אייערע רייד זיינען אזוי פוסט און אינהאלטסלאז, ווי קלוג זיי זיינען, — האט ראכאם זיך אפגערופן מיט פארביטערטקייט, — איך בין אזא גוטער קריסט, ווי דער קעניג אליין און אפשר נאך א בעסערער. און צי איך בין א גוטער אקטיאר — דאס זאלן באשטימען און פעסטשטעלן דער גרויסער מארטינעז און אנדערע ניט ווייניקער באדייטנדיקע טעאטער־קענער . . .

דער טרויעריקער יונגערמאן, וועלכער האט אויסגעזען ווי א מאנאך, האט פארמאכט זיין פערגאמענטענעם בוך און האט אנגעהויבן מורמלען אין דער שטיל א תפילה.

— אלזא, מארגן לאזן מיר זיך אין וועג אריין. מארגן הויבן מיר אן אונדזער היסטארישע רייזע, — האט זיך אפגערופן ראמאן.

— וואס זאגט איר, ראכאם ? — האט סערוואנטעס א פרעג געטאן. עס איז געווען צו מערקן, אז דער ענין טעאטער פארשאפט אים פארגעניגן, אפילו ווען עס בלייבט בלויז ביים ריידן . . .

— מיינע פריינט ! — האט זיך ראכאם אפגערופן, — איך קאן ניט לעבן אן טעאטער ווי א פיש אן וואסער. לאמיר זיך געבן די הענט און זאל גאט בענטשן אונדזער גוטן אנהויב.

— אמן ! — האט דער טרויעריקער יונגערמאן געענטפערט אויף דער ברכה.

— הלואי בין איך איצט אביסל יינגער, וואלט איך אויך געגאנגען מיט אייך ! — האט זיך אפגערופן סערוואנטעס. — גאט אליין האט ליב אקטיארן, יא . . .

— און איצט, מיט אייער דערלויבעניש, וועל איך אייך דערציילן עפעס מער וועגן זיך, — האט זיך דער טרויעריקער יונגערמאן אפגערופן.

— ניט נויטיק, ניט נויטיק, — האט ראמאן געזאגט, — קיינעם גייט ניט אן דאס פערזענלעכע לעבן פון אן אקטיאר און אפילו זיין נאמען איז ניט וויכטיק.

— וואס הייסט ? . . . א הונט האט דאך אויך א נאמען . . .

— פארגעסט אבער ניט, אז א הונט באלאנגט צו עמיצן, א הונט האט א באלעבאס, אבער אן אקטיאר ? . . נו, מילא, אויב איר ווילט קאנט איר דער־ציילן ווער איר זייט, — האט ראכאם פארענדיקט.

— מיינט אָבער ניט, אַז מיר ווילן עס נעמען אין אַנבאַטראַכט פאַר דער בינע . . . מיר שפּילן אויף דער בינע בלויז פּרעמדע לעבנס, מיר רופן אַז אויס־געטראַכטע נעמען, מיר זאָגן ליגן און דער עולם מיינט, אַז עס איז אמת . . .

— איך בין אינגאַצאַ סאָלענט, אַ געבוירענער אין דער אַריסטאָקראַ־טישער און גאָטספאַרכטיקער שטאָט סאָלענט, אָבער אַן איינוווינער בין איך פון סאַראַגאָסאַ, — האָט דער טרויעריקער יונגערמאַן אָנגעהויבן דערציילן זיין געשיכטע.

ער איז געווען דאַר און האָט אויסגעזען אויסגעמאַטערט. ווי פיל פון דער אָרימער באַפעלקערונג אין שפּאַניע, האָט ער געהאַט קראַנקע לונגען.

— איך בין אָרים, אָבער איז בין אַ נאַבלמאַן. אין די פינף און צוואַנ־ציק יאָר פון מיין לעבן, וואָס גאָט האָט מיר געשענקט האָב איך זיך באַמיט צו טאָן נאָר גוטע זאַכן. איך האָב כסדר נאָכגעטאָן די פיינע ביישפּילן פון דעם הייליקן ברודער דאָמינגאָ אַנאַדאָן, וועלכער איז געווען אַ פּאַסטוך אין דער געגנט פון דאַראָקאַ, וווּ מיין זיידע האָט געוווינט.

— זייער אינטערעסאַנט, — האָט זיך ראָכאָס אָפּגערופן מיט אַ טאָן פון דערמוטיקונג.

— איך האָף. אַז איר זייט אַן אַקטיאָר ניט קיין ערגערער, ווי איר זייט אַ קריסט, — האָט ראַמאָן באַמערקט.

— איך וועל זיך באַמיען צו טאָן דאָס בעסטע, וואָס איך קאָן.

פּלוצלונג האָט זיך ראַמאָן אויפגעהויבן פון זיין אָרט, ווי עמיצער וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן. ער האָט אין דער טונקלקייט באַמערקט אַ ליכטיקן פּאַס, — דאָס איז געווען אַמאַרילים.

כב

אַמאַרילים איז אומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן גאָרטן אַרום טויער, ווי זי וואָלט געוואַרט אויף ראַמאָנס אָנקומען.

ראַמאָן האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר די איבעריקע דריי מענער און האָט זיך איילִיק אַ לאָז געטאָן צום טויער. זיין האַרץ איז געווען פול מיט אומגע־דולד, און איז אויפגעבראַזט געווען מיט דער זיסער אומרויִקייט פון ערשטער ליבע . . .

— אַמאַרילים ! — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן, שטייענדיק הינטער אירע פּלייצעס.

זי האָט זיך שנעל אַ קער געטאָן צו אים מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט גאָר ניט דערוואַרט צו זען אים.

זיי זיינען אַרוים פון גאָרטן און זיינען פּאַמעלעך אַוועק מיטן וועג. אַלץ אַרום איז געווען רויִק. אַ האַלב פאַרשלאָפענער אייזל האָט זיך אין דער שטילקייט צעשריען; די זשאַבעס האָבן געקוואַקעט מיט אַ טרויעריקער גלייכגילטיקייט; אַ נאַכטיגאַל האָט עפּעס אויסגעטרילעט אויף פויגלשן לשון און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

זיי האָבן שפּאַצירט שטיל, ניט אויסריידנדיק אַ וואָרט. די קאַקטוסן האָבן אין דער פינצטערניש צעשפּרייט זייערע שטעכיק־העסלעכע בלעטער און די גראָז ביי די ברעגן פונם וועג האָבן זיך געפלאָנטערט אונטער זייערע פיס.

פאַרזיכטיק, ווי זי וואָלט זוכן שוץ, האָט זיך אַמאַרילים אָנגעלענט אַן ראַמאַנען.

— איך האָב דיך ליב, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב דיך ליב, אַמאַרילים. דו ביסט די פּולקאָמסטע פון פרויען! דו ביסט אַזוי פאַרכאַפּנדיק ווי דער טויט אַליין! דו ביסט אַלץ! דיין נשמה איז דרוכזיכטיק ווי יונגער פּערלמוטער און דיין שטים איז זיס ווי דער שטילער רויש פון אַ ים־מושל.

זי האָט געשוויגן, ווי די שטילע נאַכט, וואָס איז געהאַנגען איבער זיי, אָבער אירע געדאַנקען האָבן געשוועבט ערגעץ ווייט אונטער דער ווירקונג פון זיינע פּאָעטישע רייד.

— דו ביסט מיין לייכטנדיקער שטערן און מיין האַרץ איז אָנגעפילט מיט דיר. אָן דיר איז מיין לעבן קיין לעבן ניט. אָדער איך געווין דיין ליבע, אָדער . . . טויט. אין דיינע הענט ליגט מיין גורל. דו ביסט די איינציקע, וואָס קאָן מיך אַרויספירן פון כאַאָס און אויפבליען מיין לעבן.

זי האָט אים גענומען אונטערן האַנט און האָט שטיל געזאָגט:

— דו האָסט, ווייזט אויס, דורכגעלעבט אַ סך אומאָנגענעמלעכקייטן די לעצטע עטלעכע טעג? . .

— איך האָב פאַרלאָזן מיין היים, ווייל איך האָב זיך צעקריגט מיטן פאָטער. צוליב דיר האָב איך פאַרברענט אַלע בריקן הינטער זיך. איך האָב אַוועקגעוואָרפן אַלץ, ווייל איך קאָן ניט לעבן אָן דיר. מיין פאָטער האָט אויסגעקליבן פאַר מיר אַ כלה, ווען איך בין געווען אין איטאַליע און האָט שוין באַשטימט די חתונה; דאָס וואָלט אייגנטלעך געווען מיין לויה אָנשטאָט חתונה.

ער האָט געהאַלטן אין איין זאָגן ליגן, אָבער זיין שטים האָט געקלונגען

אזוי פאטעטיש, אז ער האט אליין אנגעהויבן גלויבן אין דעם, וואס ער זאגט.

— דו, דו ביסט די איינציקע וועמען איך האב ליב, — האט ער פארט־געזעצט, — אויב איך וועל שטארבן, ווייל איך, אז דו זאלסט זיין מיין דענק־מאל און קיינער אויף דער וועלט וועט אזא דענקמאל ניט האבן. אויב איך וועל לעבן, ווייל איך זיין דיין קנעכט און באזינגען דיין פראכט. א, שטויס מיך ניט אפ, אמארילים! ווארף מיך ניט אריין אין א תהום, ווו מיין געביין וועט פארלארן ווערן!..

— ארימער ראמאן... — האט זי שטיל געזאגט, — א, ווי דו ליידסט, נעבעך!..

איצט האט ער שוין געוווּסט, אז זי האט אים ליב. פון גליק האט זיין הארץ אנגעהויבן שטארקער קלאפן.

— וועסטו גיין מיט מיר, וווהין מיין גורל וועט מיך פירן?

— יא, ראמאן, איך וועל גיין מיט דיר אומעטום, וווהין דו וועסט ריכטן דיין וועג. — האט זי געענטפערט אויפריכטיק און האט זיך אפגעשטעלט.

זיי זיינען געשטאנען אינמיטן וועג. די פולע לבנה האט געשיינט און באזילבערט זייערע אויגן. די זשאבעס האבן געקוואקעט פרייליכער און די שמעקעדיקע רויִקייט פון דער נאכט האט זיי געצויגן נעענטער איינעם צום צווייטן. ער האט גענומען איר האנט און איז צוגעפאלן צו איר אין א לייד־שאפטלעכן קוש. די פארשכורנדיקע ווארימקייט פון איר לייב האט אים ווי פארהילט אין א פארפיומירטן וואל...

— איך שווער ביי די שטערן וואס פינקלען צו אונדז פון הימל; ביי די בערג, וואס זען אויס ווי פארשלאפענע זכרונות; איך שווער טרייהייט צו דיר און בלויז צו דיר און מער צו קיינער ניט. דו ביסט מיין געזעץ און מיין געריכט; מיין ליבע און מיין לעבן; מיין אטעם און מיין פארגעבונג; מיין פרייד און מיין טרויער, אויב אזעלכער זאל ווען עס איז קומען. פון קיין אנדערן וועלן די דאזיקע געפילן צו מיר ניט קומען.

— איך האב דיך ליב, ראמאן, — האט זי געזאגט און איר שטים האט געקלונגען מיט דער צופרידנהייט פון דערגרייכטער ליבע.

— רוף מיך איניגא, — רוף מיך אזוי לפחות צייטווייליק, — האט ער צו איר געזאגט.

— פארוואס? פארוואס זאל איך דיך עפעס רופן אזוי? — האט זי א פרעג געטאן פארוווּנדערט.

— איך קאָן עס דיר איצט ניט דערקלערן, — האָט ער געענטפערט איילנדיק, — עס וואָלט נעמען צו לאַנג.

— אָבער וואָל האָט פּאַסירט ? וואָס ? און ווען ? — האָט זי גע־וואָלט וויסן.

— איך וועל דיר אַלץ דערציילן, ווען מיר וועלן שוין זיין אין וועג, — האָט ער איר געזאָגט און האָט זי ארומגענומען, — גלויבט מיר, אמארילים, עס איז בעסער אַזוי. איך האָב דיך אַזוי ליב . . .

— איך ליב דיך, איניגאָ, איך ליב דיך ווי דאָס לעבן ! — האָט זי אים פאַרטרויט אין אויער.

— דאָס איז הימליש ! דאָס איז געטלעך !

— יאָ, דאָס איז עס. און אויב דאָס איז ניט אַזוי, דאַן וויל איך עס אינגאַנצן ניט ! — האָט זי צוגעגעבן.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צום קליינעם טייכל, וואָס האָט געשטראָמט פון די בערג און האָט געזילבערט מיט אירע צעפּערלטע טראָפּנס אין שיין פון דער לבנה.

ער האָט שוין אַמאָל געזען דאָס דאָזיקע טייכל, ווען ער איז דאָ דורכ־געפאָרן מיט דאָן־כּעזוסן, און האָט דאַמאָלסט געטראַכט : ווי גוט עס וואָלט געווען צו זיצן דאָ מיט אמארילים . . .

אויף אַ מאָמענט האָט זיך אים פאַרגעשטעלט די געשטאַלט פון דאָן־כּעזוסן און ער האָט אויפגעציטערט :

— אָ, ווען עס וואָלט ניט פּאַסירט דער אומגליקלעכער צופאַל מיטן ציגיינער מיידל אויפן וועג קיין באַבאַדילאָ ! ער וואָלט דאַן דאַן ניט געקומען קיין סעוויליע, וואָלט זיך דאָרט ניט געטראָפן מיט קיין אַנדער פרוי און עס וואָלט ניט פּאַסירט דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט . . .

מיט אַ שנעלער באַוועגונג האָט ער אַראָפּגעכאַפּט זיין צעלאָמטע היטל פון קאָפּ האָט זי אויסגעשפּרייט אויף אַ שטאַם פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים און זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

— דו ווייסט, — האָט זי געזאָגט, — ווען דו ביסט אַוועק פון דאַנען דעם לעצטן מאָל, האָב איך געמיינט, אַז מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל מער ניט טרעפן . . .

— ווייזט אויס, אַז ניט שטענדיק טרעפט אַ מענטש, — האָט ער ליבלעך באַמערקט.

— האסטו מיך טאקע באמת ליב ? — האט זי שטיל און שמייכלענ־דיק געפרעגט.

אין דער ווייכער שיין פון לבנה־ליכט האט איר שמייכל אויסגעזען מילד ווי דער שמייכל פון א קינד.

— ווי הערלעך דו ביסט,מיין ליבסטע ! — האט ער געענטפערט.

זיינע הענט האבן זיך געגליטשט איבער אירע לאקן, איבערן האלדז און זי האט זיך מער ניט קעגנגעשטעלט . . . זי האט געשלאסן אירע אויגן און האט שוין איצט אויסגעזען ניט ווי א קינד, נאר ווי א נימף פון באטי־טשעלים בילדער, וואס ער, ראמאן, האט געזען אין פלארענץ.

כג

— קום, לאמיר גיין, ליבער, — האט אמארילים געזאגט פארחלומט, — גאט ווייס ווי שפעט עס איז שוין. ראדריגא וועט זיין זייער אויפגעבראכט.

— דו ביסט שוין פארטיק מיט ראדריגא ! — האט זיך ראמאן אפגע־רופן, — דו ביסט מיין ווייב.

— ער איז א מיאוסער אינטריגאנט, — האט זי געזאגט, — עס וועט נאך זיין צרות מיט אים. איך בין אים שולדיק געלט.

— וויפל ביסטו אים שולדיק ?

— מער ווי צוואנציק דוקאטן. איך דארף אויך קויפן שיך. א קאם און א מאנטיליע.

— זארג זיך ניט וועגן דעם, — איך וועל באצאלן דעם חוב און דו ביסט פארטיק מיט דער שקלאפעריי.

ער האט אויפגעהויבן אמארילים אויף די הענט און האט זי איבער־געטראגן אויפן וועג. זי איז געווען גרינג ווי א פעדער. ווען זי האט אים ארומגענומען מיט אירע ווייכע הענט און האט צוגעלייגט איר באק צו זיינער, האט ראמאן געשפירט ווי אים וואלטן פליגלען אויסגעוואקסן. עס האט אים געשווינדלט דער קאפ פון זיסער אויפרעגונג :

— זאג מיר נאך אמאל, אז דו האסט מיך ליב, — האט ער צו איר געמורמלט שטיל, — לאז מיך הערן דיין שטים, אנקוקן דיין פערלדיקן מויל און שפירן דיין הייסן אטעם. אויב דו טוסט עס ניט, לאז איך דיך מער קיינ־מאל ניט אראפ פון מיינע הענט. אט אזוי וועסטו שוין בלייבן זיצן אייביק . . .

— איך שווער דיר ביי דער הייליקער מאדאנע, אז איך האב דיך ליב,

— האט זי געזאגט און צוגעדריקט אירע ליפּן צו זיינע. ערשט דאן האט ער זי אראָפּגעלאָזן אויף דער ערד.

ווען זיי זיינען אריין אין קרעטשמע, זיינען סערוואנטעס און ראכאס שוין געווען אין זייערע צימערן. סאַלענט איז געזעסן אויפן שוועל פארטרוימט, מיט ברייט צעעפנטע אויגן. באמערקנדיק זיי, האט ער זיך אויפגעהויבן און האט זיי אנגעקוקט, ווי מען קוקט אן אן אומבאקאנטע זאך. זיינע אויגן זיינען געווארן קלענער, דער פּנים — בלאס . . .

דער קרעטשמער איז אריינגעקומען פון קיך אן אויפגעבראכטער מיט א פּנים פון א גזלן און האט זיך צוגעזעצט לעבן סאַלענטן.

— אין אזא שפּעטער שעה דארפן מיידלעך שוין ליגן אין די בעטן און שלאָפן ! — האט ער געזאָגט מיט כעס.

— ווער זאגט עס אזוי ? — האט אמארילים א פרעג געטאן.

— אונדזער הייליקע מוטער — די קירך !

— און וואס זאגט אונדזער הייליקע מוטער, די קירך, וועגן געבן מענטשן עסן פיס פון געפּגרטע אייזלען אנשטאט פרישע חזיר פלייש ? — האט זי פרעגנדיק געענטפערט דעם קרעטשמער מיט פאראכטונג.

— דו ביסט א ליגנערין !

— איך זאָלט אזוי גוט זיין ריידן צו דער דאמע מיט רעספּעקט ! — האט זיך אנגערופן ראמאָן, ארויסטרעטנדיק אין פאָרויס, — אָדער איך וועל דורכלעכערן דיין פרעכן קערפּער מיט מיין שווערד !

— אזוי גאר ? . . דו ?

דער קרעטשמער האט גערעדט אויסערלעך רויק און צעצויגן. ער האט געלאסן אראָפּגענומען פון זיך דעם זשאקעט און האט עס ארומגעוויקלט ארום זיין לינקער האנט.

— אַ, קינס גזע ! דאָס ביסטו דער ביליקער אקטיארל, וואָס פארפירט זי און שטאָפּט אָן איר נארישן קאָפּ מיט זינדיקע און טריפהנע געדאנקען ?

— ברידער ! — האט סאַלענט, מיט האלב פארמאכטע אויגן, אויס־געשריען און זיין שטים האט געקלונגען מיט געבעט. ער האט געהאפט, אז זיין אריינמישן זיך וועט אויפרעגן ביידן און ענדלעך וועט מען צעמזיקן דעם אקטיאר, וועלכן ער האט שוין פיינט מיטן גאנצן האס פון א פארשטויסענעם ליבהאָבער : — פינף טעג איז ער אָפּגעזעסן דא אין קרעטשמע, האט תפילה געטאן די גאנצע צייט און איז נאכגעגאנגען נאכן מיידל און גארנישט . . . איצט האט ער זי איינגאנצן אוועקגענומען פון אים . . . און אין האפענונג, אז איצט וועט ער פּטור ווערן פון זיין קאנקורענט, האט ער אויסגעשריען :

— ברידער, אין נאמען פון גאט, שטעלט אפּ אייער קאמף, באגייט ניט קיין שווערע זינד ! . .

— טרעט אפּ, דו פארעיפּושטער בעל עבירהניק ! — האט ראמאן אז אויפגעבראכטער אויסגעשריען, — אויב דו ווילסט זיך שלאגן, בין איך גרייט. און אויב דו ווילסט געלט, איז מיין טייסטער גרייט ! . .

— פארזיכטיק מיט דיין געווער, ראמאן. — האט זיך אמארילים אפּגע־רופן שטאלץ, — מיין גוף און מיין נשמה געהערן מיר אליין און איך קאן מיט דעם טאן, וואס איך וויל. מארגן פארלאז איך די קרעטשמע און וועל באצאל־אלץ, וואס פון מיר קומט.

— דא האט איר אייערע צוואנציק דוקאטן, — האט זיך ראמאן אפּגע־רופן און האט אווארף געטאן דאס געלט אויפן טיש.

— איין און צוואנציק ! — האט דער קרעטשמער א געשריי געטאן און האט זיך געווענדט צו אמארילים :

— וואס, דו קלייבסט זיך אוועקגיין מיט דעם לײדיקגייער ? זעסט דען ניט ווער ער איז ? זיין פעלץ איז דאך געמאכט פון פיש־פעל און אין זיין טייסטער פייפן ווינטן אין די לעכער . . .

— זארג זיך ניט וועגן מיין פעלץ און מיין טייסטער, דאס איז ניט דיין עסק ! — האט ראמאן מיט א פארניכטנדיקן טאן געזאגט, — צייל צו דאס געלט און פארגעס וועגן אמארילים.

— צו אל די רוחות ! — האט דער קרעטשמער געענטפערט, — וואס גייט עס מיך אן ? ס'איז דיין געלט און דיין געשמאק . . . די איינציקע זאך נאר איז, וואס ביידע זאכן וועלן לאנג ניט אנהאלטן, ניט דאס געלט און ניט דער געשמאק . . .

ער האט איבערגעציילט דאס געלט, אויסגעפּרוווט יעדער מטבע אויף די ציין און האט זיך אנידערגעזעצט.

סאלענט, האלטנדיק פרום אין האנט דעם שנירל מיטן צלם, איז שטיל ארוים פון צימער און איז אוועק ארויף אויף די סקריפּנדיקע טרעפּ.

די נאטור האט אים געבענטשט מיט א היציקן גוף און פייערדיקער נשמה און קיינמאל האט זיך אים ניט איינגעגעבן צו באפרידיקן כאטש איינעם פון זיי. אז יארן זיינען אוועק און ער האט פארלארן די מינדסטע האפנונג צו באפרידיקן זיין גוף, האט ער זיך באמיט צו קאמפּענסירן עס דורך באפרי־דיקן די נשמה . . .

איצט איז ער ארויף אויף די טרעפּ און איז געבליבן שטיין אין דער טונקלקייט. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז ער הערט אמאַריליסעס שטימע; און עס איז געגנוג געווען, אז ער זאָל בלויז איר שטים דערהערן, כדי זיין בלוט זאָל אויפזידן מיט אומגעצוימטער קראַפט. מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער צוגעהאַלטן דעם שנירל מיטן צלם און האָט אראָפּגעקוקט אראָפּ.

די גליקלעכע, פאַרליבטע פּאָרל איז געשטאַנען אונטן, געקושט פון דער זילבערנער לבנה . . .

— א גוטע נאַכט, ליבסטע, — האָט ראַמאָן געזאָגט, — גאָט זאָל דיך שיצן.

— און דיך אויך, מיין ליבער, — האָט אמאַריליס געענטפערט און איז אוועק פאַרמאַכן די פענצטער און פאַרשליסן טיר און לאַדן.

ווען זי האָט זיך אומגעקערט, האָט זי געטראָפן ראַמאָנען נאָך אלץ שטייענדיק אויף דעם אָרט, וווּ זי האָט אים געלאָזן . . . זי האָט גוט פאַרשלאָסן די לעצטע טיר און האָט א קוק געטאָן אויף אים.

איצט זיינען זיי געווען פאַרשפּאַרט און פאַרשלאָסן אין דעם פאַר־דעמפטן צימער און די וואַקסענע ליכט אויפן טיש האָבן געלויכטן טונקל און טרויעריק.

זיי זיינען צוזאַמען אוועק ארויף די טרעפּ, זוכנדיק אין דער ציטער־דיקער שיין פון די וואַקסענע ליכט, די ברענענדיקע ליפּן איינער ביים צווייטן, ניט וועלנדיק פאַרלירן קיין איין־איינציקע רגע פון דעם גרויסן גליק, וואָס הייסט ליבע . . .

ווען ראַמאָן איז אריין אין צימער, האָט ער באַמערקט סערוואַנטעסן שטייענדיק איינגעבויגן איבער א שטויס פּאַפּירן, ביי דער שיין פון א קליין שטיקל ליכט, וואָס איז געווען צוגעקלעפּט צום טיש.

די ברעטער אונטער זיינע פיס האָבן א סקריפּ געטאָן און סערוואַנטעס האָט זיך אומגעקוקט.

— אַ, דאָס ביסטו, מיין זון ? . . — האָט סערוואַנטעס געזאָגט, — נו, וואָס האָט איר באַשטימט ?

— אמאַריליס האָט מיך ליב ! — האָט ראַמאָן געענטפערט, — זי איז ווילליק צו גיין מיט מיר דורך אלע שטורמס פון לעבן.

— זאָל זיין מיט גליק . . . זאָל זיין אין א גוטער און מזלדיקער שעה, — האָט סערוואַנטעס געגעבן זיין ברכה, — איך האָב נאָר־וואָס אנגעהויבן

שרייבן א נאָוועלע וועגן א נאַבלמאַן, א וואַנדערער. איך האָב אים א נאָמען געגעבן — דאָן קיכאָט. ער קעמפט מיט דער שלעכטקייט פון דער וועלט, די שלעכטקייט, וועלכע ער שטעלט זיך פאָר אין זיין פאַנטאַזיע, אָבער ניט די אמתע, די רעאַלע, ווייל יענע קאָן ער גאָרניט . . .

— איך וואָלט אים געקאָנט עטוואָס דערציילן וועגן דעם, — האָט זיך אָפּגערופן ראַמאָן.

עס ליגט שוין אזוי אין דער נאַטור פון ליבע, — די פאַרליבטע האָבן שטענדיק דאָס געפיל, אַז זיי וויסן אַלץ, אַז קיין זאַך איז פאַר זיי ניט שווער און אַז אַלץ איז דערגרייכבאַר . . .

— איך וואָלט עס אויך געקאָנט, — האָט סערוואַנטעס באַמערקט מיט לייכטן פאַרדרוס, — איך וויל דאָס אָבער ניט טאָן. איך וועל לאָזן די האַנד־לונג פאַרקומען אין לאַ מאַנטשאַ, ווייל דאָרטן זיינען פאַראַן זייער פיל ווינט־מילן און איך מאַך אזוי, אַז דער דערפינדערישער הידאַלגאָ קעמפט מיט די ווינט־מילן, אַננעמענדיק. אַז זיי, די ווינט־מילן זיינען די סימבאָלן פון דער וועלטס אומגערעכטיקייט.

— קעמפן מיט ווינט־מילן ? — האָט זיך ראַמאָן אָפּגערופן פאַרוווּנ־דערט, — איך האָב קיינמאָל אזוינס ניט געהערט.

איצט האָט ראַמאָן פאַרשטאַנען פאַרוואָס סערוואַנטעסעס טעאַטער־שטיק האָבן קיין דערפאָלג ניט געהאַט און פאַרוואָס ער איז פאַר דער צייט אַלט און אַנטוישט געוואָרן.

א געפיל פון רחמנות און ליבשאַפט צום דיכטער האָט אַרומגענומען ראַמאָנען, ווען ער האָט געקוקט אויף סערוואַנטעסן, וועלכער האָט גערעדט וועגן דעם שטענדיקן קאָנפליקט, וואָס עקזיסטירט צווישן גוטס און שלעכטס, פוילקייט און מוט, פּאָעזיע און פּראָזאַאישקייט . . . עס איז אים איצט קלאָר געוואָרן, אַז סערוואַנטעס אַליין איז א פאַרלאָרענער אין א פּלאָנטער פון געפילן און ווידערשפּרוכן און אַנשטאָט דעם, וואָס ער וואָלט באַדאַרפט אויס־לאַכן און אָפּחוזקן דעם נאַבלמאַן פון לאַ מאַנטשאַ, האָלט ער גאָר אין פאַר־טיידיקן אים און אזוי אַרום גלאָריפיצירט ער די נאַבעלע, אָבער הילפלאָזע שלים מזלם און זייער קאַמף מיט דער פון אַלעמען אַנגענומענער און באַשטימטער מיטלמעסיקייט און אָפט אַפילו טאַלאַנטלאָזיקייט . . .

— העי, עס איז שוין צייט שלאָפן ! — האָט סאָלענט אַנגעקלאַפּט פון דעם דערבייאיקן צימער, — איר מאַכט דאָ אַן צופיל טומל, איר ביידע . . .

ראמאן האט געגעבן סערוואנטעסן זיין האנט, געזאגט א גוטע נאכט און צוגעווונטשן איס גליק, צוגעבנדיק : — איך בין גליקלעך ! איך בין אויסערגעוויינטלעך גליקלעך !

— דאס איז זייער גוט און פיין ! — האט סערוואנטעס צוגעשאקלט מיטן קאפ, — יעדער מענטש קאן זיין א דיכטער. די צרה איז נאר, וואס זייער ווייניק מענטשן ווייסן ווו צו געפינען גליק . . .

— איך בין זייער גליקלעך ! — האט ראמאן נאכאמאל געזאגט און טרערן האבן זיך אים באוויזן אין די אויגן, — איך האב איצט געפונען דעם אמתן זין פון לעבן.

— איך וועל נאך אויך זיין גליקלעך ! — האט זיך סערוואנטעס אפ־גערופן, ווי ער וואלט געווארן אנגעשטעקט מיט דער גרויסער פרייד פון דעם יונגן מענטשן.

— איך וועל אנשרייבן א גרויס ווערק, — דאן קיכאט. אין שפאניע אבער זיינען דא צופיל שרייבער, צום טייוול זאל עס גיין. יעדער איינער שרייבט און דער עולם־גולם האט ניט קיין צייט און קיין געדולד און אויך ניט קיין פארשטאנד אפצוקלייבן דעם ווייץ פון די שטרוי.

— א, אייער טאג וועט זיכער קומען, — האט אים ראמאן געטרייסט און דערמוטיקט.

— א, געליבט צו זיין איז פיל בעסער איידער צו זיין בארימט . . . אבער וואס קאן מען זיך העלפן ? . . דיכטער זיינען אפט זייער ענלעך צו פרויען, מאנכע פון זיי זיינען אזוי באצויבערנדיק, אז מען קאן זיי ניט פאר־געסן . . .

ראמאן האט זיך צעלאכט :

— יא, אזוי איז דאס לעבן, — האט ער געזאגט.

— יא, יא, אזוי איז עס, — האט סערוואנטעס מסכים געווען און זיך ווידער אנגעבויגן איבער זיינע פאפירן.

— א גוטע נאכט, מיין זון. גאט זאל שיצן דיך און אמארליים !

כד

גאנץ פרי האט זיך ראמאן צוגעאיילט אראפצוגיין אונטן, כדי וואס גיכער צוגרייטן אלץ וואס איז נויטיק פאר דער רייזע.

א גאנצע נאכט האט ער ניט געשלאפן. ער איז כסדר געווען אונטער דעם איינדרוק פון די פארבראכטע שעהן לעבן בארג־טייכל מיט אמארילים,

און ערשט, ווען עס האט אנגעהויבן טאגן האט ער איינגעדרימלט א ווײלע, אבער אויך אומרויק.

דאס וואס סערוואנטעס איז שוין דא ניט געווען, האט ראמאנען זייער פארדראסן. דער דיכטער און תבואה־זאמלער איז באגינען אוועקגעפארן קיין עקיסא צו פארענדיקן דארט זיינע פארפלאנטערטע חשבונות און האט געבעטן ראכאסן איבערגעבן א גרוס צו דאן־איניגא, וועמען ער האט זייער געאכטעט פאר זיין ערודיציע און ליבע צום געדרוקטן ווארט.

מען האט באדארפט צוגרייטן צו דער רייזע טויזנט און איין זאך, און דעריבער איז יעדערער געווען שטארק פארנומען . . .

אמארילים איז געווען אין קיך, — זי האט צוגעגרייט פרישטיק פארן עולם און ראמאן איז אוועק צו סאלענט און ראכאס, וועלכע האבן דערווייל געמאכט פראבע אויף דער דראמע "קין און הבל", — אפשר וועט עס אמאל צונוץ קומען.

א האלבער טוץ קינדער מיט א מחנה הינט האבן זיך געדרייט ארום די אקטיארן און זיינען געווען אנטציקט צוקוקנדיק, ווי צוויי מענטשן באפאלן איינער דעם אנדערן, כאפן זיך אן בײ די גארגלען און קיין איינער פון זיי ווערט פונדעסטוועגן ניט געשעדיקט . . .

א סטאדע שעפסן איז פארבייגעגאנגען מיטן וועג. א פויער האט מיט עקשנות אונטערגעטריבן א ניט ווייניקער פארעקשנטע און איינזאמע שעפס, וועלכע ער האט געוואלט וואס גיכער ברענגען אויפן מארק.

די קלויסטער גלעקער האבן געקלונגען און די קלאנגען האבן זיך ווייך און ווייט צעטראגן אין דער פרישער לופט פון פרימארגן.

א פאסטוך האט זיך אפגעשטעלט לעבן קרעטשמע און האט זיך צוגעקוקט צו דער פראבע פון די צוויי אקטיארן, און פון גרויס אנטציקונג האט ער זיך פרום איבערגעצלמט.

עטלעכע ציגן האבן זיך ארייגעכאפט אין גארטן און די הינט זיינען זיי באפאלן מיט א גוואלדיקער בילעריי.

ראמאן איז אוועק צום קרעטשמער און האט געקויפט א מויל־אייזל פארן באנאזש, און אביסל שפייז. דער קרעטשמער האט אים גערעכנט גאנץ פיינע פרייזן פאר די זאכן, אבער דערפאר איז ער איצט געווען מער אדער ווייניקער איינגעהאלטן אין באצוג צו דעם, וואס אזא גוטע דינסט־מיידל ווי אמארילים גייט פון אים אוועק.

אין דער זעלבער צייט האָט דעם קרעטשמערס קאָפּ געאַרבעט פיבער־האַפט איבער א פּלאַן, — ער האָט נאָך אַלץ געהאַפט פּטור צו ווערן ווי עס איז פון דעם אַקטיאָר און צו באַפרייען פון אים דאָס מיידל.

— איינגיכן איז צו דער קאָמפּאַניע צוגעקומען א פינפטער מיטגליד, — א מענטש פון ריזיקער גרויס, א פיר עקיקער מיט ברייטע פּלייצעס, א קונצן־מאַכער און וויצלער, וואָס פּלעגט פאַרוועגדן זיינע קענטעניש אויף יאַרידן און רעליגיעזע פּראָצעסיעס. חוץ דעם פּלעגט ער שלעפּן פון די קאָ־שענעס אין משך פון טעאַטער סעזאָנען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן די קעמפנדיקע און זשעסטיקולירנדיקע אַקטיאָרן און האָט זיי אָנגעקוקט מיט נייגעריקע אויגן.

— ברידער ! — האָט ער זיך אָפּגערופן, — איך בין שוין מיד געוואָרן פון דעם זיין בלויז א געזונטער מאַן. איך האָב די לעצטע צייט זייער פיל געטראַכט און בין געקומען צום שלום, אַז נאָך אַלעמען בין איך דאָך א לעבעדיק באַשעפעניש און עס איז שוין צייט צו באַווייזן פאַר גאָט און לייט, אַז חוץ געזונטע מוסקולן, האָב איך אויך א מאַרך אין קאָפּ.

— פּריער ווערסטו עס אונדז דאַרפן דערווייזן,—האָט ראַכאָס געזאָגט.

— דאָס וועט זיין אַפילו שווערלעך, אָבער איך וועל פּרובירן, — האָט דער ריז געענטפערט.

— איך בין א שטאַרקער מאַן, אַלענפאַלס בין איך ניט שוואַכער פון מיין טאַטן . . . און מיין טאַטע איז געווען א ריז. זיין באַליבטער ספּאָרט איז געווען — נעמען א יונגן אָקס אויף די פּלייצעס און אַרומטראָגן אים. א האַלבן לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין דער אַרענע פאַר אָקסן־קאַמף. די אַנ־דערע העלפט פון זיין לעבן איז ערגעץ ווו פאַרלאָרן געגאַנגען, ווייל ער האָט זי ניט דערלעבט, — אַז אָקס האָט אים אַרויפגענומען אויף די הערנער, דורכגעלעכערט זיין קערפּער דורך און דורך, און געטויט אויפן אָרט.

— קאָנסטו שלינגען פייער ? — האָט ראַכאָס אים א פרעג געטאָן.

— אָ, דאָס איז א קלייניקייט. דאָס איז דאָך בלויז א קונץ אַזאַ, א פאַרבלענדעניש. יעדערער קאָן זיך עס לייכט אויסלערנען, — האָט דער אומ־געלומפּערטער ריז געענטפערט לוסטיק. איך קאָן מאַכן פאַרשיידענע קונצן מיט מיין טאַטנס שווערד, וועלכער איז גרויס און שווער ווי א צוועלף־יאָריק קינד. איך קאָן זשאָנגלירן, וואַרפן און כאַפּן דריי און אַפילו פיר באַלס פאַר אַמאָל. מיט די מוסקולן פון מיין בויך קאָן איך שליידערן קינזשאַלן אינ־

דערהויך און כאַפּן זיי צוריק. איך קאָן לייכט טראָגן א יונגן אָקס אויף די פּלייצעס. איך קאָן שפּילן אויף א האַרפע און קאָן זינגען הייליקע ניגונים.

— דאָס איז גענוג לכל הדעות, — האָבן זיך אַלע אַנוועזנדע אָפּגערופן, — גיב דיין האַנט, זאָל זיין אָפּגעמאַכט און גיי עפּעס עסן.

— ניין, ברידער, קיין האַנט גיב איך ניט, דאָס קאָן איך ניט טאָן, — האָט זיך דער ריז צוריקגעצויגן, — גאָט האָט מיך טאַקע געבענטשט מיט א גוואַלדיקן כוח, אָבער מיט זייער א ווייך האַרץ. האָב איך מורא, אַז גאַנבנדיק אייך מיין האַנט, זאָל איך עמיצן פון אייך ניט צודריקן די האַנט ביזן ביין.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום מיט אַזא מילדן שמייכל, ווי דער יםליב ווען ער קוקט צו ווי זיין קליינוואַרג שפּילט זיך אונטער דער וואַרימער זון . . .

— און וואָס איז שייך עפּעס עסן, — האָט ער פאַרטגעזעצט, — פאַרזיכער איך אייך, אַז דאָס וואָלט געווען ניט קיין שלעכטע זאַך . . .

אין קיך איז אַלץ געגאַנגען אויף רעדלעך. אַלע האָבן זיך געטומלט מיט און ווען די אָפּפאַרנדיקע. די קינדער האָבן זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און האָבן געליאַרעמט און געפייפט; צייטנווייז האָבן זיי פאַרבייגייענדיק געשטאָכן דעם אייזל און יענער האָט געריוועט און איז זיי מיט א קלאַפּ אויך קיין בעל חוב ניט געבליבן. דער קרעטשמער האָט אים אויך מכבד געווען מיט א קלאַפּ און דער יינגל מיטן הויקער האָט אויך געטאָן זיין חלק און געוואָרפן שטיינער אין דעם אייזל און אין די הינט. די הינט האָבן געבולן און געוואָיעט ווי אין טויט־שרעק, ווי מען וואָלט זיי וועלן הרגענען. א פאַרבייגייענדיקער מאַנאַד האָט זיך אָפּגעשטעלט צוקוקן וואָס דאָ קומט פאָר און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן מוסר דעם עולם פאַר וואָס זיי האַלטן ניט דאָס געבאָט פון צער בעלי חיים.

— ס׳איז ניט דיין עסק ! — האָט אים דער קרעטשמער בייז באַמערקט, — ס׳איז מיין אייזל און איך קאָן טאָן מיט דעם וואָס איך וויל. עס איז ניט דיין באָבעס דאגה . . .

— בענטש אונדז, ברודער, — האָט זיך סאַלענט אָפּגערופן צום מאַנאַד, — בענטש אונדז אַז דער אָנהויב אונדזערער זאָל זיין א גוטער. יעדער אָנהויב דאַרף זיין געבענטשט פון גאָט !

איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין א ריי און דער

מאַנאַך האָט זיי אַלעמען געצלמט און געבענטשט מיט גליק, מזל־ברכה און פרידן.

די לופט איז שוין געווען וואַרים פון דער לאַנג אויפגעגאַנגענער זון און דער וועג איז געלעגן אויסעשפּרייט פאַר זיי, אַ וועג, וואָס האָט געפירט אין אַלע באַרימטע און גרויסע שטעט פון שפּאַניע, — גרויס אין קריג, גרויס אין פרידן און פון קיינעם ניט קיין איבערגעשטיגענער הערלעכקייט. אַ וועג, וואָס האָט זיך אַליין געצאַפּלט אין הייסן בלוט פון אומגעקומענע מאַרטירער.

כה

די טרופּע פון פינף האָט זיך געלאָזן אין וועג אַריין, צו די גרויסע און באַרימטע שטעט טאָלידאָ און סאַראַגאָסאַ, — די זיילן פון דער קאַטוילישער רעליגיע און פון שפּאַנישער קולטור.

יעדער איינער פון די פינף איז אַוועק אויף זיין וואַנדער־וועג צוליב אַנדערע סיבות: ראַכאַס, ווייל ער האָט געלעכצט נאָך באַרימטקייט; סאַלענט, ווייל ער איז געווען זייער אָרים און האָט ניט געהאַט וואָס צו פאַרלירן; דער ריז, מאַטעאָ — כדי צו אויסברענגען די קאָלאָסאַלע ענערגיע, וואָס האָט גע־בושעוועט אין אים; אַמאַריליס — ווייל זי האָט געזוכט ליבע, און ראַמאָן — ווייל ער האָט געזוכט רו און פרידן. אַלע האָבן זיי אויף דעם אופן געזוכט לעבנס דערפאַרונג; קיין אַנדערע וועגן פאַר דערפאַרונג האָבן זיי ניט געהאַט, ווייל דאָס לעבן אין שפּאַניע איז געווען אַ פאַרקריפּלטער און אומזיכערער, — דאָס לאַנד איז געווען אָרים, ווי גאָט אַליין וואָלט זי געבענטשט מיט אָרימקייט. כדי צו אויסלייטערן די באַזיצער פונם לאַנד, די מענטשן, פאַר יענער וועלט.

אין די אונטן, ווען קיין פאַרשטעלונגען זיינען ניט געווען, פלעגן זיי אַמוזירן איינער דעם אַנדערן, ווייזענדיק זיך איבער זייער אייגן לעבן אין דער דאָזיקער קלאַסישער אומזיכערקייט.

און באמת, וואָסער זיכערקייט קאָן שוין זיין, אַז אפילו דער פּרינץ פון פּרינצן, דער ריטער פון ריטערס, דער אומגעקרוינטער קעניג פון שפּאַניע איז אין קורצן געפירט געוואָרן צו דער תליה אויף דעם באַפעל פון אינקווי־זיטאָר, וועלכער איז אַליין געבוירן געוואָרן אַ ייד . . .

אַזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבן אין שפּאַניע און אַזוי האָבן מענטשן דאָרט געלעבט, ניט וויסנדיק, וואָס דער מאָרגן וועט זיי ברענגען, באַלאַנדזשענ־דיק צווישן מאַנאַסטיר און תליה . . .

— יאָ, דאָס איז אמת, אונדזער לעבן איז געבויט אויף שפּינוועבס. — האָט ראַמאָן געזאָגט און בשעת מעשה געטראַכט וועגן זיך אַליין.

— דער קעניג האָט אַליין פאַרברענט זיין אייגענעם זון, וואָס קאָן שויִן זיין ערגער ? ! — האָט זיך אָפּגערופן ראַכאַס.

— לאָמיר פונדעסטוועגן דאַנקבאַר זיין פאַר דעם קליינעם פּלאַץ, וואָס מיר פאַרנעמען אין לעבן, — האָט ראַמאָן געזוכט עפּעס א זכות, — גרויס־קייט פירט צו קנאה, שנאה און אָפט אפילו צו פאַרברעכנס.

— געבענטשט זאָלסטו זיין פאַר אַזעלכע ערלעכע, עכט־קריסטלעכע געדאַנקען ! — האָט סאָלענט געזאָגט שטיל און פרום.

— אונדזער לעבן איז אַזוי ניִשטיק, מיר אַליין זיינען אַזוי קליין, אַז קיינער באַמערקט אפילו ניט אונדזער לעבן און אונדזער פאַלן, — האָט אַמאַ־רילים געזאָגט פאַרטראַכטערהייד.

— יאָ, יאָ, ברידער, — האָט זי סאָלענט איבערגעשלאָגן, — ערשט מיט פינף, אָדער זעקס יאָר צוריק, האָב איך אַליין ביַיגעוווינט דעם ריזיקן ספּעקטאַקל, ווען מען האָט דורכגעפירט די עקזעקוציע איבער דעם הויפּט־ריכטער פון אַראַגאָן. די עקזעקוציע איז דורכגעפירט געוואָרן אויף אַן עפנט־לעכן פּלאַץ אין סאַראַגאָסאַ. דער ריכטער איז געווען א העכסט נאָבעלער און פיינער יונגערמאַן, — א הויכער, א בלאָנדער מיט טיפע אויגן. עס האָט געשיינט צו זיין אוממעגלעך, אַז אַזא נאָבעלער און וויכטיקער מענטש וועמעס וואָרט עס איז געאַכטעט געוואָרן ניט ווייניקער ווי דעם קעניגס, זאָל אין אַן אויגנבליק פאַרוואַנדלט ווערן אין א הויפן אַש און שטויב ! אָבער אַזוי איז עס געווען און קיינער האָט זיך כמעט ניט געקימערט וועגן דעם. בלויז ווען מען האָט דעם עולם צושויער באַוויזן זיין קאָפּ, האָבן זיך אייניקע פרויען שטיל צעוויינט . . .

און באמת : וויפל יונגע און שיינע פרויען ער וואָלט נאָך געקאָנט גליקלעך מאַכן, אָט דער וואונדערלעכער ליבהאָבער ! . .

— יאָ, אַזוי זיינען פרויען, — האָט זיך ראַכאַס אָפּגערופן.

— ניט אַלע, — האָט זיך ראַמאָן אָנגענומען פאַר זיי . . .

— זיינען זיי טאַקע אַזעלכע ? — האָט סאָלענט א פרעג געטאָן, — נעמט צום ביישפּיל אַמאַרילים, באַטראַכט זי דען מענער בלויז אַלס ליבהאָבער?

ער האָט שטאַרק ליב געהאַט אַמאַרילים און זינט ער האָט פאַרלאָרן די האָפענונג צו באַזיצן זי, האָט ער געהאַלטן אין איין תפילה טאָן און גאָט

בעטן אז ראמאן, איר געליבטער, אדער זי אליין זאל שטארבן. נאטירלעך, וואלט גלייכער געווען, אז ראמאן זאל שטארבן און אמארילים זאל בלייבן לעבן.

טיף אין הארצן האט ער געהאט באשטימט צו אומברענגען אמארילים, אויב זי וועט ניט וועלן גיין מיט אים, און דאן אוועק ערגעץ אין א מאנאסטיר און פארענדיקן דארט דאס לעבן אין תשובה און מעשים טובים . . .

— איר, מענער, פארפירט זייער אפט נארישע שמועסן . . . — האט אמארילים אריינגעזאגט.

— קיין זאך, קיין שמועס איז ניט נאריש, אויב עס האנדלט זיך וועגן פרויען, — האט איר סאלענט געענטפערט.

— דו ביסט א ליבהאבער פון פרויען ? — האט זיך ראכאס געווענדעט צו סאלענטן, — איך האב עס גארניט געוווּסט . . .

— עס זיינען פאראן נאך א סך זאכן, וואס דו ווייסט ניט וועגן מיר . . . — האט זיך סאלענט צעשריען.

— איך האף, אז א ליבהאבער ביסטו א בעסערער איידער אן אקטיאר, — האט ראכאס איראניש צוגעגעבן.

עס איז קלאר געווען פאר יעדער איינעם, אז ראכאסעס באמערקונג וועגן סאלענטס שוישפילערישע פעאיקייטן, קאן דער טרופע קיין געזונט ניט צוגעבן, אבער אזוי ווי א זיכרון צו געדענקען ראלן האט סאלענט געהאט א גוטן און אזוי ווי זיין גאנצער אויסזען האט געפאסט פאר אזעלכע ראלן ווי קין, יודא איסקאריאט א"א, — האט מען אים געלאזן צורו און מען האט זיך געהאלטן מיט אים.

— איר טשעפעט מיך בעסער ניט, — האט זיך סאלענט אפגערופן, — איך בין ניט געבוירן געווארן צו זיין אן אקטיאר, און זיכער בין איך צו דעם בארופן ניט מער ווי דאן־איניגא . . . אבער איך וועל טאן דאס בעסטע וואס איך קאן. איך האב וויכטיקערע אויפגאבן אין לעבן איידער צו זיין אן אק־טיאר און איך האף, אז איך וועל זיי דורכפירן אויך . . .

— וואס מיינסטו ? מיינסטו ניט אפטמאל אמארילים ? — האט ראמאן א פרעג געטאן מיט חשד.

— זיכער ניט דיך ! — האט סאלענט געענטפערט גאוהדיק.

— איך אויף דיין ארט וואלט בעסער געזוכט אינספיראציע אין קירך, — האט זיך ראמאן אפגערופן. — און טרינק ווייניקער שנאפס . . .

— א נים געבעטענע עצה איז פונקט ווי שפעט אנגעבאטענע ליבע,
— מען דארף עס ניט . . . — האט סאלענט באמערקט.

לעצטנס האט זיך סאלענט געהאט גענומען צו פאלירן זיינע מאניערן און צו אויסברייטערן זיינע וועלטלעכע קענטענישן, ווי ער וואלט זיך געקליבן צו עפעס א גאנץ אנדער מיסיע אין לעבן, וועז זיי זיינען געקומען אין דער שטאט באלו, האט ער געקראגן א טשיקאוון בוך צו לערנען פיינע מאניערן, ווי אזוי צו האלטן זיך אין א הויכער געזעלשאפט און אפילו ווי אזוי צו ארייננדרינגען אין די הערצער פון די גאר הויכע רעגירונגס לייט . . .

עס האט זיך אים אויך אויסגעוויזן ווי דורך א נעפל, אז ראמאן דארף אומקומען און ער, סאלענט, דארף צונעמען אמארילים און אוועקפירן זי ערגעץ ווייט . . .

— איך וויל דאס מער ניט הערן ! — האט אמארילים אויסגעשריען אויפשפרינגענדיק פון ארט, — איניגא, איך בעט דיך . . . און דו, סאלענט, פארוואס האלסטו אין איין קריגן זיך ?

— איך קריג זיך ניט, — האט סאלענט געענטפערט מיט בייזקייט, — אבער עס מאכט ניט אויס, ער וועט נאך וועז עס איז חרטה האבן, ווייל . . . ווייל איך בין א געטלעכער מענטש . . .

אלע האבן זיך צעלאכט.

סאלענט איז אוועק אין שענקל כאפן א שנאפס. ער איז געווען אז אפטער ארייינגייער אין שענק, — דער שענקער פלעגט אים בארגן א טרונק בראנפן אויף א משכון און שפעטער פלעגן די איבעריקע אקטיארן דארפן אויסקויפן זיינע משכנות פון שענק-אייגנטימער . . .

זיי זיינען געזעסן ביז שפעט אין דער נאכט, האבן געפלאנט זייער ווייטערדיקע רייזע, באטראכט דעם רעפערטואר און פארטיילט די ראלן.

— ס'איז א מחיהדיק לעבן, — האט ראמאן בשעת מעשה געטראכט, — קיין זאך קאן ניט שטערן דעם גאנג פון זיין לעבן איצט. זיינע הארויזאנטן זיינען ניט פארוואלקנט, זיינע הימלען זיינען קלאר. ער האט ליב אמארילים מיט אלע פיבערן פון זיין נשמה, — ער האט זי ליב פאר איר נאבעלן כא־ראקטער ניט ווייניקער ווי פאר איר צויבערלעכער שענקייט . . .

אויך זיין פריינטשאפט מיט ראכאסן איז געוואקסן פון טאג צו טאג, אדער ריכטיקער — פון אוונט צו אוונט. וועז ער פלעגט נאך א פארשטעלונג, אדער נאך א פראבע אנהויבן מיט זיין ווייבער שטימע דערציילן וועגן זיין

וואנדער־לעבן און וועגן זיין אקטיאַרישער טעטיקייט. זיינע אוואַנטיורעס זיינען געווען אַזוי אינטערעסאַנט, אַז ווען ער איז אַלט געווען בלויז איין און צוואַנציק יאָר האָט ער שוין געשמט אַלס דער "געוואַגטער קאַוואַליערא". די געשיכטעס, וואָס ראַכאַם האָט דערציילט וועגן זיין לעבן האָבן געווירקט אַזוי ראָמאַנען זייער באַרגזיקנדיק; עס האָט אויסגעזען ווי גאָט אַליין וואָלט זיי צוזאַמענגעבראַכט, כדי ער, ראַמאָן, זאָל אַריינקוקן אין ראַכאַסעס לעבן ווי אין אַ שפּיגל און זאָל זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר ווי צו לעבן און האַפן . . .

די געשיכטע פון ראַכאַסעס לעבן האָט זיך געלאָזט הערן ווי אַ שפּאַנענדיקער ראָמאַן. ער האָט דורכגערייזט שפּאַניע פון צפון צו דרום און פון מזרח צו מערב צען מאָל; ער קען גענוי יעדער שטאָט און שטעטל און איצט האָט ער געזוכט נייע וועלטן, נייע מענטשן און . . . נייע, גוטע הערצער . . .

— אויב ראַכאַם האָט געקאָנט דורכגיין דורך פייער און דורך וואַסער און בלייבן גאַנץ — טאָ פאַרוואָס קאָן איך עס ניט ? איך קאָן אויך אַנגיין מיט מיין לעבן ווי ער, מיט שטייגנדיקער האָפענונג פון פולער באַפרייאונג.

— זיין האַרץ איז געווען פול מיט פרייד און מוט.

ער האָט, נעבעך, ניט געוווּסט ווי גיך ביידע זאַכן — זיין ליבע און זיין פריינטשאַפט — וועלן געשטעלט ווערן צו פּראָבע, וועלן דאַרפן דורכגיין זייער אַ שווערן נסיון . . .

כו

די אַקטיאָרן האָבן געהאַלטן אין דערנעענטערן זיך צו דער שיינער שטאָט לינאַרעס. זייערע פאַרדינסטן זיינען געווען גאָר קליין, כמעט נישטיק, אָבער דער וועטער איז געשטאַנען אַ שיינער און זיי האָבן ווייניק געזאָרגט.

—אין לינאַרעס וועט אונדז גאָט העלפן. — האָט סאַלענט געזאָגט פריילעך.

— אונדז וועט שוין גאָט אויך ניט העלפן, — האָט ראַכאַם באַמערקט.

— דאָס איז אַ חוצפּהדיקע גאָטס־לעסטערונג ! — האָט סאַלענט אויפגעבראַכט אויסגעשריען.

ראַכאַם איז געווען אַ טיפּישער שפּאַניער — ער האָט געשלאָגן מיטן צונג ווי מיט די הענט, און זיין פעדער איז געווען שאַרף ווי זיין שווערד :

— פאַרלאָז זיך ניט צופיל אויף גאָט און גלויב ניט, אַז ער איז זייער פאַרינטערעסירט אין דיר. דו ביסט צו קליין פאַר אים. גאָטס גאַנצע אויפ־

מערקזאמקייט איז געווענדט אויף צוויי גרויסע דערשיינונגען: — אויפן פויפסטס הוליאנקעס און אויף דער הייליקער אינקוויזיציע . . .

— דיינע רייד קלינגען זייער טרויעריק. — האט זיך אפגערופן ראמאן.

— איך פיל אבער אזוי אין דער ווירקלעכקייט, — האט זיך ראכאס מודה געווען, — די צייט איז א שלעכטע, קיין פובליקום איז ניטא און קיינער פון אונדז ווייס ניט ווו מיר וועלן האבן דעם קומענדיקן מאלצייט . . .

ראמאן האט אים געוואלט דערמוטיקן אביסל און אויפהויבן זיין שטימונג. ער האט אים געוואלט זאגן, אז אין א חודש, אדער צוויי ארום וועלן זיי זיין אין זיין היים־שטאט באדאכאז, ווו ער וועט זיך איבערבעטן מיט זיינע עלטערן און מיט אלע אנדערע, מיט וועמען עס וועט נויטיק זיין און דאן וועט זיין א סוף צו אלע צרות. אבער עפעס אן אינערלעכער כח האט אים ניט דערלאזן צו זאגן עס. — ריידן איז זילבער און שווייגן איז גאלד, — האט ער א טראכט געטאן.

— סיידן עס וועט איצט "אנרייסן" אין לינארעס, — האט ראכאס געזאגט, — אויב ניט וועלן מיר ערגעץ אויפן וועג פאלן, איך בין פשוט אויס־געצערט און אויסגעהונגערט. איך פיל זיך א פארלאזענער ניט נאר פון פוב־ליקום, נאר אפילו פון די בינע ארבעטער אויך.

— ווי קאנסטו אזוי ריידן? — האט אמארילים אויסגעשריען און האט אים ארומגענומען, — איך וועל עס דיר קיינמאל ניט מוחל זיין . . . ווי אזוי קאנסטו עס גאר ארויסברענגען אויף דיינע ליפן, ווען מיר אלע האבן דיך אזוי שטארק ליב? ! . . .

— אמארילים, מלאך מיינער, — האט זיך ראכאס אפגערופן גוטמו־טיק, — דו האסט מיר איצט דערוויזן, אז א פרוי קאן זיין ניט נאר א בייזע איזבל, נאר אויך א הייליקע יעקאטערינא . . .

— מיין גאט, עפעס בין איך זייער אומרויק, — האט סאלענט גע־זאגט, באנעצנדיק מיטן צונג זיינע פארטריקנטע ליפן, — איך קאן גארניט טאן, אלץ פאלט פון די הענט, קיין זאך קומט ניט ארוים. עס ווייזט אויס, אז שפאניע איז געבוירן פאר קריג; איין צייט פון פרידן איז זי טויט. נו, און מלחמות קומען לעצטנס פאר זייער ווייניק און אפילו שנאפס איז אויך דא זייער ווייניק לעצטנס . . .

דער וועג איז געווען פון ביידע זייטן באזוימט מיט שיינע פיכטע־בוימער.

די באַגילדעטע קלויסטער־טורעמס, וואָס האָבן זיך געזעגט פון דערווייטנס, האָבן געגלאַנצט אין שיין פון זון און ראַכאָס האָט גערעדט וועגן דער שיינקייט פון די אוטרערא מאַנאַסטירן און וועגן דער רויִקייט, וואָס דאָרטן הערשט.

— אייןן פיינע זאַך פאַרמאָגט שפּאַניע, און דאָס איז, וואָס יעדער מענטש — א מאַן אָדער א פרוי — קאַן דאָ געפינען א פּלאַץ, וווהין אוועק צו גיין פון לעבן, — האָט ראַכאָס געזאָגט פאַרטראַכט.

— פאַרוואָס דאַרף מען עפּעס אוועקגיין פון לעבן ? — האָט אמארילים געפרעגט גאַנץ נאַאיוו, — דאָס לעבן איז דאָך אַזוי שיין ? . .

— יאָ, עס ווענדט זיך . . . — האָט סאַלענט געזאָגט מיט א זיפץ.

— נו, אָט זיינען מיר שוין דוכט זיך באַלד איןן לינאַרים ! — האָט זיך אָפּגערופן מאַטעאָ, ווי ער וואָלט זיך אַקאָרשט אויפגעכאַפּט פון שלאָף, — לאָמיר האָפן, אַז דאָ וועלן מיר האָבן פּרנסה.

— דאָס איז אַלץ אין גאָטס הענט, — האָט זיך ראַמאָן אָפּגערופן מיט איבערגעטריבענער פרומקייט.

— אָ, גאָטס האַנט ! אָ, מענטשלעכער גורל ! ווי בלינד דו ביסט . . .
— האָט סאַלענט אויסגעשריען מיט אַנטריסטונג.

— וואָס מיינסטו דאָס ? דו ביסט געוואָרן אַן אפּיקורס, א גאָט־לעסטערער ? — האָט זיך מאַטעאָ געווענדט צו סאַלענטן.

— אָ, לאָז מיך אָפּ, דו, עוג מלך הבשן, — האָט אים סאַלענט געענטפערט, — איך בין שוין פאַרטיק מיט גאָטס האַנט און מיט זיין השגחה.

— אָבער גאָטס השגחה איז ניט פאַרטיק מיט דיר, — האָט זיך ראַמאָן אַריינגעמישט. — דו רעדסט זינדיקע רייד, סאַלענט. דו וועסט זען, ווי אין עטלעכע טעג אַרום וועסטו אַליין חרטה האָבן אויף דיינע רייד.

סאַלענט האָט ניט געענטפערט. ער האָט איצט געטראַכט : — ווי גוט עס וואָלט געווען צו דערהרגענען זיין קעגנער אויף דער בינע, אָדער ערגעץ אַנדערש וו און דאַן אַוועק גיין און באַהאַלטן זיך ערגעץ אין א מאַנאַסטיר.

וואָס מער ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַלץ מער האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז דאָס איינציקע וואָס עס איז געבליבן פאַר אים צו טאָן ביי די איצטיקע אומשטענדן . . .

און טראַכטנדיק אַזוי, האָט ער געשטאַרקט זיין גייסט, זיין נשמה,

בעת זיין גוף איז פון טאָג צו טאָג אויסגעצערט געוואָרן צוקוקנדיק אויף די באַציִונגען צווישן ראַמאָן און אַמאַריליס . . .

כז

זיי זיינען אַריין אין שטאָט לענאַרים. מאַטעאָ האָט געקלאַפּט אין אַ קעסל־פּויק און ראַכאַס האָט געפּאַטשט מיט די הענט און האָט הויך און פייערלעך אַנאָנסירט די קומענדיקע מערקווירדיקע פאָרשטעלונגען פון דער וועלט־באַרימטער און אומפאַרגלייכלעכער טרופּע פון סעניאָר ראַכאַס פון מאַדריד.

אַזוי ווי קיין דערלויבעניש אויף פאָרשטעלונגען האָבן זיי נאָך ניט געהאַט, האָט ראַכאַס אָנגעהויבן אָנבאָטן דעם פאַרזאַמלטן עולם פאַרשיידענע מערקווירדיקע רפואות און מעדיצינען, וואָס ער האָט געבראַכט פון ווייטע לענדער. — ווי למשל, געטריקנטן לעבער פון אַ ווילדן בער, — אַן ערשט־קלאַסיקע רפואה צו טויבקייט; שטיקלעך פאַרטריקנטע פלייש פון אַ שלאַנג, וואָס נעמט אַוועק רומאַטישע ווייטאָקן ווי מיט דער האַנט; אָדער די שפּייעכץ פון אַ געוויסער סאָרט זשאַבע, וואָס העלפט צו אַלע מינים קרענק . . .

די דאָזיקע אַלע מעדיצינען זיינען געווען צוגעגרייט מיט אַ נאַכט פריער, ווען זיי זיינען געווען אין קאַרבאַנאַרעס.

ראַמאָן האָט זיך באַפּוצט מיט אַ באָרד און אַ היטל פון אַ פּאַסטוך און האָט דעקלאַמירט פאַרן עולם אַ ליד פון פויערשן לעבן, וואָס ראַכאַס האָט אָנגעשריבן. ראַכאַס אַליין איז אַוועק צום מעיאָר פון שטאָט בעטן אַ דערלויבעניש צו געבן אַ פאָרשטעלונג׳ וואָס שילדערט קריסטוסעס לעבן און ליידן אויף דער ערד.

ראַכאַס האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש בלויז אויף איין פאָרשטעלונג און זיי האָבן די דאָזיקע פאָרשטעלונג געגעבן אין אַ קרעטשמע, וואָס האָט געהייסן ״דער טורם פון בבל״.

די איינּנאַמע איז געווען ניט אַזוי גרויס, ווי ראַכאַס האָט עס דערוואַרט, ווייל גראָד יענעם אָוונט איז אין לענאַרים געקומען אַ פּרוי, וואָס האָט געשפּילט אויפן פלייט און זי האָט אָפּגעצויגן פון דער פאָרשטעלונג אַ היפּש ביסל עולם.

קיין קונסט אין דער וועלט קאָן ניט קאָנקורירן מיט אַ פּרוי, וואָס שפּילט אויף אַ פלייט . . . און ראַכאַס האָט עס אויפגענומען מיט פילאָזאָפישער רויִקייט.

דער מעיאָר פון שטאָט האָט זיי אָנגעטאָן דעם גרויסן כבוד און האָט

באזוכט די פארשטעלונג, אבער קיין בילעט צו דער פארשטעלונג האט ער ניט געקויפט . . .

פונדעסטוועגן: די איינגאמע, דער שנאפס מיט וועלכן עס האבן זיי מכבד געווען די אייזל־טרייבער, וואס זיינען געווען אין קרעטשמע, און דער זעקל מעל, וואס סאלענט האט געגנבעט און גלייך באהאלטן אין זאטל־זאק, — האבן מער אדער ווייניקער קאמפענסירט זייערע אנשטרענגונגען.

נאך א זאך האט זיי אפגעהאלטן, — עס האט זיך זיי איינגעגעבן צו איינארדנען א פארשטעלונג/אין א משוגעים הויז. און אט ווי אזוי דאס האט פאסירט: צווישן דעם עולם, וואס האט באזוכט די פארשטעלונג אין קרעטשמע, איז געווען איינער, זייער אן אנגעזעענער און פארמעגלעכער אפטייקער; ביי דעם דאזיקן אפטייקער איז געווען א שוואגער, וועלכער איז פלוצלונג אראפ פון זינען און פלעגט א נאקעטער ארומלויפן איבער די גאסן, איבער פעלדער און וועלדער. אזוי לאנג, אזוי ברייט ביז מען האט אים געמוזט פארשפארן אין א משוגעים הויז. דער אפטייקער האט זיך איינגעשמועסט" אז מען קאן פון זיין שוואגער ארויסטרייבן די משוגעת, דעם דיבוק, דעם "ניט גוטן", אויב מען זאל אים געבן א מעגלעכקייט בייצווווינען א פארשטעלונג און זען, ווי יעזוס קריסטוס גייט אליין אראפ אין גיהנום אריין.

— אזוי ווי קיין שום רפואה העלפט אים ניט, — האט דער אפטייקער איינגעטענהט מיט ראכאסן, — און אזוי ווי אלע "ניט גוטע" זיינען פון אונדזער לאנד פארטריבן געווארן דורך אונדזער מוטער קירך, איז מעגלעך, אז איין "ניט גוטער" זאל זיך ארייננכאפן אויף א וועלכן עס איז אופן אין עמיצנס א נשמה; עס איז אויך מעגלעך, אז דער עמיצער איז טאקע זיין שוואגער. דעריבער איז נויטיק צו ווייזן אים עפעס אזוינס, עפעס הייליקס, וואס זאל פאריאגן פון זיין נשמה יעדער שפור פון דעם "ניט גוטן" און אזוי ארום ארויסראטעווען אים פון זיין קרענק.

דער אפטייקער איז געווען זייער א געלערנטער מאן, א געוועזענער סטודענט פון סאלאמאנקער אוניווערסיטעט און א טיכטיקער שטודירער פון פילאזאפישע טראקטאטן.

ראכאס האט אויסגעהערט דעם אפטייקער זייער אויפמערקזאם און האט מסכים געווען מיט אלץ, וואס יענער האט געזאגט. דאס האט שוין ממילא געבראכט צו דעם, אז דער אפטייקער האט גלייך איינגעוויליקט צו באצאלן די פולע סומע, וואס ראכאס האט געוואלט האבן פאר דער פארשטעלונג.

א גאנצע נאכט האט זיך די טרופע געגרייט צו דער פארשטעלונג: ראמאן האט געגרייט די שווערע, פילאזאפישע רעדעס און ראבאס האט געגרייט די לייכטע און קאמישע רעפליקן פארן "ניט גוטן", וועלכן סאלענט האט באדארפט שפילן.

א גאנצע נאכט האבן זיי זייער שווער געהארעוועט: — געשריבן, געמעקט און ווידער געשריבן, געלערנט די ראלן, געמאכט פראבע, ווידער אלץ איבערגעשריבן און ווידער געמאכט פראבע אויפן נייעם טעקסט. אזוי האט עס געדויערט ביז באגינען, ווען זיי זיינען אלע, פארמאטערטע, איינגעשלאפן, חוץ סאלענטן, וועלכער איז געזעסן אויף זיין בעט און האט זיך צוגעקוקט ווי אמארילים אטעמט צעהיצט, ליגנדיק צוגעדריקט צו איר געליבטן . . .

עס האט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער שטייט איינגעבויגן איבער זיי מיט א קינזשאל אין האנט, גרייט אריינצושטעכן דעם קינזשאל אין זיין קעגנערס הארץ . . . ווי אזוינס קאן פאסירן, — האט ער קלאר ניט געוווּסט, אבער ער איז געווען זיכער, אז עס וועט שוין ווי עס איז פאסירן און אז ער וועט אויף דעם אופן פטור ווערן פון דעם אקטיארל, וועט ער זי, אמארילים, שוין ווי עס איז איינברעכן . . . אז איר איז זיין לעבן געווען נישטיק און פוסט און אויב די איצטיקע לאנגע זאל נאך אנהאלטן א לענגערע צייט, וועט זי שוין אויך ניט זיין בכוח צו אפראטעוועון זיין לעבן . . . דורך איר, דורך איר שיינקייט און דורך ריינקייט פון יעדער זינד — האט זיך גאט אליין אנטפלעקט צו אים.

כח

שפעט נאכמיטאג זיינען זיי אנגעקומען קיין ווילטשעז, א דערבייִיק שטעטל פון לענארים, און מען האט זיי גלייך אריינגעלאזן אין משוגעים הויז.

דער אנשטאלט איז געשטאנען אין אן אלטן גרויסן גארטן ווו אמאל איז געווען א מאנאסטיר. די אלייען און די ווענט זיינען געווען באזוימט מיט גראציעזע פיכטע־בוימער און אין דער אנגענעמער רויִקייט פון דעם אלטן־ נאסטיר־פלאץ האבן די קראנקע געשפאצירט מיט באהאלטענער פארביסנקייט.

אין אנשטאלט האבן זיך געפונען א פערציק משוגעים און נאך אמאל אזויפיל האבן זיך ארומגעדרייט אין דרויסן, ווייל עס איז פאר זיי קיין פלאץ ניט געווען. די דאזיקע חברה האט מיט צעשראקענע אויגן אנגעקוקט די אנגעקומענע שוישפילער און זיינען ווידער אנגעגאנגען מיט זייער געוויינטלעכער ארבעט, — ווער עס האט געשפאצירט, ווער עס האט עפעס געמייסטרעוועט און ווער עס איז גלאט אזוי געשטאנען און געקוקט אויפן הימל . . .

אינגיכן האָט זיך געלאָזט הערן א קלאַפּן אין פּויק. מען האָט אַלע קראַנקע אַריינגעפירט אין א זאַל און מען האָט זיי אויסגעזעצט אויף לאַנגע הילצערנע בענק. כדי עס זאָלן ניט פּאַרקומען קיין אומרוען, — האָט מען די קראַנקע גוט באַוואַכט.

דער אַפּטייקער, וועלכער האָט געגעבן גרויסע נדבות פאַר אַנשטאַלט און פאַר אַנדערע וויכטיקע רעליגיעזע אינסטיטוציעס, האָט זיך דאָ געפּילט מעשה באַלעבאָס; ער האָט אַוועקגעזעצט זיין באַליבטן שוואָגער אין דער ערשטער ריי, אַזוי, אַז די מינדסטע קליינינקייט זאָל פאַר אים ניט פאַרלאָרן גיין, אַז ער זאָל טאַקע גוט זען, וואָס עס וועט פּאַרקומען מיטן "ניט גוטן" בעת דער פאַרשטעלונג.

דער קראַנקער איז געזעסן שטיל און טרויעריק. זיין פּנים, אַן א נאָז, איז געוועזן בלאַס, די אויגן זיינע האָט ער ניט אַראָפּגענומען פון די אַקטיאָרן און די הענט האָבן ביי אים געציטערט ווי אין קדחת.

די פאַרשטעלונג האָט זיך, ווי תמיד, אָנגעהויבן מיט א לעקציע. דאָס מאָל איז די טעמע געווען וועגן דעם, ווי אַזוי מענטשן דאַרפן באַקעמפן די טומאה אין זיך. דער רעדנער איז געווען א מיטגליד פון א וווילטעטיקן קריסטלעכן אָרדן, א מעלאַנכאָלישער יונגערמאַן, וועלכער האָט גאַר זיין צייט געווידמעט אויף צו לייענען פאַרטראַגן פאַר שוואַכזיניקע און אידיאָטן, כדי צו מאַכן מיט דעם זייער אומגליקלעכן לעבן אביסל מער דערטרעגלעך און אינטערעסאַנט.

און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער עולם פון אַנשטאַלט איז געווען אַן אָפּגעשטאַנענער און צעדולטער, — איז ער דאָך געווען דער בעסטער עולם, פאַר וועלכן דער טרופּע איז אויסגעקומען צו שפּילן. די פאַרשטעלונג איז גע־גאַנגען ביי אַן אויסערגעוויינטלעכער שטילקייט און האָט זיך געענדיקט מיט א טיפער טרויעריקייט. די קראַנקע האָבן פאַרלאָזן זייערע פּלעצער און האָבן פאַרטגעזעצט זייער שפּאַצירן איבער די פיינע פּיכטע־אַלייען.

קיין איינער פון די משוגעים איז פון דער פאַרשטעלונג ניט אויסגע־היילט געוואָרן, אָבער די אַקטיאָרן האָט מען מכבד געווען מיט א גוטן מאָל־צייט און מען האָט זיי באַצאָלט ביז א גראָשן, ווי מען האָט אָפּגעמאַכט.

— ווער ווייס ? — האָט דער אַפּטייקער געזאָגט, — אפשר וועלן די זוימען, וועלכע איר האָט פאַרזייט מיט אייער פאַרשטעלונג, שפּעטער ברענגען

פרוכט . . . עס איז דאָ איצט אַ סך רפואות, וועלכע ווירקן זייער גוט און זיכער, אָבער זייער לאַנגזאַם.

— עס איז קיין ספק ניט, אַז רעזולטאַטן וועלן קומען . . . — האָט ראַבּאָם מסכים געווען.

— איך האָב ערגעץ געלייענט אין אַ מעדיצינישן בוך, אַז שלאַנגען־גיפט געמישט מיט קוועקזילבער איז זייער אַ גוטע רפואה צו דער פראַנצויזישער קרענק, — האָט זיך סאַלענט אַריינגעמישט.

— איך האָב שוין אַלץ אויסגעפּרוּווט. — האָט זיך דער אַפּטייקער אָפּגערופן. — איך האָב אַפילו יעדער טאָג אַ מעסע אָפּגעריכט אין קירך.

— יאָ, מעסעס איז אַ ווילע זאַך, — האָט סאַלענט באַמערקט, — אָבער זיי העלפן ווייניק. איך האָב געלייענט אַן אויספירלעכע באַשרייבונג וועגן דער קרענק, וואָס איז באַקאַנט אַלס קריסטלעכע, גערמאַנישע, פראַנצויזישע און נעאַפּאָליטאַנישע. געלייענט האָב איך עס אין אַ באַרימט בוך מיטן נאָמען : "טראַקטאַט פון אַלע הייליקע קעגן דער געפערלעכער קרענק, וואָס איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון די שפּאַנישע אינדזלען. דאָס איז די שווידערלעכסטע פון אַלע קראַנקהייטן, וואָס עקזיסטירן אויף דער זינדיקער ערד".

רײדנדיק אַזוי, זיינען זיי פאַמעלעך אַרום פון גאָרטן. עס איז ערשט געווען אַרום דריי אַזייגער און די זון האָט נאָך שטאַרק געברענט. אַרום שטאָט־ראַטהויז האָט זיי דערוואַרט אַ צווייטע אונטערהאַלטונג : — אַרום דעם שטאָטישן עפנטלעכן עקזעקוציע־פּלאַץ האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם בייצוווינען די צערעמאָניע, ווי מען וועט קעפּן צוויי געפערלעכע פאַרברעכער, — איינער פון זיי מיטן נאָמען פּאַטערנאָסטער, וואָס האָט דערמאָרדעט ניט ווייניקער ווי אַ הונדערט מענטשן, מענער און פרויען, און דער אַנדערער, מיטן נאָמען אוועמאַריאַ, האָט אויך געהאַט ניט קיין בעסערן רעקאָרד . . .

דער ריכטער איז געגאַנגען פאָרויס און האָט הויך אויפן קול געלייענט דעם צעטל פון זייערע פאַרברעכנס. נאָך אים זיינען געגאַנגען עטלעכע מענטשן אין טשיקאַווע קליידער און האָבן געקלאַפּט אין פּויקן און דער תליון האָט מיט אַ פלינקער באַוועגונג אָפּגעהאַקט ביידע פאַרברעכער די קעפּ און האָט זיי באַוויזן דעם נערוועזן און בלוטדורשטיקן עולם.

די אַקטיאָרן האָבן דורכגעלעבט אַן אינטערעסאַנטן טאָג, פול מיט טשיקאַווע צופאַלן און איינדרוקן.

ווען זיי האָבן פאַרלאָזן די גאַסטפריינדלעכע שטאָט לענאַרים, איז

שוין געווען נאכט. זיי זיינען אוועק אין דער ריכטונג פון דער אלטער היס־טארישער שטאט טאלעדא.

די בערג האבן אויסגעזען ווי א סטאדע קעמלען, שטייענדיק אויף די קניען, רוענדיק און קוקנדיק אין דער ווייטקייט מיט א מינע, ווי זיי וואלטן פארטיפט געווען אין די גרויסע פראבלעמען פון לעבן און טויט . . .

די שפיצן פון די בערג זיינען געווען בלאס און דורכזיכטיק און דער יונגער לבנה הארן איז געווען אן איבערגעקערטער מיט די שפיצן אראפ און האט געקוקט אויף דער בערגיקער סטאדע.

די צעדער ביימער האבן אנגעהויבן זייער ביינאכטיקן, געהיימניספולן שמועס און די שטערן האבן שעמערירט אויפן פאן פון דעם בלאסן און טיפן הימל.

צארט און מילד האט אויסגעזען יעדער בוים אין דער שטילער נאכט, וואס האט זיך צום אומציילעקסטן מאל אראפגעלאזן אויף אנדאלוזיער ערד, וועלכע איז געווען דורכגעזאפט מיט בלוט, גאל און אומגליק . . .

כט

די רייזע קיין טאלעדא איז בכלל געווען אן אנגענעמע אין אלע הינ־זיכטן, הגם פרנסה איז געווען ווייניק. זיי האבן זיך אפגעשטעלט אין די ביליקסטע אכסניות און האבן זייער זעלטן געגעסן פרישע שפייז, — דאס איז געווען די פריווילעגיע פון קעניג און פון זיינע הויפלייט . . . — אזוי, אז זיי האבן צו קיינעם דערפאר קיין טענות ניט געהאט, אבער אפילו די פרימי־טיוואסטע נויטן איז אפטמאל אויסגעקומען צו באפרידיקן מיט פארשיידענע קונצן, ווארים די איינוווינער פון די קליינע שטעטלעך האבן געהאט אן איינ־געבוירענעם אומצוטרוי צו אקטיארן און אקראבאטן, ווייל זיי פלעגן גאנץ אפט גנבענען קליינע קינדער און מאכן זיי פאר אקראבאטן, אדער אקטיארן . . .

זינט עס איז דאס יאר ארויסגעגעבן געווארן א געזעץ, אז פרויען טארן זיך ניט באטייליקן אין דראמאטישע פארשטעלונגען, איז אמארילים אויפגע־טראטן בלויז אלס טענצערין אויף יארידן און אין זייטיקע איינפאר הייזער, ווו זי פלעגט ציען א גרויסן עולם, אבער ניט קיין געלטיקן . . .

די גאנצע אונטערנעמונג איז געווען מאטעריעל ניט געראטן צוליב דער פשוטער סיבה, וואס אין שפאניע איז קיין געלט ניט געווען . . .

פונדעסטוועגן האבן זיי ניט געהונגערט — ניט ווייל זייערע טאלאנטן האבן צעעפנט די טייסטערסביים עולם און ניט ווייל ראכאסעס שארפזיניקע

מאנאלאגן האבן אריינגעבראכט די צוהערער אין עקסטאז, נאר דערפאר, ווייל מיט זיי איז געווען מעטעא אלבאראן. ער איז פאר זיי געווען פשוט א מתנה פון גאט. אז אים וואלטן זיי קיין איין וואך ניט אויסגעהאלטן.

אט דער פשוטער מענטש און גוטמוטיקער ריז האט זיך ארויסגעוויזן פאר א מערקווירדיקן מענטשן אין אלע הינזיכטן.

עס איז טאקע געווען אמת, אז זיין שפילן אויף דער הארפע איז געווען אויסערגעוויינטלעך, אבער מער ווי איין מאל האט ער ניט געשפילט, ווייל זיין אויסזען בעת ער פלעגט שפילן איז געווען אזא קאמישער, אז דער עולם האט געהאלטן אין איין לאכן היסטעריש, אזוי אז מען האט געמוזט אויסשליסן דעם נומער פון פראגראם. אבער זיין אויסערגעוויינטלעכע קראפט און די אומצייליקע מיטלען מיט וועלכע ער פלעגט זיך באנוצן צו דעמאנסטרירן די ריזיקע קראפט זיינע, האט אים געמאכט פאר דער צענטראלער פיגור פון דער טרופע.

און דאס איז ניט געווען קיין ווילדע קראפט, נאר א ריזן קראפט, וואס זוכט זיך צו אנטפלעקן אויף א סובטילן און ארטיסטישן אופן. און מאטעא איז טאקע געווען אן ארטיסט דורך און דורך. עס איז פאר אים, למשל, געווען א קלייניקייט צו קעמפן מיט בערן אויף די יארידן . . . איינמאל האט ער זיך געוואטן מיט א ציגיינער אין דריי פלעשער וויין אז ער וועט באזיגן א בער. און ער האט טאקע געוויזן, וואס ער קאן : — ער האט אנגעכאפט דעם בער פאר די לאפעס אזוי, אז דער בער האט בלויז געקאנט רעווען און וואיען׳ אבער ניט רירן זיך פון ארט.

עס האט אויך פאסירט אמאל, אז ער האט די גאנצע טרופע ארויסגע־ראטעוועט פון א קאטאסטראפאלער לאגע : ארום מאנזאנארעס זיינען זיי אטא־קירט געווארן פון א באנדע רופיאנער, וואס זיינען געלעגן אין א באהעל־טעניש צוויי טעג. קיין גרויסע אילוזיעס וועגן דער רייכקייט פון די אקטיארן, האבן די באנדיטן ניט געהאט און ניט צוליב רויבעריי האבן זיי דעם אנפאל געמאכט. זייער ציל איז געווען אפצונעמען ביי די אקטיארן אמארילים, וועלכע האט געמאכט אויף זיי א שטארקן איינדרוק.

די באנדע איז געווען גוט באוואפנט און איז געווען אין צאל פיל גרעסער פון דער טרופע, האבן זיי דעריבער ניט געצווייפלט אין דעם דערפאלג פון זייער אונטערנעמונג; זיי האבן בלויז ניט געקאנט דורכקומען צווישן זיך צו וועמען אמארילים זאל געהערן . . .

מאטעאַ האָט די באַנדיטן געוואָרנט און געבעטן זיי זאָלן זיך גיין געזונטערהייט זייער וועג און ניט אַנהויבן זיך מיט דעה טרופּע. די באַנדיטן האָבן זיך צעלאַכט און געפאָדערט מען זאָל זיי גלייך ארויסגעבן אמארילים.

ניט ריידנדיק מער קיין וואָרט, האָט מאטעאַ געכאַפּט צוויי רופיאַנעס און האָט זיי מיט אזאַ קראַפט געקלאַפּט א קאָפּ'אָן א קאָפּ, אַז זיי זיינען מאָמענטאַל געבליבן טויטע. אנדערע צוויי האָט ער צעקאַליעטשעט אזוי, אַז זיי האָבן קיין כח ניט געהאַט צו רירן זיך פון אָרט און די איבעריקע האָבן דערזען, וואָס מיט זייערע חברים טוט זיך, זיינען זיי זיך צעלאָפן ווו די אויגן האָבן געטראָגן.

די צוויי דערהרגעטע האָט מאטעאַ אויף די פּלייצעס אוועקגעטראָגן אין אַרטיקן פּאָליציי צירקל און ראמאַן האָט זיך געעסקט מיט די צוויי פאַרווונדעטע.

אַז די איינוווינער פון שטעטל האָבן זיך דערוווּסט פון דער געשעעניש, האָבן זיי זיך אַלע געלאָזן גיין אָנקוקן דעם ריז, וואָס האָט איינער אליין באַזיגט א גאַנצע באַנדע באַנדיטן און דערביי ניט געליטן קיין איינציקן קלאַפּ . . .

אין שטעטל און אין געגנט האָבן זיך פאַרשפּרייט ווילדע קלאַנגען וועגן מאטעאָס ריזיקער קראַפט און אַן אַרטיקער פּאָעט האָט אפילו לכבוד אים פאַרפאַסט א ליד וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער :

"מאטעאַ דער ריז

"האָט מיט אָקסענער קראַפט" אא"וו.

אויף די מאַרק פּלעצער און יארידן, ווו דער עולם פּלעגט אפּלאָדירן די פאָרשטעלונגען גאַנץ קאַלט, פּלעגט מאטעאַ האַלטן געשפּאַנט הונדערטער מענטשן מיט די קונצן, וואָס ער פלעגט ווייזן, אזוי, אַז איינמאָל האָט עס שוין ארויסגעפירט ראַכאַסן פון געדולד און ער האָט אָנגעשריבן א סאָנעט אין וועלכן ער האָט געזידלט די אידיאָטישע גלייכגילטיקייט פון עולם צו פּאָעזיע און דראמע און די קעלבערנע התפּעלות, וואָס דער זעלבער עולם ווייזט ארויס צו נאַרישער אקראָבאַטיק.

— המון בלייבט המון, — האָט ער זיך ביטער באַקלאָגט פאַר ראמאַנען, — א נאַרישער קונצן מאַכן איז ביי זיי וויכטיקער איידער האָמער און אַריסטאָטל. מיט א צייט צוריק האָב איך געטראָפן די ברידער בוראַטין, די איטאַליענישע קאָמעדיאַנטן און קונצן מאַכער. האָט מען מיר דערציילט, אַז אפילו דער קעניג פּלעגט באַזוכן זייערע פאָרשטעלונגען און פּלעגט זיי ארויסהעלפן מיט געלט אויך. אויך די נאַרישע שטריק־טענצער זיינען געוועזן אונ־

טערן חשד, אז זיי האָבן צו טאָן מיט די "ניט־גוטע" און גאַנץ אָפט פלעגט מען זיי אין די קליינע שטעטלעך אויסטאָן נאַקעט און מען פלעגט זיי אונטער־זוכן זייער געוואַנט, אפילו די פּאָדעשוועס פון די צעריסענע שיך זיינען ניט דורכגעלאָזט געוואָרן, אויסצוגעפינען צי זיינען זיי ניט פאַרבונדן מיטן טיוול. און געווען זיינען זיי דאָך ניט מער ווי נאַרישע אַקראָבאַטן, אומוויסנדיקע איטאַליענער, וואָס האָבן קוים געקאָנט לייענען און שרייבן. אַ, פאַרפלוכטער מאַב ! . .

ראַמאָן האָט געשוויגן. פאַר אים איז מאַטעאָ ווירקלעך געווען אַ ברכה פון גאָט . . . ער האָט אַלעמען באַזאָרגט מיט שפּייז און אפילו די פּאָליציי האָט זיך צוליב אים בעסער באַצויגן צו דער טרופּע.

עס איז באמת שווער געווען ביישטיין דעם נסיון ניט פאַרכאַפּט צו ווערן פון מאַטעאָ, ווען ער פלעגט מיט אַ שנעלער באַוועגונג אַראָפּוואַרפן פון זיך די הוט און אין זיין גאַנצער ריזיקער גרויסקייט דערשיינען פאַרן עולם, אָדער ווען ער פלעגט מיט די מוסקולן פון בויך וואַרפן הויך און צוריקכאַפּן שאַרפע שפּיזן.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין אַלקאַזאַר, האָט מאַטעאָ שוין געהאַט אַ נייעם נומער : — ער פלעגט אַרויפלייגן אויפן ברוסט־קאַסטן אַ גרויסן גראַניט־שטיין און ראַמאָן פלעגט איינלאַדן מענטשן פונם פּובליקום זיי זאָלן אַרויפ־קומען און קלאַפּן איבערן שטיין מיט אַ האַמער וויפל זיי ווילן און ווי אַזוי זיי ווילן — אָן אויפהער.

מאַטעאָ איז ניט געווען אַזוי נאַריש, ווי דאָס האָט אויסגעזען אויבנ־אויף. דער גאַנצער קונץ איז ווערט געווען אַ שמעק טאַבאַק, ווייל ער איז באַשטאַנען בלויז אין דעם וואָס די קראַפט פון די קלעפּ איז געווען פאַרטיילט איבערן גאַנצן קערפּער און ניט בלויז אויפן ברוסטקאַסטן און דעריבער איז קיין שום געפאַר אין דעם ניט געווען.

אָבער ווי עס טרעפט אָפט מיט גרויסע לייט, איז אויך מאַטעאָ אומגע־קומען פון אַ קליינקייט, כמעט פון אַ נאַרישקייט. אין אַ דריי וואָכן אַרום נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך געלאָזן אין וועג, ווען מאַטעאָ האָט געגעבן זיין פאָרשטעלונג מיטן שטיין, איז צו אים צוגעגאַנגען אַ פרעכער און דורכ־געטריבענער באַסק (אַזאַ מין ציגיינער גרופּע, וואָס האָט דאַמאָלסט געלעבט אין שפּאַניע) און האָט מסכים געווען אָנצונעמען אַ געוועט, אָבער בתנאי, אַז

דער שטיין, וועלכן ער וועט דארפן קלאפן מיטן האמער איבער מאטעאס ברוסט, זאל זיין א קלענערער.

— ממה נפשך, — האט דער באסק געטענהט, — אויב איר קאנט פארטראגן קלעפ איבער א גרויסן שטיין, דארפט איר עס קאנען פארטראגן איבער א קליינעם שטיין. אויב ניט איז די גאנצע זאך א שווינדל . . .

אזוי ווי מאטעא איז ניט געווען קיין שווינדלער און אלץ וואס ער האט געטאן איז געווען עכט און ערלעך, האט ער מסכים געווען צו דעם פארשלאג פון באסק. ער האט זיך געוואטן אין צען דוקאטן, האט זיך אוועקגעלייגט מיט א קליינעם, נישטיקן שטיין אויפן ברוסט און האט געהייסן דעם באסק קלאפן מיטן האמער.

דער באסק האט געגעבן אזא קלאפ, אז מאטעא האט פארלארן דאס באוווּסטזיין. אין שרעקלעכע יסורים האט ער זיך אוועקגעזעצט און בלוט האט א זעץ געטאן פון מויל און פון נאז.

די איבעריקע אקטיארן זיינען אנגעגאנגען מיט זייער ארבעט פארלארן און צעטומלט . . .

— מיר דוכט אז איך בין שוין פארטיק . . . — האט מאטעא געריעדט מיט א לייכטן און גוטמוטיקן שמייכל.

— א, מאטעא, מאטעא! פארוואס האסו עס געטאן ? ! — האבן אלע אקטיארן אויסגעשריען אין פארצווייפלונג.

מאטעא איז געווען אזוי שוואך, אז מען האט אים געמוזט גלייך אוועקנעמען אין שפיטאל. דארט האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער האט שוין א לונגען אנצינדונג מיט בלוט שטורצן און דאס איז זייער אנשטעקנדיק. מען האט אים דעריבער געמוזט גלייך אריבערנעמען אין דער אפטיילונג פאר אנשטענדיקע קראנקהייטן, אין וועלכער עס זיינען געווען דריי באזונדערע פאוויליאנען, — פאר לייכט קראנקע, פאר שווער קראנקע און פאר געפערלעכע, אדער האפנונגסלאזע.

די מערסטע טייל פון די חולאים זיינען געווען אנגעשטעקט מיט דער ווענערישער קרענק, וואס אין שפאניע הייסט זי פראנצויזישע, אין פראנקרייך — שפאנישע, אין פוילן — דייטשע און אין טערקיי — קריסטלעכע . . . דער עיפוש אין צימער איז געווען אזוי גרויס, אז די אקטיארן האבן געמוזט ארויסלויפן און פון דרויסן צוקוקן ווי זייער רייז שטארבט אפ און פארשווינדט פון דער וועלט ווי א שאטן.

אמארילים האט אים געשיקט א טרייסט־ווארט, צושאקלענדיק מיט דער האנט. אלע איבעריקע אקטיארן האבן איר נאכגעטאן.

— דאס הארץ זאגט מיר, אז עס וועט זיין שלעכט, — האט סאלענט געזאגט שטיל און אפהענטיק.

— שווייג שטיל! — האט ראמאן א געשריי געטאן אויף אים. שטענדיק קראקעסטו ווי א ראב... קרא־קרא־קרא...

— ער איז ווירקלעך געווען א גרויסע הילף פאר דער טרופע, — האט זיך ראכאס אפגערופן טרויעריק, — עס איז קיין איינער ניטא וואס זאל אים קאנען פארבייטן.

— זאל שוין זיין גענוג צו קלאגן, — האט זיך אמארילים געווענדעט צו די חברים, — מען דארף אליין טאן אלץ, וואס נאר מעגלעך. איך האף, אז מיר וועלן ניט אומקומען אן אים אויך.

זי האט ווידער מיט א האנט באוועגונג געשיקט א באגריסונג צו דעם שטארבנדיקן ריז.

אין דער לעצטער מינוט האט מאטעא א קער געטאן צו די חברים זיין גרויסן מילדן פנים און האט א שמייכל געטאן. זיינע אויגן זיינען געווען פארנעפלט ווי די אויגן פון א שעפעלע, ווען מען פירט זי צו דער שחיטה...

נאך דעם דאזיקן אומגליק איז די סיטואציע פון דער טרופע געווארן פיל ערגער.

ל

א קורצע צייט האבן זיי ווירקלעך באקלאגט דעם פארשטארבענעם מאטעא. זיי האבן אים ליב געהאט און דערצו האבן זיי איצט שטארק דערשפירט דעם פארלוסט פון אזא וויכטיקער קראפט.

די געשעפטן זיינען אוועק שלעכט, פיל ערגער ווי פריער, אבער די געפארן און די אומאנגענעמלעכקייטן וואס, זיי האבן באדארפט איצט דורכמאכן אויף זייער רייזע, האבן אינגאנצן פארטונקלט די טרויעריקע זכרונות וועגן מאטעא און וועגן זיין טויט.

עס איז געווען האלב נאוועמבער און רעגנס האבן געגאסן יעדער טאג. זיי האבן געוואלט ווי עס איז צונויפנעמען עטלעכע גאלדשטיקער, כדי ניט אנקומען אין טאלעדא מיט ליידיקע הענט, אבער זייערע באמיונגען זיינען געווען אומזיסט, עס האט זיך זיי ניט איינגעגעבן צונויפצונעמען כאטש וויפל עס איז געלט.

זייער לאַנגע איז געוואָרן שטאַרק אומזיכער; ראַכאַס האָט אָפּגערופן אַז אַ זייט ראַמאַנעס און האָט אים איינגערוימט אַ סוד, אַז עס איז ניטאָ קיין שום האָפנונג, אַז די לאַגע זאָל פאַרבעסערט ווערן אַן זיין, דאָן־איניגאַס, הילף.

— אפשר איז דיין פאָטערס האַרץ פאַר דער צייט ווייכער געוואָרן ?

— האָט ער אים פּאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן, — ווען מיר וואָלטן קריגן כאָטש אַביסל געלט, בלויז אויף דורכצושטופּן דעם מאָנאַט דעצעמבער, איז גאַנץ מעגלעך, אַז אונדזער לאַגע וואָלט פאַרבעסערט געוואָרן פאַר דער צייט פון די קריסטמעס ימים־טובים.

— מיין טייערער ראַכאַס, — האָט זיך ראַמאָן אָפּגערופן, — איך וואָלט מיט פאַרגעניגן געטאָן אַליץ, וואָס נאָר מעגלעך; דו ווייסט ווי דו ביסט ביי מיר טייער און ווי איך בין צוגעבונדן צו דיר, אָבער ליידער האָב איך גאָרניט . . .

אַ ווײַלע איז ער שטיין געבליבן אַ פאַרלאָרענער, — ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט צען דוקאַטן פאַרנייט ערגעץ אין די הויזן. ער האָט עס באַהאַלטן אויף אַ נויט־פאַל, טאָמער קומט אים אוים ווידער אונטערקויפן אַ וועכטער, ווי דאָס האָט אים שוין אַמאָל פּאַסירט. אין אַזעלכע פאַלן איז געלט זייער נויטיק . . . און טראַכטנדיק אַזוי וועגן די טרויעריקע פּאַסירונגען, האָבן אים די הענט און פיס אָנגעהויבן ציטערן.

— דו פילסט זיך שלעכט ? — האָט ראַכאַס אַ פרעג געטאָן, — דאָס מוז זיין פון דעם עסן . . .

— אָדער פון דעם ניט־עסן . . . — האָט אַמאַריליס באַמערקט.

ראַמאָן האָט אויפגעגעבן דעם געדאַנק וועגן די באַהאַלטענע צען דוקאַטן.

— ניין, — האָט ער געזאָגט פאַרטראַכט, — מיין פאָטער איז זייער אַן איינגעשפּאַרטער מענטש און עס וועט נעמען גאַנץ לאַנג ביז ער וועט ווייכער ווערן.

—דאָס ווייס איך, איניגאָ,—האָט ראַכאַס געזאָגט,—אָבער אַ פאָטערס האַרץ איז דאָך ניט פון שטיין . . . אפשר וואָלסטו איבערגעלאָזן די טרופּע אויף אַ קורצער צייט און וואָלסט צוגעפאָרן צו אים ? . .

— ראַכאַס איז גערעכט, מיין טייערער, — האָט זיך אָפּגערופן אַמאַרילים.

— אַ, ליבסטע, איך קאָן מיין פאָטער זייער גוט, — זיין הארץ ווערט ניט ווייך אזוי גיך. מיר דארפן זען זיך דורכשלאָגן ווי עס איז אליין כאָטש נאָך א פּאָר וואָכן, דאָן וועלן מיר זען, אפשר וועל איך זיך דורכפּארן און ברענגען אביסל געלט.

— נו, גוט, לאָמיר זען, וואָס מיר אליין קאָנען אויפטאָן, — האָט ראַכאַם געזאָגט, — באַלד קומען מיר אָן קיין הוערטאַ און איך וויים דארטן א קליינע אכסניה. איך גלויב, אז א גוטער אָפּרו און א גוטער מאַלצייט וואָלט דיר ניט שאַדן, אמארילים! ווי מיינסטו ? . .

— יאָ, עס וואָלט שוין גאָר ניט שאַדן, — האָט זי געענטפערט, — איך בין דורכגענעצט דורך און דורך פון היינטיקן רעגן.

— אַ, מיין ליבסטע, — האָט זיך אָפּגערופן ראַמאָן, — נאָך א פּאָר וואָכן און דו וועסט פארוואַנדלט ווערן אין א פּרינצעסין . . .

דרויסן האָט זיך אויסגעליטערט. די נאַכט איז געווען קיל, דער הימל איז געווען קלאָר און אויסגעשטערנט, די זילבערנע נאָדל־צווייגן פון די גראָ־ציעזע פיכטע־בוימער האָבן געציטערט אין דערוואַרטונג פון קאַלטן באַגינען.

זיי זיינען פארביינגעגאַנגען א קליין טייכל און ראַכאַם האָט זיך מיט טיפער באַגייסטערונג געווענדט צו ראַמאָנען :

— זע, דאָן־איניגאָ, ווי דאָס וואַסער שטראָמט גראציעז און מילד פון שטיין צו שטיין און העלפט די פארוואָגלטע פישעלעך צו געפינען זייער פארלוירענע היים. ווי פּרעכטיק די נאַטור איז ! די פעלדער ארום ליגן מע־לאַנכאָליש, פארטראַכט; די בערג־שפּיצן זיינען געהילט אין זילבער און בלוי; די פויגלען רוען, נאָר מיר, די וואַגלער, האָבן קיין רו ניט . . .

— אַ, ניין, מיר מוזן גיין וויטער, — האָט ראַמאָן מיט ביטערקייט געזאָגט, — מיר מוזן גיין ביז צום סוף . . . מיר מוזן אָנגיין מיט אונדזער רייזע, ביז . . . ביז מיר וועלן אָנהויבן א צווייטע . . .

אמארילים איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט אים צוגעדריקט צו זיך און שטיל געזאָגט :

— עס דאַרף דאָך אָבער אַמאָל זיין גוט און פריילעך אויך ! נו, איז גענוג ! הויבט אויף די נעזער ! . .

לא

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פעלד, א פּאָר מייל וויט פון טאָלעדאָ. עס איז געווען זייער א וואַרימער טאָג. די לופט איז געווען שטי־

קנדיק און פול מיט אומרו, הגם שניי־ווייסע וואָקנדלער האָבן זארגלאָז גע־שוועבט אויפן פּאָן פון בלויען הימל. זיי האָבן צונויפגעשלעפּט אביסל האָלץ און צעלייגט א פייער.

סאָלענט האָט ארויסגעשלעפּט א פלאַש שנאַפּס און האָט גענומען טרינקען.

— פאַרוואָס טרינקסטו אזוי פיל ? — האָט זיך ראַבאָס געווענדט צו סאָלענטן אויפגעבראַכט.

סאָלענט האָט ניט געענטפערט.

— אויב דו קאָנסט ניט איינהאַלטן קיין שנאַפּס אין מאָגן, טאָ האַלט עס אין א פלאַש ! — האָט ראַבאָס פאַרטנגעזעצט.

— מיין האַרץ איז צעבראָכן, — האָט סאָלענט געענטפערט טרויעריק.

— אויב דו וועסט ווייטער אַנגיין אזוי, וועסטו ברעכן האַלדז־און־נאַקן אויך, — האָט ראַבאָס צוגעגעבן, — איך וועל שוין זארגן וועגן דעם.

— אַ, לאָז מיך אָפּ ! — האָט סאָלענט אויסגעשריען, — איך וועל אומקומען פון פאַרצווייפלונג . . .

— דו וועסט ניט אומקומען ווי א מענטש, ווי אַן אַקטיאָר דאַרף אומקומען — דו וועסט פּגרן ווי אַ הונט, — האָט אַמארילים איבערגעשלאָגן די רייד.

— אויב דו וועסט נאָך אמאָל אויפטרעטן אין דער ראָל פון גאָט און וועסט זיך פאַרפּוצן ווי אַן אַלפּאַנס, וועסטו לאַנג ניט דאַרפן מאַטערן זיך, ווארים איך וועל דיך הרגענען פאַר גאָט־לעסטערונג ! — האָט ראַבאָס צו־געגעבן.

סאָלענט האָט אָנגעהויבן עפּעס זינגען און האָט זיך צעוויינט : — איך בין אַן אומגליקלעכער מענטש ! אַ, פאַרוואָס בין איך אזוי אומגליקלעך און עלנט ? . .

— אין אַן אומגליקלעכער שעה האָב איך דיך איינגעלאַדן צו זיך, — האָט זיך אָפּגערופן ראַבאָס מיט אַן ערנסטן טאָן, — מאַטעאָ איז געשטאָרבן, דו טרינקסט גאַנצע טעג, אזוי אַז די טרופּע באַשטייט איצט פּאַקטיש פון צוויי מענטשן — איניגאָ און איך. צו וואָס טויג אזא טרופּע און וואָס קאָן זי אויפטאָן ? . .

קיין ליבע איז צווישן די צוויי מענטשן ראַבאָס און סאָלענט קיינ־מאָל ניט געווען; ווען זיי פלעגן זיך טרעפן, פלעגט באַלד אויסברעכן א

קריגעריי, א רייסעריי, אבער לעצטנס איז עס ממש געווארן אומדערטרעגלעד.

— איך וועל באלד פטור ווערן פון דעם הינטישן לעבן, — האט סאַלענט געזאָגט, — אזוי שנעל ווי מיר קומען נאָר אָן קיין טאַלעדאָ, קער איך זיך צוריק אום אין מאַנאסטיר.

— מיך אַרט ניט, אז דו וועסט ענדיקן דיינע טעג אפילו אין א ווייבערשן מאַנאַסטיר, אבי איך זאָל דיין פאסקודנעם פנים ניט אנקוקן, —האט ראַכאַס געענטפערט, אנקוקנדיק סאַלענטן מיט ביטערן האַס.

— דאָן פיליפאַ, איר זייט הונגעריק?—האָט אמארילים אויסגעשריען.

— אַ, צוויבערלעכע אמארילים ! — אלץ, וואָס עס קומט פון דיינע הענט איז פאר מיר זיס ווי נעקטאר און אומפארגעסלעך ווי דער טויט ! — האט ראַכאַס אָפּגעדעקלאַמירט גאַלאַנט, מעשה קאַוואַליערא.

— זייער גוט, — האָט אמארילים געענטפערט לאַכנדיק, — איך גיי מיט איניגאַ אין וואלד קלייבן שוועמלעך און דו. סאַלענט, גיי אריבער אין דאָרף און זע אפשר קאַנסטו דאָרט קויפן אָדער אויסבעטלען א שטיקל ברויט און א פאַר ציבעלעס.

— אויב דו וועסט ניט קריגן צו קויפן, אָדער אויסבעטלען, — טאַ גנבע ! — האט ראַמאָן צוגעגעבן.

— גיי און קום ניט צוריק מיט ליידיקע הענט, ווייל איך שטאַרב פון הונגער, — האט ראַכאַס געזאָגט, — איך וועל דערווייל ענדיקן דעם מאָנאָלאָג פאַר א זונטיקדיקער פאַרשטעלונג, מיר וועלן עס באַנוצן אין טאַלעדאָ, — דער דאָרטיקער עולם האט ליב אַזעלכע זאַכן.

— אַ, צרות מיינע, צרות מיינע ! — האט סאַלענט אַ קרעכץ געטאָן, אויפהויבנדיק זיך אָן חשק פון אָרט, — מיינע צרות זיינען פּונקט ווי וויין, — וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער ווערן זיי . . .

און ער איז אַוועק אין דאָרף מיט וואַקלדיקע אומזיכערע טריט.

— וואָס האָט מיט דעם מענטשן פּאַסירט ? — האט ראַמאָן א פרעג געטאָן. — ער ווערט דאָך ערגער מיט יעדער טאָג.

— איין גאָט ווייס, — האָט זיך אָפּגערופן אמארילים, — ער מאַכט קאַליע אַלע אונדזערע פאַרשטעלונגען. און מאַטעאָ איז ניטאָ. אָרימער מאַטעאָ ! די איינציקע זאַך וואָס עס איז געבליבן פון אים, איז די זייד-קעסטל, וואָס ער האט געמאַכט פאַר מיר.

— מיר דוכט, אז ער איז פארליבט אין אמארילים, — האט ראכאם באמערקט.

— א, מאך זיך ניט נאריש, — האט זיך אמארילים אפגערופן און איז כמעט ווי ברוגז געווארן, — ער איז אן אומגליקלעכער מענטש, און ער וויל פארגעסן זיין ביטערע לאגע.

— שנעלער, אמארילים, שנעלער ! — האט ראמאן א געשריי געטאן.

— זיי זיינען פאמעלעך אוועק מיטן סאמעט־ווייכן, גראזיקן ברעג פון וועג, וועלכער האט זיך ווי א שטיינגע אויסגעשפרייט צווישן גרינע פעלדער און לאנקעס און בערגלעך. דא און דארט האט א צעדער־בוים שטאלץ געהויבן דעם געקרייזלטן קאפ. דא און דארט האט א קאקטוס געשפרייט אין פארשיי־דענע ריכטונגען זיינע שפיציקע פינגער.

ראמאן האט א ווארף געטאן זיין היטל אויפן גראז און זיי האבן זיך אנידערגעזעצט.

— דא איז דיין פלאץ, אמארילים, — האט ראמאן געזאגט, — דו ביסט מער ווי אלע פרויען, וואס איך האב וועלן עס איז באגעגנט, ענלעך צו א נימפע.

— עס קומט אבער אז דער ווינטער און די נימפע קאן דערפרוירן ווערן, — האט זי זיך אפגערופן מיט א ווינענדיקער שטימע, — ראמאן, גע־ליבטער מיינער, זאג מיר, ווען וועט זיך שוין ענדיקן אונדזער רייזע ?

ער האט זי ארומגענומען מיט אויסערגעוויינטלעכער צערטלעכקייט, ווי א מוטער נעמט ארום איר קינד, וואס האט נאר־וואס פארלארן דעם פאטער און איז געבליבן א יתום . . . ער האט געהאט א גוואלדיקן פארלאנג צו עפענען פאר איר דאס הארץ און דערציילן איר אלץ, אלץ... עס האט זיך אים געוואלט עס טאן גראד איצט מער ווי אלע מאל, ווייל ער איז געווען גערירט פון איר צוטרוילעכקייט און פון א מאדנער מיסטעריעזער שטימונג, וואס האט אים ארומגעכאפט. א שטימונג וועלכע ער וואלט ניט געקאנט דערקלערן אפילו פאר אמארילים, אלנפאלס ניט אין איצטיקן מאמענט.

— מיין ליבסטע און איינציקע ! — האט ער געזאגט, — באלד וועט זיין א סוף צו אונדזער רייזע. מיר וועלן זיך אפשר לאזן קיין בארצעלאנא און פון דארט מיט א שיף קיין איטאליע, אדער פראנקרייך. אלע אקטיארן פארן קיין איטאליע דורך בארצעלאנא און איך גלויב, אז זיי האבן דארט אנ־געהויבן בויען א גוטן טעאטער.

— און וואס איז עפעס וועגן דיינע עלטערן ?

— אַ, זיכער וועל איך זיך פריער דארפן זען מיט זיי, — האט ער שנעל געענטפערט, — דאס איז זעלבסטפארשטענדלעך, איך מוז זיך זען מיטן פאטער.

— דו מיינסט, אז ער וועט מסכים זיין צו האבן מיך פאר א שנור ? — האט זי שטיל א פרעג געטאן.

— ער וועט מוזן, — האט ראמאן געזאגט, — דו געדענקסט דעם טשי־קאוון מאלער, וואס האט דיר אנגעבאטן פופציק דוקאטן דו זאלסט גיין מיט אים קיין טאלעדא בלויז צו מאלן דיינע הענט ? ער איז געווען גערעכט, דער מאלער על גרעקא, — עס איז ניטא קיין איין מענטש אויף דער וועלט, וואס זאל ניט באהערשט ווערן פון דעם צויבער פון דיינע אויגן . . .

— איז עס טאקע באמת אזוי, ווי דו זאגסט ? — האט זי שעלמיש א פרעג געטאן.

— יא, אזוי איז עס, מיין ליבע, — האט ער געענטפערט ערנסט.

א סטאדע ציגן איז פארבייגעגאנגען מיטן וועג. די צוויי פאסטוכער — קליינע ייגגלעך מיט שווארצע אויגן, האבן געזונגען א פאלקס ליד מיט פארשיידענע ווארייאציעס. דאס ליד מיט די ווארייאציעס, דאס קלינגען פון די טויבע גלעקלעך אויף די העלדזער פון די ציגן און דאס קלאפן פון זייערע קאפיטעס האט זיך צוזאמענגעגאסן אין איין מעכטיקן געזאנג פון דער נאטור. א סך מענטשן וואלטן עס זיכער געפונען אינטערעסאנטער איידער די קאפעליע פון דעם ארציבישאף פון טאלעדא . . .

זיי האבן זיך ניט געאיילט צו גיין אין ווי ואלד קלייבן שוועמלעך. א לייכטער ווינטל האט צעבלאזן אמאריליסעס האר און ראמאן האט זי ארומגע־נומען און געקושט אירע אויגן.

— דו דארפסט זיצן אויף א גאלדענעם טראן, דארט איז דיין ארט ! — האט ער געשעפטשעט איבער איר, — אבער עס מאכט ניט אוים, איז מיין הארצן זיצסטו סיי ווי סיי אויף א טראן . . .

— דאס איז פונקט אזוי גוט און אפשר נאך בעסער, — האט זי געענטפערט אויף זיין הונדערט און ערשטע ליבע דערקלערונג, — דו ליבסט מיך און איך האב דיך ליב, מיר זיינען ביידע יונג, מיר האבן רייכע פאנטא־זיעס און די גאנצע וועלט באלאנגט צו אונדז . . .

— יא, די גאנצע וועלט באלאנגט צו אונדז ! — האט ער מסכים געווען.

זיי זיינען געלעגן אויפן גראָז, די אויגן צום הימל געווענדט און האָבן צוגעקוקט ווי לייכטע וואָלקנדלעך טראָגן זיך שנעל אין דער לופט.

—עד, ווען איך וואָלט עס קאָנען איינשפּאַנען א וואָלקן, ארויפכאַפּן זיך אויף אים ריטנדיק און אוועקטראָגן זיך קיין פראַנקרייך, אָדער איטאַליע, אַנזען אביסל די גרויסע וועלט! אַ, איך וואָלט שוין אומגעדולדיק . . .

— איך אויך! — האָט אמארילים אויסגעשריען מיט טרערן אין די אויגן.

ער האָט זיך שנעל אוועקגעזעצט און ארומגענומען די קני פאַרטראַכ־טערהייד.

א ווײַלע זיינען זיי געזעסן שטיל און דאַן האָט ראַמאַן מיט אַנטשלאָ־סנקייט געזאָגט:

— דאָס איז באַשלאָסן! איך קאָן שוין מער ניט לעבן אין אַן אָט־מאָספערע פון אומזיכערקייט. א פּאָר טעג נאָכדעם ווי מיר קומען קיין טאָלע־דאָ, . הכלל — מיר וועלן זען ווי די געשעפטן וועלן דאָרט זיין . . .

— און וואָס וועט זיין דאַן?

— דאַן וועל איך אוועקוואַרפן די טרופּע און וועל זיך אַזוי שנעל ווי נאָר מעגלעך לאָזן קיין באַדאַכאָז צום פאָטער בעטן ער זאָל מיר מוחל זיין. ער וועט אונדז אויפנעמען מיט ליבשאַפט און וועט דיך אָפּשיטן מיט מתנות. דו וועסט לעבן ווי א פּרינצעסין און . . . וועסט פאַרנעמען דעם געהעריקן פּלאַץ, וואָס דיר קומט פאַר דיין שיינקייט, פאַר דיין גראַציע און אינטעליגענץ.

אמארילים האָט זיך צעלאַכט:

— דיין פאָטער וועט דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין, וואָס דו האָסט חתונה געהאַט מיט א פּראָסטער דינסט־מיידל פון אומבאַוווּסטער אָפּשטאַמונג, אָן דעם מינדסטן יחוס, — האָט זי געזאָגט.

— פאַר מיר איז דיין אָפּשטאַמונג, דיין יחוס גוט גענוג, — האָט ראַמאַן ווייך באַמערקט.

— דיין פאָטער וועט קוקן אויף אַזעלכע זאַכן מיט אַנדערע אויגן, ער האָט אויף דעם א גאַנץ אַנדערן בליק, — האָט אמארילים ווידערהאָלט.

— דיין שיינקייט איז דיין יחוס און דער בעסטער עדות וועגן דיין אָפּשטאַמונג. האָט דען דער קעניג אַלפאָנס ניט אויפגעגעבן זיין ענגלישע פרוי און האָט זיך שטערבלעך פאַרליבט אין א יידיש מיידל, מיט וועלכער ער האָט געלעבט זיבן יאָר, ביז זיינע הויפליט האָבן זי געהרגעט?

— וואס אז דאס פאר׳ א פארגלייך ! . . ער איז דאך געווען א קעניג . . . אזעלכע לייט האבן זיך זייערע קאפריזן און פירן זיי אויס . . .

— ליבע וויים ניט פון קיין רעליגיע, פון קיין ראסע און פון קיינע גרעניצן, — האט ער געזאגט, — א קעניג, אדער ניט קיין קעניג, — ליבע איז העכער פון אלץ.

— אפשר׳ ביסטו גערעכט . . .

— דיין שיינקייט איז די בעסטע גאראנטיע פאר דיין אפשטאמונג, — האט ער ווידער געזאגט, — און דיין גוט הארץ — איז דיין ריטער־פאנצער. אויב מיין פאטער וועט ניט וועלן אנערקענען דיך, וועל איך ניט אנערקענען דעם פאטער׳ ! . .

ער האט שארף אקצענטירט די ווערטער וואס זיינען אים געשטאנען אין האלדז . . .

— ראמאן ! — האט זי אויסגעשריען.

— פארזיכטיק, מיין ליבסטע, — האט ער איר שטיל א זאג געטאן. פארגעס ניט מיין נאמען, ווייל . . . בוימער האבן אויך אויערן . . . דו ביסט פאר מיר אלץ אין דער וועלט. אז דיר איז מיין לעבן פוסט און וויסט. ווער דיינע עלטערן זאלן ניט זיין, איינס איז מיר אבער קלאר, אז געשאפן האבן זיי דיך אין א געטלעכער שעה. אנדערש קאן איך ניט דערקלערן די טיפקייט פון דיינע אויגן, דעם צויבער פון דיין שמייכל און דיין שיינקייט בכלל. גאט אליין דארף קוקן אויף דיר און זיך פרייען, אמארילים ! א מ א ר י ל י ם . . . דאס קלינגט דאך ווי עס קלינגען די דינסטע טענער פון א הארפע . . .

זי האט זיך צוגעזעצט נעענטער צו אים, געגומען זיין קאפ און ארייגעקוקט אים אין די אויגן. ער האט געטאן דאס זעלבע און די שיינענדיקע בלויקייט פון אירע אויגן האט זיך צעגאסן אין זיין הארצן מיט אינטימער פרייד. ער האט זי צוגעצויגן נאך נעענטער צו זיך. זי האט פארמאכט די אויגן אין עראטישן עקסטאז . . .

זיי זיינען ביידע אין שטילער רו ווי פארגליווערט געבליבן איינער ביים אנדערן אין די ארעמס . . .

לב

דער וועלדל איז פול געווען מיט שוואמען און אמארילים מיט ראמאנען האבן געבראכט אהיים פולע קערב.

ראכאס איז געווען זייער הונגעריק, נאר אזוי ווי ער האט קיינמאל ניט

געמאכט קיין וועזן פון עסן, איז ער געזעסן און געארבעט איבער זיין נייעם מאנאלאג פאר דער זונטיק פארשטעלונג און האט געדולדיק געווארט אויף זיינע קאלעגן.

אמארילים האט געפונען אין זאטל־זאק א ציבעלע און א שטיקל קנאבל און האט זיך גענומען קאכן די שוועמלעך. באלד האט זיך איבערן פלאץ צעטראגן אן אויפרעגנדיקער אפעטיטלעכער ריח.

סאלענט איז צוריקגעקומען פון דארף א שיכורער, קוים, וואס ער איז געשטאנען אויף די פיס, אבער ער האט געבראכט א לעבל ברויט און א קרוג ווייך.

די שוועמלעך זיינען געווען זייער געשמאק און חברה האט געהאט א קעניגלעכן מאלצייט. ראכאם איז אזוי געווען צופרידן פון דעם מאלצייט, אז גלייך נאכן עסן האט ער פארגעלעזן פאר די אקטיארן זיין נייעם מאנאלאג און יענע האבן אים שטארק אפלאדירט.

די לאנגע זייערע איז טאקע געווען אן אומזיכערע, אבער דער גוטער מאלצייט האט זיי אביסל געקרעפטיקט און זיי האבן זיך געפילט בעסער.

זיי האבן זיך ווייטער געלאזן אין וועג און אינגיכן זיינען זיי אנגעקומען אין א קרעטשמע; דארט האבן זיי געטראפן א גרופע ארטיסטיש־געשטימטע אייזל־טרייבער, וועלכע האבן ביי זיי באשטעלט א ספעציעלע פריוואטע פארשטעלונג פאר זיי אליין, וויליק צו באצאלן דערפאר צוואנציק קופער־שטיקער און א גוטן מאלצייט פאר דער גאנצער טרופע. דער דאזיקער צופאל איז פשוט געווען א גליק פאר זיי און עס האט אויסגעזען ווי א גוטער אנזאג פאר טאלעדאער געשעפטן.

אויסגעלאזן האט זיך אבער גאנץ אנדערש: אין א פארשטאט פון טאלעדא האט מען זיי געגעבן ניט גאר קיין פיינעם קבלת פנים . . . סאלענט האט זיך אנגעשיכורט און איז ניט געקומען צו דער פארשטעלונג, אין וועלכער ער האט געשפילט די ראל פון איינעם, מיט וועמען עס פאסירט א נס. ווען מען האט אויפגעצויגן דעם פארהאנג איז אויף דער בינע קיינער ניט געווען . . . דער עולם האט זיך א לאז געטאן צו די אקטיארן, אבער ראכאם מיט די אנדערע האבן באוויזן צו ארויסראטעווען זיך באצייטנס פון דעם כיבוד, וואס עס האט זיי דערווארט . . .

א פאר מייל ווייטער האבן זיי דעריאגט סאלענטן. ער איז געווען

האלב נאקעט, ווייל ער האט פארשיכורט במעט א העלפט פון זיינע קליידער. מיט גרוים אויפרעגונג זיינען זיי אים באפאלן.

— וואס האט מיט דיר פאסירט ? ! — האט זיך ראמאן צעשריען, — אין יענער אומגליקלעכער שעה, ווען מיר האבן דיך אין באבאדילא ארייננגענומען אין טרופע, ביסטו דאך געווען יכטער און האסט אויסגעזען ווי א מענטש ! . .

— א, מיין לעבן, מיין פינצטער לעבן, וואס איז פארשוווּנדן ווי א חלום אין זינד און ווידערשפעניקונג קעגן גאט אונדזער פאטער ! . .

— דיין שיכורן וועט דיך קיינמאל ניט ברענגען צו א שלום מיט גאט. — האט אמארילים געזאגט מיט פאראכטונג, — מיר ווערן פון טאג צו טאג אלץ ארימער און אינגיכן וועלן מיר דארפן פארקויפן די העמדער פון אונדזערע לייבער.

— מיר וועלן דיך איבערלאזן דא און פטור. טו, וואס דו ווילסט. זאל שוין זיין א סוף צו דעם, — האט ראמאן געזאגט צו סאלענטן.

— א, פארפלוכט זאל זיין די פרוי ! די אומטרייע, די פארפירעריז, דער קוואל פון קרינעריי און אומגליק, דער גיהנום נאך וועלכן אלע יאגן זיך, דער גליק וועלכער ברענגט מיט זיך קיין זאך ניט אויסער טרערן און פיין ! — האט זיך סאלענט צעשריען.

— דו ביסט פון זינען אראפ ! — האט אים אמארילים באמערקט.

— א, מענטשן פון בלוט און פלייש ! — האט זיך ראכאס ארייננגעמישט אין געשפרעך, — ווו איז דער מאן וואס איז פון בלוט און פלייש באשאפן און איז געבענטשט פון גאט צו קאנען לעבן אן א פרוי, וואס איז אויך פון בלוט און פלייש באשאפן ! ? . . .

— אזעלכע מענער זיינען ניט פאראן, — האט סאלענט דערויף געענטפערט.

— זאל שוין זיין גענוג, — האט זיך אפגערופן אמארילים, — איר האט זיך ביידע צעשריען ווי די אייזלען. איר האט פארגעסן, אז די הייליקע מאדאנע איז אויך געווען א פרוי, און קאטערינע אויך און צעציליע אויך. און אפילו דער זינדיקער מאגדאלענא האט גאט פארגעבן אירע זינד.

— נו, חברה, מען דארף זיך צואיילן, — האט זיך אפגערופן ראמאן אומגעדולדיק, — עס הויבט אן שנייען.

„איז שניי צי איז רעגן, איז רעגן און שניי, —
„דו אָרימער שפּילער, דו גיי נאָר און גיי
„און שלעפּ זיך דיין פּעקל דורך נעכט און דורך טעג,
„ווייל דאָס איז דיין גורל, ווייל דאָס איז דיין וועג"...

האָט ראַכאָס אויסגעדעקלאַמירט, — און אפשר ביסטו גערעכט, אַמאַרילים, הגם איך האָב זיך אויך אַ סך אַנגעליטן צוליב אַ פּרוי... נײַן איך קאָן ניט ריידן, מײַנע אויגן פאַרלויפן מיט זודיקע טרערן און עס פאַרקלעמט מיר מײַן האַרץ... און מיט אַ ברעג פון זיין מאַנטל האָט ער אָפּגעווישט זײַנע אויגן און פּאָר איינוועגס אויך דעם נאָז...

— יאָ, האָט זיך אָפּגערופן ראַמאָז, — אַז אַמאַרילים וואָלט מײַן לעבן געוועזן קאַלט ווי דער טויט. אָבער איצט דאַרף מען לעבן און שפּרײַזן ווײַטער און ווייטער.

— מיר קומען באַלד אָן קיין טאָלעדאָ! — האָט סאַלענט געזאָגט, — קומט, קומט און... טראַכט מער וועגן גאָט און ווייניקער וועגן פרויען...

לג

אין טאָלעדאָ געפינט זיך נאָך דער שטיין, אויף וועלכן די הייליקע מאַדאָנע מאַריע האָט אוועקגעשטעלט איר געטלעכע פוס, ווען זי האָט אַראָפּ־געניידערט פון הימל, כדי איבערגעבן איר הייליקן מאַנטל דעם אַרציבישאָף פון דער דאָזיקער הייליקער שטאָט.

דער מאַנטל געפינט זיך נאָך עד היום אין דער גרויסער קאַטעדראַלע פון דער שטאָט אַוויעדאָ, וווּהין עס קומען זיך צונויף מענטשן פון גאַנץ שפּאַניע, פּילגרימען, צו אָנקוקן דעם הייליקן בגד און פאַר איינוועגס אַרײַנוואַרפן עטלעכע מטבעות אין דער צדקה־פּושקע פון קירך.

בכלל איז טאָלעדאָ געוועזן דער צענטער, די הויפּט־שטאָט פון דער קאַטוילישער רעליגיע. דאָ האָבן זיך געפונען אַ סוף מאָנאַסטירן, קירכעס, הייליקע ברודערשאַפטן, אָרדנס און אַנדערע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס. די שטאָט און די געגנט איז געווען פול מיט אַרציבישאָפן, קאַרדינאַלן, גלחים, אינקוויזיטאָרס, מאָנאַכן, נאָנעס, וואָס האָבן אָנגעפילט די אומצייליקע פּאַ־לאַצן אַרום.

און איבער די אַלע פּאַלאַצן האָט זיך דער קעניגלעכער פּאַלאַץ אַרויס־געצויגן אין זיין גאַנצער גלאַנץ מיט די פאַרשיידענע טורעמס און טורעמלעך, מיט וועלכע ער איז געווען באַפּוצט. דער דאָזיקער קעניגלעכער שלאָס איז

געוועזן ריזיק גרויס און אלטע לייט האבן דערציילט, אז ער האט עקזיסטירט נאך איידער די מאוריטאנישע מאכט האט באהערשט שפאניע.

די ראכאס טרופע איז אנגעקומען קיין טאלעדא און אנהויב דעצעמבער און האט באשטימט צו בלייבן דא ביז איבער די קריסטמעס פייערונגען, ווייל די דאזיקע ימים־טובים פלעגן דא געפייערט ווערן גראנדיעז, מיט גרויס פאמפע.

ראמאן און אמארילים האבן זיך אפגעשטעלט אין א קליין שטיבל ביי א פרוי, אן אלמנה, — איר מאן איז געהרגעט געווארן אין פלאנדערס. איצט איז די אלמנה געווען פארנומען גאנצע טעג מיט זוכן פרנסה, צו קאנען באצאלן פאר די תפילות, וואס זי פלעגט אפריכטן אין די קירכעס, כדי דעם מאן אירן זאל לייכטער זיין צו לעבן אויף יענער וועלט . . . זי איז געווען אן עלטערע הארעפאשנע פרוי, וואס האט זייער ווייניק געטראכט וועגן זיך אליין; זי האט פארמאגט איר איינגעם פיר קינדער, וועלכע זיינען געווען צו יונג פאר ארבעט און צו אלט, אז מען זאל זיי קאנען איבערלאזן ערגעץ אויף די טרעפ פון א מאנאסטיר . . .

עס איז געווען א צופאל, אדער אפשר איז עס אזוי באשערט געווען, אבער שוין דעם ערשטן טאג נאך זייער אנקומען קיין טאלעדא איז ראמאנען און אמארילים אויסגעקומען בייצוּוווינען א גראנדיעזע אויטא־דא־פע, וואס איז געגעבן געווארן לכבוד א פראנצויזישן פרינץ, וואס האט באזוכט טאלעדא.

דער מארק־פלאץ, וווּ די צערעמאניע איז פארגעקומען איז געווען אנגעפראפט מיט מענטשן און אלע פענצטער און טירן זיינען געווען דעקארירט מיט בלומען און מיט קאלירטע שטאפן.

דער פרינץ מיט זיין סוויטע איז געשטאנען ביי א פענצטער מיטן פנים צו דעם עקזעקוציע פלאץ, און א פענצטער איז געווען אויסגעקליבן אזא, אז קיין איין קלייניקייט פון דער הייליקער צערעמאניע זאל ניט פארלארן גיין פארן אויג פון דעם פרינצלעכן גאסט.

זעקס ענגלישע יעזואיטן, וועלכע זיינען אנגעקומען מיט א ספעציעלער מיסיע צום ארציבישאף, האט מען אוועקגעשטעלט ביי א פענצטער הארט לעבן דעם פרינץ, כדי זיי זאלן קאנען גוט צוקוקן צו דער אויטא־דא־פע צערעמאניע מיט אלע איינצלהייטן און זאלן קאנען, קומענדיק אהיים צו זיך, דערציילן וועגן דער גרויסקייט און דעם טריומף פון דער קאטוילישער קירך אין שפאניע.

אלע באלקאנען ארום דעם פלאץ זיינען געווען געפאקט מיט גאלאנטע קאוואליערן און זייערע מעטרעסעס. און אפילו פון אן עפנטלעך הייזל, וואס האט זיך געפונען ניט ווייט, האבן די מיידלעך ארויסגעשטעלט זייערע פאר־פוצטע קעפ דורך די פענצטער און האבן טאקע דרך אגב באלד געפונען קלי־ענטן פאר זיך אויך . . .

די פארמשפטע האט מען אויסגעשטעלט אין א ריי, אזוי אז דער גנע־דיקער פרינץ זאל מיט איין בליק זיך קאנען אנשטויסן, ווער פון דער גרופע איז דער גרעסטער פארברעכער.

דער סעקרעטאר פון דער צערעמאניע האט פארגעלייענט דעם צעטל פון די פארברעכנס, וואס די פאראורטיילטע זיינען באגאנגען און דער תליון האט זיך גענומען צום צוטיילן יעדערן פון זיי "גערעכטיקייט". . .

צוערשט האט ער געטאן דאס רעכט צו איינעם א פארברעכער, וואס איז אנטלאפן פון בארצעלאנא. און אזוי ווי דער אנטלאפענער איז געווען א קאטאלאניער, האט מען אים באדארפט באשטראפן אויף דעם אופן ווי מען באשטראפט אין קאטאלאניע, — דאס הייסט, מען האט באדארפט אים אפ־האקן דעם קאפ, צעשניידנדיק פריער די האלדז אין עטלעכע שטיקער. דער תליון האט עס דורכגעפירט זייער געשיקט און דער עולם איז געווען זייער צופרידן.

נאכדעם איז געגאנגען א ריי אנדערע, קלענערע פארברעכער, וואס זיינען פארמשפט געווארן צו פארשיידענע שטראפן: שמייסן, קאטארגע, אפ־האקן א גליד פון קערפער, תשובה טאן און אנדערע מינים שטראפן.

אויף דער שטראף־פלאטפארם איז ארויפגעגאנגען א יונג מיידל. דער ריכטער האט זי א פרעג געטאן אויב זי האט זיך מודה געווען אין אירע זינד. זי האט געענטפערט הויך, אויפן קול, אז — ניין.

דער פרינץ איז געווען אנטציקט פון דעם מיידלס שיינקייט און יונגט און ער האט זיך פאראינטערעסירט מיטן פארברעכן, וואס זי איז באגאנגען. מען האט אים דערקלערט, אז זי איז א געפערלעכע אפיקורסטע, א מאראנען־מיידל, וועלכע היט אפ אין געהיים די יידישע רעליגיע, לאכט אפ פון קאטוי־לישן גלויבן, און מאכט חוזק פון די הייליקע קריסטלעכע רעליקוויעס און פון די אינקוויזיטארס . . .

פאר דעם שרעקלעכן פארברעכן און אויך דערפאר, וואס זי האט זיך

ניט געוואָלט מודה זיין אין איר פאַרברעכן, איז זי פאַרמשפּט געוואָרן צום פאַרברענען אויפן שייטער־הויפן לעבעדיקערהייד.

א געריכטער פון איר שיינקייט, האָט דער פּרינץ געבעטן מען זאָל באַפרייען דאָס מיידל פון די מאַטערנישן פאַרברענט צו ווערן לעבעדיקערהייד. די הייליקע אינקוויזיציע האָט זיך, נאַטירלעך, געבויגן פאַרן ווילן פון דעם פּרינץ.

דער ריכטער האָט איבערגעלייענט א לאַנגן צעטל פון אירע פאַר־ברעכנס: אפּיקורסעס, גאָטלעסטערונג, שפּאָס איבער דער קאַטוילישער רע־ליגיע, געשפּייט אויפן בילד פון דער הייליקער מאַדאָנע, ווידערשפּעניקייט קעגן די הייליקע אויטאָריטעטן, ליב פאַר דעם גלויבן פון משה און פאַרן גלויבן פון אַנדערע סעקטעס, — א צעטל פון ניין און צוואַנציק פאַרברעכנס.

דאָס מיידל האָט זיך צוגעהערט רויִק און מיט שטאָלץ. בלויז אירע נאָז־לעפּלעך האָבן געציטערט און איר פּנים איז געווען בלאָס.

דער תּליון האָט אַרויפגעוואָרפן אויף איר א שטריק צו דערשטיקן זי פריער, איידער מען וועט זי וואַרפן אין פייער — א רעזולטאַט פון דעם פּרינצס בקשה — און דאַן, האָט ער זי, אין אויסגעפּוצטע אין א רויט קליידּ, וואָס איז געווען באַמאָלט מיט די שבעה מדורי גיהנום, אַרויפגעצויגן אויף א הויכער פּלאַטפאָרמע, וווּ עס האָט געברענט דער שייטער הויפן.

נאָך דער אויטאָ־דאַ־פע צערעמאָניע וואָס האָט זיך געענדיקט אַרום פינף אַזייגער, איז די גאַנצע שטאָט געווען אילומינירט מיט פאַרשיידענע פייערן לכּבוד דעם פּרינץ און מען האָט געטיילט נדבות צו דער אָרימער באַ־פעלקערונג.

אויפן הויף פון דעם אַרציבישאָפס פּאַלאַץ איז געגרייט געוואָרן א מאָלצייט פאַר די הויף־נאַראָנים און קלאָונעס, וואָס זיין מאַיעסטעט האָט צוגעשיקט אַהער לכּבוד דעם יום־טוב. סערווירט האָט מען פאַר די הויף־נאַראָנים פאַרשיידענע מינים פליישן פון קעץ, מייז, פוקסן און שלאַנגען . . . אָבער עס איז געווען אַזוי צוגעגרייט, אַז די נאַראָנים האָבן געמיינט, אַז זיי עסן די דעליקאַטסטע שפּייזן. דעם אמת האָבן זיי זיך דערוווּסט ערשט נאָכן עסן, ווען דער פּרינץ אַליין האָט עס אַנאָנסירט און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן א געלעכטער, וואָס איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען די קאַרליקעס און קלאָונעס האָבן אָנגעהויבן מאַכן קונצן, אימיטירנדיק בויך ווייטאָג . . .

לד

אין אָוונט, נאָך א לאַנגן שפּאַציר איבער די גאַסן, כּדי צו באַקאַנען זיך גענויער מיט דער שטאָט, האָבן זיך ראַמאָן און אמאַרילים צוריקגעקערט אהיים צו דער אַלמנהס הויז, וואָס איז געשטאַנען לעבן א בריק.

די בערג־שפּיצן אַרום שטאָט זיינען געווען באַדעקט מיט א דיקער שיכט שניי. דרויסן איז געווען פינצטער און קאַלט. די קינדער האָבן זיך געשפּילט מיט די הינט אין הויז און האָבן געהאָלפן צוגרייטן דעם איינציקן מאָלצייט, וואָס זיי פּלעגן עסן יעדער טאָג. דער עלטערער יינגל, כּאַזע, א צען יאָריק, איז אַוועק צו דער ביינאַכטיקער מעסע; נאָך דער מעסע האָט ער באַדאַרפט נעמען זיין לעקציע אין לייענען ביי א מאַנאַך, וואָס האָט גע־וווינט אין דעם סאַנט קאַטאַלינאַ דיסטריקט.

אמאַרילים האָט געהאָלפן וואַשן די קינדער און ריייניקן די צימערן. אינגיכן איז כּאַזע געקומען אהיים, האָט זיך באַלד גענומען שיילן קאַרטאָפל און חזרן שטילערהייד די לעקציע, וואָס ער האָט היינט געהאַט מיטן מאַנאַך. ווען ער האָט געענדיקט שיילן די קאַרטאָפל איז ער אַרויס דרויסן אַנצוהאַ־דעווען מיטן שאָלעכץ דעם באָק, וועלכער איז זיי געווען איבערגעגעבן ווי א קינד. און האָדעווענדיק אַזוי פון האַנט דעם באָק, האָט דער קליינע רכאַזע גע־טראַכט: קריסטוס האָט דאָך אַזוי ליב געהאַט אָרימע, טאָ פאַרוואָס האָט ער מאַכט אַזוי' אַז דווקא די קאַרדינאַלן און בישאָפן זאָלן לעבן אין קעניגלעכן לוקסוס ? האָט ער זיי דען ניט ליב, אָט די קאַרדינאַלן און בישאָפן ? זיי זיינען דאָך זיינע איבערגעגעבענע דינער . . .

דער קליינער כּאַזע האָט אויפגעגעסן זיין שטיקל ברויט מיט קנאָבל און דאָס ביסל זופּ און האָט זיך אַוועקגעזעצט אין א ווינקל איבער זיין בוך, נאָכקוקנדיק אַז נאָכשפּירנדיק אינדערשטיל אמאַרילים . . . זי האָט אויפ־געוועקט אין אים א מאָדנעם געפיל, א געמיש פון שרעק, האַס, פאַרגעטע־רונג און צאַרטקייט.

אמאַרילים איז געשטאַנען אין ווינקל, גרייט צולייגן זיך אויפן דיקן מאַטראַץ, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויפן דיל. זי האָט זיך געגרייט גיין שלאָפן און האָט זיך געוואָלט לייגן לעבן ראַמאָנען . . .

אַז אַקטיאָרן זיינען א זינדיק פאָלק און זיי וועלן זיך בראָטן אין הייסע אויוונס אין גיהנום, — דאָס האָט דער קליינער כּאַזע געוווּסט זייער גוט, דאָס איז געווען זיכער, ווייל אַזוי בפירוש האָט געזאָגט זיין לערער דער מאַנאַך.

ער האָט דעריבער פאַרמאַכט די אויגן, כדי ניט אָנצוקוקן זיי און האָט גע־מורמלט שטיל א תפילה. דאָס ליכט פון קליינעם לעמפּל האָט זיך אויסגעלאָשן, און ער האָט אַלץ געמורמלט זיין תפילה און האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט.

דער מאַן האָט גערופן די פרוי מיטן נאָמען אַמאַרילים און די פרוי האָט גערופן דעם מאַן — ראַמאָן, ראַמאַניסיטאָ און אַנדערע צאַרטע צונעמע־נישן. זיי זיינען ביידע געווען זינדיקע. די פרוי האָט געבעטן דעם מאַן צו בלייבן אין טאַלעדאָ, כדי אָנצוקלייבן אַביסל געלט. דער מאַן איז אָבער באַ־שטאַנען, אַז ער וועט גיין קיין באַדאַכאָז שלום מאַכן מיטן פאָטער און ברענגען פון דאָרט אַביסל געלט.

ווען וואָס האָבן זיי זיך געשעפּטשעט ווייטער — האָט ער ניט געוווּסט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעשטרענגט צוגעהערט : — די פרוי האָט בשום אופן ניט געוואָלט בלייבן אַליין, זי האָט מורא געהאַט פאַר א מאַן מיטן נאָמען סאַלענט. דאַן האָט זיך דער מאַן צעלאַכט און ווידער איז געוואָרן שטיל, אַזוי שטיל, אַז דער קליינער כאָזע האָט זיך אַזש דערשראָקן און מיט א ציטער געקוקט אין דער פינצטערניש, טאָמער וועט ער עפּעס באַמערקן . . . אָבער ער האָט קיין זאַך ניט געהערט חוץ דעם שווערן אָטעמען פון דעם מאַן.

אינגאַנצן א צעטומלטער און אַן אַנטוישטער, האָט ער זיך צוגערוקט צו זיין קליין ברודערל, האָט זיך אַנידערגעלייגט לעבן אים און שטיל געמור־מלט : — אָ, ביידע זייט איר זינדיקע, ביידע זייט איר קינדער פונם טייוול . . . אינגיכן האָט ער דערהערט ווי די פרוי און דער מאַן קושן זיך און ריידן עפּעס צווישן זיך.

— ווי לאַנג, מיינסטו, וועלן מיר שטיין אין טאַלעדאָ ? — האָט אַמאַ־רילים געפרעגט.

— אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן נאָר קאָנען ציען אַן עולם, — האָט ראַמאָן געענטפערט, — טאַלעדאָ איז א שמאַלץ־גרוב; חוץ דעם האָט ראַכאָס זייער ליב די שטאָט און ער זאָגט, אַז דאָ קאָנען מיר זיך אָפּרוען און אָפּשפּאָרן אַביסל געלט אויך.

דער אמת איז אַז ראַמאָן האָט זיך געפילט זיכער אין דער געזעל־שאַפט פון ראַכאָס. ער איז געווען א באַגאַבטער אַקטיאָר, א גוטער קאַטאַליק, א מענטש אויסער יעדער חשד, שטענדיק פיין געהאַלטן זיך מיט מענטשן, — האָט זיך דעריבער ראַמאָן געפילט מיט אים זייער זיכער. חוץ דעם איז

ראכאם געווען זייער א גוטער פעכטער און דאס האט אויך עפעס געמיינט פאר ראמאנען אין מינוטן פון געפאר.

— קאן מען עס אפשר אביסל פארקירצן ? — האט זי געפרעגט.

— פארוואס זאלן מיר עס טאן, ליבסטע ?

— איך ווייס אליין ניט. איך האב עפעס א געפיל, אז עמיצער שפירט מיר נאך . . .

— שפירט נאך ? ! . . . — האט ראמאן אומרויק א פרעג געטאן.

— איך ווייס אליין ניט, אפשר דוכט זיך עס מיר. מיר דוכט זיך אז א מאן איז מיר נאכגעגאנגען און אז איך בין אריין אין שטוב האט ער זיך באהאלטן אין א ווינקל און איז פארשוואונדן.

ראמאן האט אנגעהויבן שווער צו אטעמען.

— א, זארג זיך ניט, מיין ליבער, — האט זי געזאגט, — מענער גייען שטענדיק נאך פרויען . . . איז עס פאר דיר דען א נייס ?

— יא, דאס איז אויך אמת, אבער דו דארפסט זיין זייער פארזיכטיק, מיין ליבע. מיר מוזן אויסמיידן קאמפליקאציעס.

— א, זיכער, מיין ליבער.

— איך קאן דיר איצט ניט דערקלערן אלע איינצלהייטן, אבער מיר מוזן אויסמיידן פאליציי איבערן גאנצן לאנד. מיין איינציגער פאטער איז קעגן מיר. איך בין אינגאנצן עלנט, אויסער דיר האב איך קיינעם ניט אויף דער וועלט. דו פארשטייסט ?

זי האט אים ארומגענומען צארט און שטיל איינגערוימט אים אין אויער:

— יא, מיין ליבער, איך פארשטיי . . .

לה

אין איין שיינעם נאכמיטאג, ווען אמארילים איז געשטאנען און האט געוואשן דער אלמנהס א קינד, איז סאלענט אריינגעגאנגען אין צימער און איז געבליבן שטיין אז א זייט ניט אפרייסנדיק פון איר די אויגן.

אמארילים האט זיך דערשראקן פאר אים.

זינט די טרופע איז געווען געצוואונגען צו שלאפן אין א שטאל אלע אינאיינעם, פלעגט אמארילים כסדר פילן אין דער פינצטערניש עמיצנס אויגן איינגעזאפט אין איר קערפער, און צו מארגנס, ווען זי פלעגט זיך טרעפן פנים אל פנים מיט סאלענטן, האט זי באמערקט אין זיינע אויגן דעם כאראקטע-

ריסטישן פייערל פון ניט באפרידיקטער לײדנשאפט, די אויסגעלאשנקייט פון זיין פנים און דעם באהאלטענעם באנגער צו איר.

ער האט זיך אפילו באמיט צו פארלעשן אין זיך די זינדיקע באגערן מיט תפילה, מיט שנאפס און נאך אזעלכע מיטלען, אבער דאס האט ווייניק וואס געהאלפן.

— גוטן טאג! — האט ער געזאגט.

— גוטן טאג! — האט זי געענטפערט, — ווו איז דאן־איניגא?

— איך בין דען זיין שומר? . . — האט ער געפרעגט מיט א פאר־ביסנקייט אין שטים און האט זיך אנגעהויבן אומרויק באוועגן איבערן צימער.

— זיכער ביסטו ניט זיין שומר. בעסער שוין גאר אז א שומר, איידער אזא שומר ווי דו ביסט. איך האב געמיינט, אפשר האסטו געזען אים, אדער דאן־פעליפע.

— ניין, איך האב זיי ניט געזען.

די ארבל פון אמארילִיסעס בלוזע זיינען געווען פארשארצט און אירע דין־געטאקטע הענט האבן געבלאנקט אין זייער נאקעטקייט. סאלענטן האט אנגעהויבן שווינדלען דער קאפ פון דער בלענדנדיקער נאקעטקייט, די ליפן זיינען אים פלוצלונג טרוקן געווארן און שנעל, ווי אין אן אנפאל פון שרעק, האט ער אוועקגעלייגט זיינע הענט אויף אירע רונדיקע שולטערן.

ער איז געווען שוואך און האט באמת קיין שלעכטע מחשבות ניט געהאט, נאר איר עלאסטישער קערפער האט אים משוגע געמאכט און ער האט זיך ניט געקאנט מער קאנטראלירן. זיין הארץ האט געקלאפט ווי מיט האמערן און דער געדאנק צו באזיצן זי האט אים ארומגעכאפט ווי מיט צוואנגען. אמארילִיס האט גענומען שרייען פון שרעק און ווייטאק, וואס האט זי ארומ־געכאפט, און דאס קינד האט זיך דערוויל ארויסגעגליטשט פון אירע הענט אויפן שטיינערנעם דיל און האט זיך צעשריען מיט באנומענע קולות.

— ארויס פון דאנען! ארויס! — האט זי געשריען ארויסנעמענדיק דעם קינדשאל פון אונטער דעם לעדערנעם פאס.

— איך האב דיך ליב! איך פארגעטער דיך! . . — האט ער גע־זאגט שטיל.

— ארויס פון דאנען די מינוט, אדער איך וועל באנוצן דעם קינ־זשאל! ארויס פון דאנען, און טאקע שנעל! . .

— נו, גוט, אבער נעם אוועק דעם קינזשאל, — האט ער געזאגט

און האָט אויפגעהויבן דאָס קינד און אַריינגעזעצט עס אין וואַש־טאָפּ, וועל־כער איז געשטאַנען אָן אַ טראָפּן וואַסער.

זיינע הענט האָבן געציטערט. ער וואָלט באַדאַרפט הרגענען איניגאַ, — אָט וואָס ער וואָלט באַדאַרפט טאָן . . . דאַן וואָלט זי געווען זיינע, דאַן וואָלט זי געמוזט זיין זיינע. איצט איז זי געווינט צו צאַרטקייט און פאַרגע־טערונג פון אַן אַנדער מאַן און ער האָט גאָרניט וואָס פאָרצושלאָגן איר . . .

מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט טריט. סאָלענט האָט אויף שנעל אָפּ־געטראָטן פון וואַש־טאָפּ און ביז וואַנען ער איז גרייט געווען אַרויסצוגיין פון צימער, האָט זיך די טיר געעפנט און עס זיינען אַריינגעקומען ראַכאַס און ראַמאָן.

— גיי ניט אַוועק, — האָט ראַכאַס געזאָגט צו סאָלענטן, — מיר דאַרפן האָבן אַ באַראַטונג. — ער האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ פלאַש וויין און האָט געבעטן דעם עולם זעצן זיך. אַמאַרילים האָט איינגעדעקט דאָס קינד אין איר שאַל, האָט עס אַוועקגעלייגט אין וויג־בעט און האָט זיך צוגעזעצט צום טיש דריקנדיק ראַמאָנס האַנט אין אירער.

— דאָן־איניגאָ פאַרלאָזט אונדז היינט, — האָט ראַכאַס געזאָגט אָנ־גיסנדיק אַ גלעזל וויין און איבערגעבנדיק עס צו אַמאַרילים. דאָס איבעריקע וואָס איז געבליבן אין פלאַש האָט ער צעטיילט צווישן אַלע אַנדערע וואָס זיינען געזעסן ביים טיש.

— וואָס האָט געטראָפן? פאַרוואָס אַזוי פלוצלונג? — האָט אַמאַרי־לים אומרויִק געפרעגט.

— עס זיינען דאָ אין שטאָט נאָך צוויי טרופּעס׳ פיל בעסערע פאַר אונדזערער און מיר קאָנען קוים קאָנקורירן מיט זיי, — האָט ראַכאַס געענט־פערט, — מיר האָבן ניט קיין דעקאָראַציעס, קיין רעקוויזיטן, קיין געלט. מיר זיינען אַזוי רייך ווי די מייז אין אַ נזירס צעל. אונדזער לאַגע וועט זיך אָן ספק פאַרבעסערן אַרום חודש מערץ, ווען איר מאַיעסטעט וועט אָנקומען אין סאַראַגאָסאַ, — דאַמאָלסט וועלן פאָרקומען פייערונגען און פאַרשיידענע צע־רעמאָניעס, אָבער מיר מוזן זיך צוגרייטן צו דעם, מיר קאָנען זיך ניט באַווייזן פאַר דער קעניגין ניט צוגעגרייטערהייד, אין שמאַטעס. מיר מוזן זען צו טאָן עפּעס ביז יענער צייט. דערווייל וועט איניגאָ גיין צו זיך אַהיים זען זיך מיטן פאָטער, בעטן מחילה און וועט ברענגען אַביסל געלט פון דאָרטן.

— איז וואָס וועט אונדז זיין גוט פון דעם? — האָט סאָלענט געפרעגט

און זיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערן פון אויפרעגונג, טראַכטנדיק וועגן די מעגלעכקייטן ווען אַמאַרילים וועט בלייבן אַליין . . . ווער ווייס . . . אפשר . . .

— דאָס קאָן אונדז פשוט ראַטעווען, פאַרשטייסט עס ניט ? — האָט ראַכאַס געזאָגט, — מיר וועלן דאַן אפשר קאָנען דינגען אַ טעאַטער אין מאַד־ריד, אָדער אין סעווילּיע און מיר וועלן קאָנען איינלאַדן אַ גרעסערע טרופּע. איך וויל זיך מער ניט אַרומשלעפּן איבערן לאַנד ווי אַן איטאַליענישער סאָל־דאַט, נויגן זיך פאַר יעדער אייזל־טרייבער און לעבן פון האַנט אין מויל.

— איך גיי אויך מיט דאָן־איניגאַ, — האָט אַמאַרילים געזאָגט מיט זיכערקייט.

— איך האָב מורא, אַז עס איז צו קאַלט פאַר דיר צו גיין מיט מיר, — האָט ראַמאָן געזאָגט. אָבער ער האָט זייער געוואָלט, אַז זי זאָל גיין מיט אים, כדי צו מאַכן אינטערעסאַנטער די לאַנגווייליקע רייזע אין די קאַלטע ווינטער טעג.

— יאָ, איך גיי מיט דיר, אַז ווייטערדיקע רייד, — האָט זי געזאָגט, — די צייט וועט גיכער אַוועק, אַז מיר וועלן גיין צוזאַמען . . .

— אָבער דאָס איז אוממעגלעך, — האָט ראַמאָן פּראָטעסטירט, — דו דאַרפסט בלייבן דאָ ביז איך וועל צוריקקומען מיט געלט. איך האָב קוים רייזע־געלט פאַר זיך אַליין.

— זיכער דאַרפסטו בלייבן דאָ, — האָט זיך אָפּגערופן סאַלענט צו אַמאַרילים, — אויב איר וועט אַוועקגיין ביידע, וואָס וועלן מיר דאָ טאָן אַליין?

— מיר וועלן זיך אַן עצה געבן ווי עס איז, — האָט אַמאַרילים גע־ענטפערט ראַמאָנען, איגנאָרירנדיק אינגאַנצן סאַלענטס רייד, — איך דאַרף ניט פיל. דו וואָלסט אַליין באַדאַרפט ניט וועלן לאָזן מיך דאָ איינזאַם . . .

— אַ, פרויען, פרויען ! . . — האָט זיך אָפּגערופן ראַכאַס. ער איז געווען צו שטאַרק צעטראָגן פון דעם שטענדיקן דלות, פון דער נויט, וואָס עס קומט זיי אויס צו לײַדן, זינט ער האָט אָרגאַניזירט זיין טרופּע.

— גענוג ! — האָט זי איבערגעריסן ראַכאַסעס רייד, — איך ווייס, אַז איר זייט אַ געבילדעטער מענטש; איך ווייס, אַז איר קאָנט לאַטיין — אָבער איך וויל מער ניט הערן אייערע טיראַדן וועגן קלעאָפּאַטראַ און איזבל, איך האָב מיר מיין אייגענע מיינונג וועגן זאַכן. אלזא, ווען לאָזן מיר זיך אין וועג, תיכף ?

— יאָ, מיין ליבע.

— גיב זשע מיר געלט, וועל איך ארויס און קויפן עפּעס שפּייז פאַר אונדז אויפן וועג, — האָט זי געזאָגט.

זיי האָבן צונויפגענומען עטלעכע גראָשן און האָבן עס איר אוועקגעגעבן. אַמאַרילים איז אַוועק עפּעס קויפן און די איבערגעבליבענע אַקטיאָרן האָבן מיט ביטערקייט געשמועסט וועגן דעם, ווי אַזוי די רייכע און זאַטע לעבן דאָ אין שפּאַניע און אין אַנדערע לענדער און ווי אַזוי די פאַרשטייער פון קונסט דאַרפן זיך מאַטערן פאַר אַ טרוקן שטיקל ברויט.

אינגיכן איז אַריינגעקומען די אַלמנה מיט די קינדער. זי האָט אויסגערייניקט דעם צימער און האָט פאַנאַנדערגעלייגט אַ פייער. די אַקטיאָרן האָבן פאַרטגעזעצט זייער טרויעריקן געשפּרעך. ראַכאַם האָט זיך דאַן געווענדט מיט אַ טרייסט־וואָרט צו ראַמאַנען :

— וואָס מער צוגרייטונגען, וואָס מער רייזעס, — אַלץ גיכער וועט אַוועק דער טרויער. די זיסקייט פון ווידער־באַגעגעניש איז פיל גרעסער ווי די ביטערניש פון צעשיידן זיך, ניט אַזוי ? . .

— אָ, יאָ. קיין זאַך אין דער וועלט קאָן זיך ניט פאַרגלייכן מיט דער זיסקייט פון ווידער־באַגעגעניש, — האָט ראַמאָן מסכים געווען, און איז ארויס אַנצוזאָטלען דעם אייזל.

אים האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ איז ניט מער ווי אַ צייטווייליקע זאַך — די אָרימע אַלמנה, די שמוציקע טייכל דאָ, די שטאַל, אין וועלכער זיי שלאָפן אַא״וו. דאָס אַלץ האָט אים אויסגעזען ווי אַן איבערגאַנג צו עפּעס וויכטיקס און גרינטלעכעס, וואָס דאַרף ברענגען צו אַ גוטן סוף. די איינציקע זאָרג זיינע איז דאָס, וואָס ער האָט זיך געפילט ניט אינגאַנצן זיכער מיט זיין פאָטער און דאַן . . . ווער ווייס, — אפשר וועט אים אַמאַרילים אויך פאַרלאָזן . . . דאָס האָבן שוין אַ סך פרויען געטאָן מיט אַ סך מענער; זיי האָבן זיי פאַרלאָזן צוליב דער אָדער יענער סיבה און אָפט גאָר אָן אַ סיבה . . . קיין זאַך איז אין לעבן ניט זיכער. אָ, גאָט, וואָס וועט ער טאָן, אויב זיין פאָטער וועט אים אָפּשטויסן ?

די נאָבעלע און ערנסטע געשטאַלט פון דאָן־מאַנטאַלבאַן האָט פּלוצלונג אויפגעטויכט אין זיין זכרון און איז געשטאַנען פאַר אים אין איר גאַנצער מאַרטירערישער גרויסקייט. ער האָט אין זיין פאַרשטעלונג געקוקט אויף איר מיט אַכטונג און פאַרלאַנג צו ריידן, דערציילן און בעטן . . .

דער הימל איז געווען גרוי און שווערע וואָלקנס זיינען געהאַנגען איבער אים. די שטאָט, וואָס האָט זיך צעשפּרייט פון ביידע זייטן טייך, איז געלעגן ווי פאַרשלאָפן אין דער טונקעלער, וואַלקנדיקער לופט.

לו

שעהן זיינען אוועק און אַמאַרילים האָט זיך נאָך ניט צוריקגעקערט. די זון איז שוין פאַרגאַנגען, עס איז שוין געוואָרן נאַכט און זי איז נאָך ניט צוריקגעקומען.

עפּעס אַן אומגליק איז געהאַנגען איבער זייערע קעפּ, — גראָד דאַן, ווען מען דאַרף זיך לאָזן אין וועג; דאַן, ווען די דאַזיקע רייזע קאָן זיי ברענגען הילף און דערלייזונג פון זייערע שווערער לאַגע, — גראָד דאַרף זי ניט ווערן . . .

ראַמאַנס אומגעדולד איז געוואָרן זייער גרויס. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזן זוכן זי איבערן שטאָט, אָבער ער האָט זי ניט געפונען.

ערשט אַרום אַכט אַזייגער אין אָוונט האָט ער זיך, אַ פאַרמאַטערטער אומגעקערט אַהיים און האָט געטראָפן אַמאַרילין פאַקנדיק פּעקלעך, צוגרייטנדיק זיך צו דער רייזע און דערציילנדיק דער אַלמנה וואָס מיט איר האָט פּאַסירט: עפּעס אַ היוכער, אומגעלומפּערטער מאַן האָט זי געכאַפּט און ניט געוואָלט אָפּלאָזן; דער מאַן איז לאַנג ווי אַ לאָקש און האָט איר אָנגעבאָטן געלט זי זאָל אים דערלויבן מאַלן אירע הענט.

— על גרעקאָ ? — האָט ראַמאַן אויסגעשריען און האָט אַרומגעכאַפּט אַמאַרילים און האָט זי גענומען קושן מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער וואָלט ווילד געוואָרן; ערשט איצט האָט ער אויף אַן אמת באַגריפן ווי שטאַרק ער האָט ליב אַמאַרילים און אַז אָן איר איז זיין לעבן פּוסט און וויסט.

— יאָ, ער ! — האָט זי געזאָגט, — זיין אַסיסטענט איז מיר נאָכגעגאַנגען איבער גאַנץ טאָלעדאָ. איך האָב דיר געזאָגט ניט לאַנג צוריק, אַז איך האָב אַ געפיל, דאָס עמיץ גייט מיר נאָך, געדענקסט ? דאָס איז ער געווען . . .

— טאָלעדאָ איז אַ שווידערלעכע שטאָט, דאָ זיינען פאַראַן זייער פיל כּוליגאַנעס, אַ סך מער ווי אין סעווילִיע, — האָט ראַכאַס געזאָגט.

— אָבער גאָט צו דאַנקען, דו ביסט דאָ, מיט מיר ! — האָט ראַמאַן אַ צופרידענער געזאָגט, — איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דיך געפינען

ערגעץ אין די הענט פון אן אלטן מכשף, וואס וויל דיך פארקויפן צו . . .

— נו, לאמיר ניט פארלירן אומזיסט קיין צייט, — האט אמארילים איבערגעשלאגן זיינע רייד. עס איז געווען א צופאל, א שלעכטער צופאל, אבער עס איז שוין פארביי. א, ער איז געווען זייער העפלעך און זיין באַנעמען זיך צו מיר. דו וואלסט באדארפט זען ווי רייך ער וווינט, דיין גרעקא, — ווי א פרינץ ! זיין הויז איז פול מיט בילדער און בראנזענע סטאטועס. ער אליין שלאפט אויף א שטיינערנער באנק, אבער עסן עסט ער פון דאס בעסטע. אין דער צייט, וואס מיר האבן געטרונקען וויין און געגעסן אריענטאלישע נאשערייען, האט אן ארקעסטער געשפילט פראכטפול שיינע מוזיק.

— און עס האט דיר גאר ניט באנג געטאן אוועקצוגיין פון אים ? — האט ראמאן מיט חשד געפרעגט.

— ביסט א נארעלע . . . — האט זי אויסגעשריען און האט אים ארומגענומען, — דו ווייסט דען ניט, אז איך האב ליב דיך און בלויז דיך, מיין ליבער, מיין טייערער איניגא . . .

מיט טרערן אין די אויגן איז ראמאן צוגעפאלן קושן אירע הענט.

— מיר וועלן אלע זיין רייך און גליקלעך און אלעמען וועט אונדז זיין גוט, — האט ראמאן פריידיק אויסגעשריען, — א, ראכאם, איך בין אזוי גליקלעך, אזוי אומגלויבלעך גליקלעך, ווען איך טראכט וועגן איר און וועגן איר גרויסער ליבע ! . .

— ווי אזוי האט זיך דיר איינגעגעבן אוועקצוגיין פון אים ? — האט זיך סאלענט געווענדט צו אמארילים מיט א פראגע.

— איך האב אים אנגעשראקן, אז איך וועל אים פארמסרן פאר דער הייליקער אינקוויזיציע, — האט אמארילים געענטפערט, — נאך אלעמען, ווערן אזעלכע זאכן באשטראפט געזעצלעך. ווי עס ווייזט אויס האט ער זיך דערשראקן. ער האט זיך דורכגעשמועסט מיט זיינע אסיסטענטן און האט מיר אנגעבאטן נאך מער געלט, אבער איך האב זיך אפגעזאגט און האב אים געסטראשעט, אז כ'וועל אויפברעכן די טיר און וועל שרייען נאך הילף. איז ער ברוגז געווארן, האט מיך אנגעזידלט און ארויסגעלאזט. דאס איז די גאנצע געשיכטע.

— מאך עס שנעלער, אמארילים, — האט זיך ראכאם אפגערופן, — עס איז שוין נאכט. אפשר וואלט איר בעסער ארויסגיין באגינען ?

— קיין רגע טאר מען ניט פארלירן ! — האט זי געענטפערט.

דרויסן האָבן שוין געוואַרט די איזלען, גרייט צום וועג.

— זאָל אייך גאָט העלפן ! — האָט ראַכאַם געזאָגט, — פון אייער נסיעה הענגט אָפּ אונדזער ווייטערדיקע לאַגע.

— אונדזער רייזע וועט געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג, — האָט זי פריילעך געזאָגט, — זאָרג זיך ניט, די וועלט וועט זיין אונדזערע, איך פיל עס אין מיין בלוט. מיר קאָנען ניט פאַרלירן . . .

— אָט דאָס מיינט מוט ! — האָט ראַמאָן געזאָגט, — מיר דוכט, אַז איך קאָן איצט די וועלט איבערקערן !

אמארילים האָט ארויסגעטראָגן די פּעקלעך. די מענער האָבן זיך אָנגעהויבן זעגענען און דערווייל האָבן זיך די קינדער פון גרויס התפּעלות צעשריען אויף די הויכע טענער.

— פּאַרטיק ? ! — האָט זיך דערהערט אמארילים'ס שטימע און באַלד איז זי אריינגעקומען צוריק אין הויז אַן אויפגערעגטע און גליקלעכע. איר פּנים האָט אויסגעזען ווי אַ פּנים פון אַן איטאַליענישער מאַדאָנע און איר שמייכל איז געווען מילד און פּרימיטיוו ווי דער שמייכל פון אַ קינד.

— פּאַרטיק, פּאַרטיק ! — האָט ראַמאָן געענטפערט. זיי זיינען אַלע ארויס דרויסן; ראַכאַם האָט געהאָלפן אמארילים אריינצוזעצן זיך אין זאָטל.

— זייט געזונט און גאָט זאָל אייך שיצן, — האָט די אַלמנה געזאָגט און האָט זיך צעוויינט. זי האָט זיך דערמאָנט אויף נאָך אַזאַ סצענע, ווען איר מאַן איז אוועק קיין פלאַנדערס און האָט זיך שוין מער ניט אומגעקערט צוריק.

דער קליינער כאָזע איז געקומען פון שול און האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף דעם עולם, מיט קאַלטע און גלייכגילטיקע אויגן. ער האָט ניט געוווּסט, וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר ער האָט באַמערקט, אַז ביי סאַלענטן ציטערן די ברעמען.

— איר גייט דען אויך אוועק ? — האָט דער יינגל אַ פרעג געטאָן.

— אָ, ניין, מיין זון, — האָט סאַלענט געענטפערט.

סאַלענט האָט ליב געהאַט דעם יינגל. זיי פלעגן אָפט שמועסן וועגן פאַרשיידענע ניסים, וועגן דער זינדיקער וועלט, וועגן אירע שלעכטסקייטן און וועגן דעם, אַז קעמפן מיט דער וועלט דאַרף נאָר גאָט און ניט דער מענטש, דער מענטש איז צו שוואַך דערפאַר.

— איך בלייב דאָ און וועל שטיין אין אייער הויז. וועסטו מיר העלפן

אפפרישן אביסל מיין לאטיין? — האט ער אים א פרעג געטאן, אננעמענ־דיק אים פארן קינבאק.

— א, מיט פארגעניגן, — האט דער יינגל געענטפערט, — איך קאן גאנץ גוט לאטיין.

די אלמנה האט געשלאגן די אייזלען, וועלכע האבן זיך געפוילט לאזן אין וועג אריין. אלע האבן געשריען, זיך געזעגנט און ענדלעך האבן זיי זיך גערירט פון ארט. ראמאן האט א מאך געטאן מיט זיין הוטל צו ראכאסן און סאלענטן, געזאגט זיי אויף דעם אופן "גוט נאכט", און איז פארשוואונדן. אלץ ארום איז געווארן שטיל.

עס איז געווען גאנץ פינצטערלעך. שווערע וואלקנס זיינען געהאנגען נידעריק און צוגעזאגט שניי מיט רעגן און א קאלטער ווינט האט זיך דורכ־געטראגן איבערן שטאט.

ראכאס איז אוועק אין שטאט אויפריידן זיך מיט א קרעטשמער, וועלכער האט געהאט צום פארדינגען א שטאל און א גיטאר מיט א פויק. געוווינט האט דער קרעטשמער גאנץ ווייט, ארום דער קירך מאריע־לא־בלאנקא. סאלענט מיט די קינדער זיינען אריין אין הויז. ער האט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעלע אין איינזאמער און פאריתומטער. זיין גאנץ לעבן איז ער געווען ארים, עלנט און איינזאם; אלע צארטקייטן, וואס ער האט ווען גע־האט, זיינען געווען געקויפטע, אדער געגנבעטע, פון קיין אנדערע האט ער ניט געוווסט . . .

לז

סאלענט האט אויפגעעפנט זיין בוך, דורכגעקוקט עטלעכע בילדער אין טעקסט און האט זיך פארטראכט. דורך אן אומפארשענדלעכער אסאָ־סיאציע האט ער זיך פארטראכט וועגן זיין שטעטעלע סאלענט, וואס האט זיך צוגעקלעפט צו א בארג ערגעץ; ווינטער א פארשאטענע אין שניי, זומער אן ארומגערינגלט מיט וואסערן און א פארלארענע פון דער גאנצער וועלט. די דאזיקע דערינערונגען האבן אים אריינגעווארפן אין א מרה שחורה און ברע־כנדיק די הענט האט ער אנגעהויבן זאגן א תפילה און רופן צו הילף (צו וואס פאר א הילף האט ער אליין ניט געוווסט...) זיין גאט יעזוס, די הייליקע מאדאנע מאריע און דעם גרויסן, נאבעלן מארטירער פון סאראגאסא, וועל־כער איז דערמארדעט געווארן פון הערעטיקער. עס איז אים זייער שווער געווען אויפן הארצן. איצט איז אמארילים אויך אוועק אויף לאנג, ווער

ווייס אויב זי וועט זיך איינגאנצן אומקערן; זיין לאגע איז געווארן האפ־נונגסלאָז.

— לאָמיר לייענען אביסל, — האָט זיך אפגערופן דער קליינער כאַזע, נאָכדעם ווי ער האָט אויפגעגעסן זיין שטיקל ברויט און דאָס ביסל רייז, וואָס די מוטער האָט אים געגעבן.

די אַלמנה האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און ביי דעם קליינעם ליכט פון לאָמפּ האָבן זיי געלייענט און געפירט א שמועס וועגן גאָט און זיינע מעשים. סאַלענטס האַרץ האָט זיך אביסל באַרויִקט און ער האָט שוין גע־טראַכט וועגן אמארילִיסן ווי וועגן א מכשפה און א טייוולישע אַנשיקעניש, וועלכע ציטערט פארן הייליקן קרייץ.

דאָס יינגל האָט געהאַט א בלאַסן מיידלשן פּנים און גרויסע מעלאַנ־כאָלישע אויגן. אין זיינע ליפּן איז געווען עפּעס אזוינס, וואָס האָט דערמאָנט אמאריליסעס שמייכל.

דער קליינער כאַזע האָט געלייענט און סאַלענט האָט אים נאָכגעזאָגט וואָרט נאָך וואָרט און האָט אים געגלעט איבער זיינע זיידן־ווייכע האָר.

געשלאָפן האָבן זיי אַלע צוזאמען אויפן דיל. סאַלענט, כאַזע און צוויי קליינע מיידעלעך.

— נעם מיך אַרום און שלאָף, — האָט סאַלענט געזאָגט שטיל צו כאַזען. געטראַכט האָט ער וועגן דעם, אז אַלע לײדנשאַפטן זיינע פארבייגיי־ענדיקע זאַכן און זיי לאָזן בלויז איבער א שלעכטן נאָכגעשמאַק נאָך זיך, אָבער כאַזע האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן אמאריליסן.

— לאָמיר שלאָפן, — האָט ער שטיל געזאָגט, — שלאָף, כאַזע, נעם מיך אַרום און שלאָף.

— דו מיינסט, אז זי וועט זיך איינגיכן אומקערן צוריק ? — האָט דער קליינער א פרעגט געטאָן.

— קיין הועלוואַ איז גאַנץ ווייט, — האָט סאַלענט געענטפערט.

— זיי זיינען ניט געגאַנגען קיין הועלוואַ, — האָט כאַזע געזאָגט, — זיי זיינען אַוועק קיין באַדאַכאָז.

— עס טוט מיר זייער לייד, אָבער איך קאָן ניט איינשטימען מיט דיר, — האָט סאַלענט געזאָגט, — זיי זיינען ווירקלעך אַוועק קיין הועלוואַ.

— איך האָב זיי געהערט ריידנדיק די לעצטע נאַכט, — האָט זיך כאַזע

געשפּאַרט, — זיי האָבן געמיינט, אַז איך שלאָף, אָבער איך האָב ניט גע־
שלאָפן — איך האָב ניט געקאָנט איינשלאָפן . . .

— אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך, — האָט זיך סאַלענט געוווּנ־
דערט, — איניגאַ איז פון הועלוואַ, זיין פאָטער איז אַ דאָרטיקער איינוווינער.

— ניין, — האָט זיך כאַזע אָפּגערופן, — איך האָב געהערט ווי זיי
האָבן גערעדט וועגן אַ רייזע קיין באַדאַכאָז און זי האָט אים גערופן ראַמאָן,
ניט איניגאַ.

— ראַמאָן ? — האָט סאַלענט כמעט אויסגעשריען, — דו ביסט זיכער ?

— אויף מיין ערן וואָרט ! — האָט ער געזאָגט, — דער מענטש מוז
זיין אַ רעכטער שווינדלער, אויב ער באַהאַלט זיין ריכטיקן נאָמען און שעמט
זיך אָנרופן זיין געבורטס פּלאַץ !

אין דער שטימע פון דעם קליינעם כאַזע האָט געקלונגען אייפערזוכט.

סאַלענט האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיך אוועקגעזעצט אַ פאַר־
זאָרגטער.

— וואָלסטו געקאָנט שווערן, אַז דאָס איז אַזוי, אַז דאָס איז ניט גע־
ווען קיין חלום ? — האָט סאַלענט געפרעגט, — געדענק, מיין טייערער,
ליבער כאַזע, אפשר איז ער אַ גרויסער פאַרברעכער, וועמען די גערעכטיקייט
זוכט; אפשר איז ער איינער פון די פאַרפאָלגטע, וואָס ווילן אונטערגראָבן
דעם וווילשטאַנד פון שפּאַניע און גאָט וועט אונדז מוחל זיין אַלע אונדזערע
זינד, אויב מיר וועלן אים כאַפּן . . .

— איך שווער ביי דער הייליקער מאַדאָנע און ביי אונדזער גאָט יע־
זוס קריסטוס, אַז איך האָב געהערט וואָס איך האָב דיר דערציילט און נאָך
אַ סך אַנדערע זאַכן, — האָט דער יינגל געזאָגט.

— אויב די זאַך זאָל זיך אַרויסווייזן צו זיין אמת, אַזוי ווי דו זאָגסט,
וועל איך שוין זען, אַז דער אַרציבישאָף פון טאָלעדאָ זאָל זיך פאַרנעמען מיט
דיר און מיט דיין לעבן, — האָט סאַלענט געזאָגט, — אויב דאָס, וואָס איך
טראַכט איצט זאָל זיך אַרויסווייזן פאַר אַווירקלעכקייט און ניט פאַר אַ חלום,
— אָ, גאָט, מיין גאָט ! העלף מיר דאָן צו אָראָפּרייסן די מאַסקע פון דעם
חברה מאַן. טו מיט מיר אַ נס, ווי דו האָסט עס שוין ניט איין מאָל געטאָן
מיט אַנדערע . . .

און ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם מאָדנעם פאַל בעת דער רע־
וואָלוציע אין וואַלענסיע און קאַסטיליע קעגן דעם קעניג טשאַרלז דעם 1טן
אין די יאָרן 1510־1520. ווי אַזוי מען האָט אויף אַ גאַנץ מיסטעריעזן אופן

געבאפּט דעם הויפּט אַנפירער פון די רעוואָלוציאַנערן. פאַרן אויג, וואָס זעט אַלץ, זיינען קיין פאַרבאַרגענע זאַכן ניטאָ. אזוי וויל גאָט, — די גרויסע זאַלן ווערן צו גאָרניט, צו שטויב . . . אָט דער רעוואָלוציאַנערער אַנפירער, א רייכער קאוואַליערא, האָט זיך ארומגעטראָגן איבער די בערג פון נאַווארא, באַהאַלטנדיק זיך ביי זיינעם א פריינד, וועלכער איז אמאָל געווען א דינער ביי זיין פאָטער. שפּעטער איז דער דאָזיקער דינער געוואָרן א גלח און איצט האָט אים דער ארציבישאָף איבערגעגעבן צום קעניגס שלוחים, וואָס האָבן אים געזוכט כדי צוטיילן אים גערעכטיקייט און פאַר איינוועגס באַקומען פאַר אים א היבשע סומע געלט, לויט דעם ווי די קעניגלעכע העראָלדן האָבן עס אַנאָנסירט. דעם רייכן קאוואַליערא האָט מען אזוי לאַנג געפּייניקט, ביז ער האָט ארויסגעגעבן אַלע זיינע מיטהעלפער און דאַן האָט מען אים אויפגעהאנגען אין סאראַגאָסא אויף אן עפנטלעכן פּלאַץ, נאָכדעם, ווי ער האָט זיך מודה געווען אין זיינע זינד. איינקע פון די אַנפירער פון דער רעוואָלוציע זיינען פארשוואונדן און עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ראַמאָן איז איינער פון זיי, וואָס האָט זיך פארשטעלט פאַר אן אקטיאָר און האָט דעריבער אַלץ געריכט זיין וועג צו דער פראנצויזישער גרעניץ, כדי צו פאראייניקן זיך דאָרט מיט דעם אַפּיקורס, דעם פראַנצויזישן קעניג; עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער דאָזיקער בחור, וואָס באהאַלט זיך אונטערן נאָמען איניגאָ, איז אַן עמיסאַר פון אנטאָניאָ פּערעץ, וועלכער פארוואַלטעט מיט דער באוואָפענונג פון אונדזער ארמיי און פּלאָט, און שפּיאָנירט פאַר פראנקרייך און פאַר דער פאַרקויפטער נשמה — דער ענגלישער קעניגין עליזאבעט, וועלכע האָבן א בשותּפותדיקן מלחמה פּלאַן קעגן שפּאַניע.

טראַכטנדיק אזוי וועגן ראַמאָנען, וועגן דער מעגלעכקייט פּטור צו ווערן פון אים, האָט ער זיך דערפילט אזוי מונטער און פול מיט האָפענונג, אַז ער האָט זיך צוגעטוליעט צו דעם קליינעם כאַזע און איז באַלד איינגעשלאָפן מיט א געזונטן שלאָף.

לח

אין א וואָך ארום האָבן ראַמאָן און אמארילים דערגרייכט באַדאַכאָז. איבערן שטאָט זיינען שוין געהאַנגען אוונט־שאָטנס און א בלויקייט האָט זיך געשפּרייט איבערן וועג, וואָס האָט געפירט צו די טויערן פון שטאָט. זיי האָבן איבערגעוואַרט אין א קרעטשמע ביז עס איז גוט פינצטער געוואָרן. הגם עס זיינען שוין אריבער עטלעכע חדשים זינט דער בארימטער אויטאָ־דאַ־פע אין סעוויליע, פונדעסטוועגן איז עס געווען ניט אויסגעשלאָסן, אַז זיי

פאטערס הויז זאָל באוואכט ווערן פון אינקוויזיציע שפּיאָנען. א ציטער איז אים דורך דורכן לייב טראַכטנדיק וועגן דער באַגעגעניש מיט דער מוטער, וועגן זיין גריסן זיך מיטן פאטער און וועגן הערן פון אים א גוט וואָרט, וועגן א קוש טאָן זיין זיידנס האַנט און אריינקוקן אין זיינע שיינע אויגן, פון וועלכע עס קוקט ארויס א גאַנצער יאָרהונדערט מיט דערפאַרונג . . .

אין דער צייט פון דער רייזע האָט זיך ראַמאָן כסדר געפילט אין א פיבער, — ער האָט זייער ווייניק געשלאָפן און האָט זיך אומרויִק געוואָרפן פון זייט אויף זייט אויף די גראָבע בעט־געוואַנט אין די דאָרפישע קרעטשמעס.

א באַזאָרגטע פון ראַמאָנס געדריקטער שטימונג, האָט אים אמארילים איינגערעדט, אז ער זאָל מער גלויבן אין זיין פאטערס גערעכטיקייט.

ער האָט זיך צוגעהערט צו אירע רייד און האָט גאָרניט געענטפערט. דורך דער גאַנצער צייט פון דער רייזע האָבן זיי ווייניק גערעדט וועגן זייער מיסיע. ער איז ניט מער זיכער געווען וועגן זיין פאטער. דער איינדרוק וואָס זיין אנטלויפן האָט געקאָנט מאַכן אויפן פאטער, איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן און די לאַגע האָט אויסגעזען זייער טרויעריק. ניט קאָנענדיק באַשליסן צי זאָל ער דערציילן אמארילים דעם גאַנצן אמת וועגן זיין לאַגע, מורא האָבנדיק צו פאַרלירן זי, — איז ראַמאָן געוואָרן אַלץ מער שווייגעדיק און פאַרשלאָסן אין זיך. זייער אָפּט האָט זי באַמערקט זיינע טרויעריקע אויגן און האָט אים געבעטן ער זאָל אויפהערן טראַכטן וועגן טרויעריקע זאַכן און זאָל טראַכטן בלויז וועגן איר ליבע. דאַן פלעגט ער זי באַרויִקן, צערטלען זי, אָבער ריידן האָט ער סיי ווי גערעדט זייער ווייניק. זי האָט געפילט אז עפּעס א שווערע זאָרג ליגט אים אויפן האַרצן און ער האָט מורא צו אַנטפּלעקן עס פאַר איר. עס האָט איר שרעקלעך ווייט געטאָן זעענדיק, ווי עס וואַקסט אויס צווישן זיי אַן אַנגצויגנקייט.

זיי זיינען געזעסן אין א קרעטשמע אויף א זייטיקער געסל, וואָס האָט זיך אראָפּגעלאָזן צום טייך. דורך די שמוציקע פענצטער האָבן זיי געקאָנט זען די טייך און די סילועטן פון פישערלייט. דערוואַרעמט מיט א גלעזל ווייסן וויין האָט ראַמאָן דערציילט פאַר אמארילים די גרויסקייט און שיינקייט פון זיין שטאָט און זיין שטים האָט געקלונגען מיט אזא וואַרימקייט, ווי ער וואָלט וועלן זיך אליין פריילעך מאַכן. עס איז שוין געווען גאָר טונקל און דער קרעטשמער האָט אָנגעצונדן א לאָמפּ.

— דו ביסט מיד, מיין ליבע? — האָט ער זי געפרעגט.

— יאַ, איך בין מיד, — האָט זי געענטפערט, — איך בין זייער מיד. אויסגעמאַטערט און חוץ דעם איז מיר שווער אויפן האַרצן.

— זיי ניט אַזוי פאַרזאָרגט, — האָט ער איר געזאָגט, — דאָס איז אפשר אונדזער לעצטע שווערע רייזע.

— איך בין זייער, זייער באַזאָרגט, — האָט זי ווידערהאָלט, — זאָל איך בלייבן דאָ, אָדער זאָל איך גיין מיט דיר, ראַמאַן ?

— אָ, ניין, בשום אופן ניט, — האָט ער געענטפערט, — דו בלייב דאָ און זאָלסט פאַר קיין פאַל ניט פאַרלאָזן די קרעטשמע, וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן. איך האָב געהיימען אַנפּיטערן דעם אייזל, הגם איך רעכן, אַז מיר זען אים צום לעצטן מאָל.

— דו מיינסט, אַז אַליץ וועט זיין אין אָרדענונג און גוט ? — האָט זי געפרעגט.

— איך צווייפל ניט אין דעם. מיר וועלן אויפגעבן דעם אייזל, מיר וועלן שיקן ראַכאַסן געלט און אַרויסהעלפן אים — אָ, מיר וועלן זיין גליקלעך!

— טאָ פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט ?

— איך בין ניט פאַרזאָרגט . . .

— יאָ, ביסט יאָ פאַרזאָרגט, — איז זי באַשטאַנען אויף אירס. — וואָס באַהאַלטסטו פון מיר ?

— באמת, ליבינקע, איך באַהאַלט פון דיר קיין זאַך ניט. דו ווייסט ווייל ווי שטאַרק איך האָב דיך ליב. האָב נאָר געדולד ביז איך וועל זיך דורכריידן מיט מיינע עלטערן. זיי וועלן דיך ליב האָבן . . .

— און אויב ניט ? . .

— אָט וועגן דעם טראַכט איך עס און בין אַביסל אומרויִק, — האָט ער געענטפערט. — איצט ווייסטו שוין און פרעג מיך מער ניט קיין שאלות. עס איז שוין שפּעט. איך מוז זיך צועיילן. עס וועט זיין גוט, ליבסטע. ווינטש מיר גליק . . .

— דער הייליקער יעזוס זאָל זיין מיט דיר ! — האָט זי געזאָגט און האָט אויסגעווישט אירע פאַרטרערטע אויגן, — זייער פיל הענגט אָפּ פון דיין איצטיקער מיסיע.

— אָ, זיי וועלן דיך אַלע ליב האָבן !

— זאָל עס זיין מיט גליק. גיי אין אַ גוטער שעה . . . — האָט זי געזאָגט.

ער האָט זי אַ קוש געטאָן און האָט פאַרלאָזן די קרעטשמע. ער איז געגאַנגען מיט גיכע און זיכערע טריט, ווי איינער וואָס קען געפינען דעם וועג אַפילו אין דער פינצטער. באַלד איז ער צוגעגאַנגען צום הויז, וועלכע האָט אויסגעזען ווי אין דעם טרוקן־קאַלטן אָוונט. פאָרזיכטיק איז ער פאַרבייגעגאַנגען, איינגעוויקלט אין זיין מאַנטל.

די גאַס איז געווען פּוסט, קיין לעבעדיקער מענטש איז ניט געווען, בלויז דאָ און דאָרטן האָט זיך געזען אַ קליין ציטערדיק פייערל אין אַ פענצ־טער. הינטער דעם מויערנעם פאַרקאָן פון די אַגירעס הויז האָט ער באַמערקט דריי באַלויכטענע פענצטער. דאָן־אַלאָנסאָ איז געווען אין דער היים.

לט

ראַמאָן האָט זיך שנעל אויסגעדרייט און האָט זיך אָנגעהויבן צוהערן אין דער שטיל. די שטאָט האָט געהאַלטן אין איינשלאָפן. אַלץ אַרום איז געווען שטיל. ערגעץ ווו האָט אַ הונט געבולן, ערגעץ ווו האָט מען געשפּילט אויף אַ קאָרנעט. אַן אָרימער שיכור איז פאַרבייגעגאַנגען, ריידנדיק עפּעס צו זיך אַליין.

פאָרזיכטיק האָט ער אַריינגעשטעלט אַ פוס אין אַ לאָך פון וואַנט; ער איז אַריבערגעשפּרונגען און געבליבן ליגן אויף דער ערד לעבן דער וועראַנדע, וואָס איז געווען געבויט אַרום דער גאַנצער לענג פון דער וואַנט.

ער איז צוגעפאַלן צו דער ערד און האָט זיך צוגעהערט. אַלץ אַרום איז געווען שטיל. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז מיט שטילע טריט אַוועק צום טיר.

קיינער פון דער דינערשאַפט האָט ניט געוואָרט וויסן פון זיין אָנקו־מען, ווייל חוץ דער מצוה האָט מען געקאָנט קריגן עפּעס מזומן אויך פאַר כאַפּן אים . . .

איינער פון דאָן־אַלאָנסאָס באַליבטע הינט האָט זיך רוגזהדיק אַ וואַרף געטאָן אויף ראַמאָנען, אָבער ראַמאָן האָט אים אָנגערופן ביים נאָמען: — וועלאַן! וועלאַן! — איז דער כלב אַנטשוויגן געוואָרן, — ער האָט דער־קאָנט זיין יונגן באַלעבאָס און פון פרייד איז ער אים אַרויפגעקראָכן מיט די לאַפּעס אויף די אַקסלען.

— אָ, מיין היים, מיין ליבע היים, — האָט ער געשעפּטשעט איז

דער שטיל, שלינגענדיק די געזאַלצענע טרערן, וואָס זיינען אים געראָנען איי־בער זיין פּנים, — זיי שטיל, וועלאַז. מאַך ניט קיין טומל, איך בעט דיר, — האָט ער אריינגעטענהט מיטן הונט...

דער הונט האָט זיך באַרוּיקט און האָט זיך אוועקגעלייגט, נאָכשפּי־רנדיק ראַמאָנס יעדער טראָט. ראַמאָן איז צוגעגאַנגען האַרט צום פענצטער, האָט זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער און האָט אריינגעקוקט אינווע־ניק. דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבן נאָך העכער און האָט אריינגעקוקט אין פענצטער פון צווייטן שטאָק, — דאָס איז געווען זיין צימער. ער האָט פּאַ־מעלעך געעפנט די פענצטער און איז אריין אינווייניק.

די קליינע העלפאַנט־ביינערנע סטאַטועטקע פון יעזוסן איז געשטאַנען אויף זיין נאַכט־טישל און די ריטערישע כלי־זין זיינע זיינען געהאַנגען איבערן בעט, באַזילבערטע פון א פאַרבלאַנדזשעטן לבנה־שטראַל. קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט.

ער האָט אָפּגעעפנט די טיר. א פוס איז אים אין דער פינצטער אַרונ־טערגעקראָכן אונטערן טעפּיך. ער האָט זיך פאַרטשעפּעט און איז געפאַלן. ער האָט דערהערט ווי עמיצער האָט, אַן איבערגעשראָקענער א געשריי גע־טאָן: — פאַרזיכטיק!

— ווער איז דאָ? — האָט ראַמאָן דערהערט דעם פאָטערס שטימע.

ראַמאָן האָט זיך אויפגעהויבן. די עלטערן זיינען געשטאַנען אויפן שוועל פון זיין צימער.

— ראַמאָן! — האָט זיין מוטער אויסגעשריען א בלאַסע און א דערשראָקענע פון אומדערוואַרטונג, כמעט צום חלשן.

— קום אריין! — האָט דאָן־אַלאָנסאָ געזאָגט מיט א באַפוילנדיקן טאָן, — ביסט סוף־כל־סוף דאָך געקומען אהיים, מיין זון. עס האָט דיר גענומען אביסעלע צו לאַנג צו באַשטימען עס... דו, דאָנאַ־עלווירא, גיי צו זיך, אין דיין צימער.

זיין שטים האָט געקלונגען רויק און זיכער, אַז דעם מינדסטן סימן פון אויפגערעגטקייט.

— יאָ, איך בין געקומען צוריק, ווי דו זעסט, — האָט ראַמאָן גע־זאָגט און האָט געמאַכט א שנעלע באַוועגונג צופאַלן צום פאָטערס האַנט.

— ראַמאָן, מיין זון ראַמאָן! — האָט די מוטער אויסגעשריען.

— דאָנאַ עלווירא, איך האָב דיר געזאָגט דו זאָלסט גיין צו זיך אין צימער ! — האָט דאָן־אַלאָנסאָ געזאָגט שטרענג, — דאָס איז אינגאַנצן אַ מענערישער ענין . . .

— איך וועל ניט גיין פון דאַנען ! — האָט זי געזאָגט זייער ע־נסט, — איך וויל זען און באַגריסן מיין זון, מיין בן־יחיד !

— איך האָב נאָך קיין איין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דעם גרויסן פאַרגעניגן, וואָס איך וועל איצט האָבן פון באַהאַלטן און אויסבאַהאַלטן מיין בן־יחיד . . .

— אַ מיין ליבער, מיין טייערער ראַמאָן ! — האָט די מוטער געזאָגט און האָט געמאַכט אַ באַוועגונג צו גיין נעענטער צו אים און נעמען זיין האַנט.

— איך האָב נאָך ניט געענדיקט, — האָט זיך דאָן־אַלאָנסאָ אָפּגערופן טרוקן. אין זיין שטים האָט זיך געהערט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אָנגעפילט ראַמאָנס האַרץ מיט שרעק, — דאָנאַ עלווירא וועט אונדז איבערלאָזן אַליין און מיר וועלן קאָנען ריידן וואָס אונדזער האַרץ גלוסט . . .

— עס הויבט זיך גאַרניט אָן ! — האָט דאָנאַ עלווירא געזאָגט פעסט.

קיינמאָל האָט נאָך דאָן־אַלאָנסאָ ניט געהערט פון איר אַזעלכע האַרטע און באַשטימטע רייד. צום ערשטן מאָל האָט ער באַגריפן אירע סגווערענע רעכט אויף מוטערלעכע געפילן.

— איך וועל שטיין דאָ און וועל ריידן צו מיין זון ! — האָט זי פאַר־ענדיקט.

— נו, גוט, — האָט דאָן־אַלאָנסאָ געזאָגט אויפגערעגט און איז פלוצ־לונג בלאַס געוואָרן, — אויב אַזוי קאָסטו בלייבן דאָ און קאָנסט זיך צוהערן צו דער שיינער געשיכטע, וואָס ער האָט צו דערציילן. ווי האָסטו געוואָגט קומען ניט מורא האָבנדיק פאַר דער הייליקער אינקוויזיציע ?

— איך האָב געמיינט, אַז איך וועל קומען וועל איך אַרומנעמען מיין פאָטער און מיר וועלן זיך ליבלעך צעקושן. ערשט אַנשטאָט דעם שטיי איך גאָר איצט פאַר אַ ריכטער, — האָט ראַמאָן געענטפערט טרויעריק און צוריק־געהאַלטן.

ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז אַליץ איז פאַרלאָרן, אַז דער פאָטער איז קעגן אים און די גאַנצע רייד וועט זיין אַרויסגעוואָרפן.

— איך בין צופרידן, וואָס דו באַגרייפסט כאָטש די סיטואַציע, — האָט דאָן־אַלאָנסאָ געזאָגט, — קרובהשאַפט און בלוט־פאַרוואַנדשאַפט מיינט

גארניט אין אזעלכע פאלן און איך האב גארניט צו זאגן מער איידער דער קעניג פיליפּ האט געזאגט צו זיין אייגענעם שוואגער; ער האט נעמלעך געלאזט וויסן, אז ער וועט מיט זיינע אייגענע הענט אנצינדן דעם שייטערהויפן אפילו פאר זיין ליבלעכן זון, אויב ער איז אזוי זינדיק ווי דער שוואגער איז געווען.

— אבער פאטער, איך בין אומשולדיק ! — האט ראמאן כמעט אויסגעשריען, — איך בין אומשולדיק ! איך האב גארניט צו טאן מיט די יידן !

— אזוי, דו האסט גארניט צו טאן מיט די יידן און פונדעסטוועגן פארברענגסטו דיינע טעג און יארן אין דער געזעלשאפט פון דאן־כעזוס מאנטאלבאן . . .

— דאס איז א מיספארשטענדעניש ! — האט די מוטער אויסגעשריען.

— ער האט מיר געראטעוועט דאס לעבן ! — האט ראמאן געזאגט אין פארטיידיקונג.

— ער האט געראטעוועט דיין קערפּער און פארשמוצט דיין נשמה, — האט דאן־אלאנסא פארטגעזעצט מיט דער מעטאדישער רויקייט, מיט וועלכער אן אנדער משומד — אלאנסא דע עספּינא — האט געפירט דעם גרויסן און מעכטיקן פּרינץ אלווארע דע לונא צום עשאפאט.

— ער האט קיין שלעכטס מיין נשמה ניט געטאן ! — האט ראמאן אויסגעשריען, — איך בין פונקט אזא גוטער קריסט ווי דו און ווי דער קעניג אליין !

— ווילדע חיה ! — האט דאן־אלאנסא אויסגעשריען, אבער ער האט זיך קאנטראלירט און האט פארטגעזעצט מיט זיין געוויינטלעכער רויקייט:
— אונדזער הייליקע אינקוויזיציע מאכט קיינמאל קיין טעותן ניט. זי איז שטענדיק גערעכט און יושרדיק. זי איז זייער הארב און אומברחמנותדיק צו הערעטיקער, און זי איז גערעכט אין דעם; די, וואס זיינען ערלעכע קינדער פון דער קאטוילישער קירך און פאטריאטן פון שפּאניע האבן זיך ניט וואס צו שרעקן פאר איר . . .

— דאס איז אפשר אמת בכלל, אבער ניט אין מיין פאל, — האט ראמאן געזאגט, — איך ליד אינגאנצן אומשולדיק.

— ווייסטו פון דעם, אז מען האט דיך פארברענט אונטער די אויגן אויפן אויטא־דא־פע אין סעוויליע ? — האט דאן־אלאנסא פארטגעזעצט טרוקן, — און ווייסטו אז צוויי מאנאטן נאכאנאנד האבן אינקוויזיציע־שפּיא־

נען באוואכט מיינע טירן, מיין יעדער טראט, אין האפענונג צו כאפן דיך ?

— דערפאר בין איך פריער ניט געקומען.

— דאס פארשטיי איך, — האט דאן־אלאנסא באמערקט סארקאסטיש.
— אבער מיינסטו דען, אז דיין פארזיכטיקייט האט געענדערט, אדער וועט ענדערן מיינע באציאונגען צו דיר ? מיר האבן אויסגעמעקט דיין נאמען פון אונדזערע הערצער און פון אונדזער זיכרון.

— דאן־אלאנסא ! — האט די מוטער אויסגעשריען, — גלויב אים ניט, ראמאן, קיין איין ווארט, וואס ער האט גערעדט. זיין שטאלץ שפארט אים שווין פון די זייטן. קום צו מיר, מיין קינד, נעם מיך ארום. איך גלויב יעדער ווארט, וואס דו זאגסט און דערציילסט אין דער דאזיקער טרויעריקער שעה.

— ניט קיין איין טראט ! — האט דאן־אלאנסא געזאגט, — דיינע גוטע און ביטערע ריידעלעך האבן באצויבערט די דאזיקע פרוי, וועמעס שולד עס איז בלויז דאס, וואס זי האט דיך ליב . . . אבער אזעלכע זאכן זיינען גארניט ווערט קעגן מיין לאיאליטעט, קעגן מיין גלויבן און מיין ערע. אויב דו מאכסט נאך איין שריט, אויב דו זאגסט נאך איין ווארט, — גיב איך דיך איבער צו דער אינקוויזיציע !

דאנא עלווירא האט זיך מאכטלאז אראפגעלאזן אין א שטול.

— איך האב דיר געזאגט, אז דאס איז ניט פאר ווייבערישע נערוון!
— האט דאן־אלאנסא אויסגעשריען. ער האט אנגעגאסן ווייַן אין א קליין גלעזל און האט עס אריינגעגאסן דאנא עלווירא אין מויל אריין מיט גוואלד.

מיט א לייכטן קרעכץ האט דאנא עלווירא אפגעעפנט די אויגן און איז געקומען אביסל צו זיך.

— איז דאס אלץ, וואס דו קאנסט מיר זאגן, פאטער ? איצט, אין דער אנטשיידנסטער און שרעקלעכער שעה פון מיין לעבן ? — האט ראמאן א פרעג געטאן.

— א, איך וואלט דיר געקאנט זאגן נאך זייער פיל, — האט אים דאן־אלאנסא געענטפערט, — ווי אזוי האסטו געקאנט ברענגען אויף מיין קאפ אזא שאנד אויף מיינע עלטערע יארן ? ווי האסטו געוואגט צו רואינירן מיין גאנץ לעבן און די פרוכט פון מיין גאנצער ארבעט ? ווי אזוי האסטו גאר געקאנט מאכן מיך פאר א ציל־ברעט פאר יעדער ווילעלער און שפיאן ? ווי איז דיר גאר איינגעפאלן אויפרייצן די אינקוויזיציע קעגן מיר ? ווען ניט

מיין גוטע פריינדשאפט מיט דעם באדאכאזער בישאף, וואלט איך שוין לאנג געווען אין די הענט פון דער הייליקער אינקוויזיציע, וועמעס פּליים עס איז גאנץ אפּט זייער שמערצלעך . . . אָט די אלע צרות האסטו געבראכט אויף מיין קאפּ צו דער פרייד פון אלע מיינע שונאים. און דערפאר זאג איך זיך אָפּ פון דיר און פארשילט די שעה, ווען דו ביסט געבארן געווארן אויף מיין אומגליק !

— פאטער, אין נאמען פון דער הייליקער מאדאנע ! אין נאמען פון הייליקן ראמאן, וועמעס נאמען איך טראג, שווער איך דיר, אז איך בין אומשולדיק ! — האט ראמאן אויסגעשריען מיט א פארשטיקטן געוויין.

— איך גלויב דיר, מיין זון, איך גלויב דיר, — האט זיך די מוטער אפּגערופן.

— מען האט דיך געפונען שולדיק און מען האט דיך פארמשפּט, — האט דאן־אלאנסאָ געזאגט, — דער איינציקער וועג צו ריינוואשן זיך און מיך, איז, אז דו זאלסט זיך פרייוויליק איבערגעבן דער אינקוויזיציע, פארלאזנדיק זיך אויף איר גנעדיקייט און אויף איר יושר.

ראמאן האט שוין אליין אויך געטראכט וועגן דעם און גערעכנט, אז דאס וועט אים ארויסהעלפן, נעמענדיק אין באטראכט זיין יונגן עלטער און אומדערפארנקייט, אבער אויף זיין וועג אהיים, איז אים קלאר געווארן, אז די פשוטסטע און קלארסטע זאכן זיינען אמווייניקסטן אנגענומען אין שפּאניע, וווּ יעדער ווילדע געשיכטע ווערט באטראכט ווי א פאקט און אמתע געשעעניש ווערן פארלייקנט.

די וועלט איז זינדיק, — דאס איז געווען דער גרונטשטיין פון דער פילאזאפיע אין יענער צייט איבער גאר דער וועלט, און אין שפּאניע מער ווי אומעטום.

ראמאן האט אפילו געטראכט צו ווערן א מאנאך, אבער די מורא, אז מען וועט עס אויסטייטשן שלעכט, אז מען וועט אים אנרופן פייגלינג, וואס ציטערט פאר דער אייגענער פעל, — האט אים אפּגעהאלטן פון דעם באשלוס. און דאן — אמארילים. ער האט זי ליב געהאט מיט יעדער טאג אלץ מער און מער. יעדער רגע, וואס ער איז געווען אן איר האט אים געמאכט אומרויק און אומגעדולדיק. די גאנצע וועלט האט אים אויסגעוויזן צו זיין איין גרויסע שלאכט־הויז און דאס ביסל רויִקייט, וואס עס איז דא, איז בלויז אן איבערבייס. איז דען ניט געווען רואיק אין די אנדאלוזיער בערג, ווען די

ציגיינערקע האָט אים שיר ניט אומגעבראַכט מיט איר זיסן שמייכל ? . . איז עס דען ניט געווען חוזק אויף זיין וועג קיין באבאדילא, ווען דאָן־כעזוס האָט אים דערציילט וועגן זיינע וואַנדערונגען איבער פראַנקרייך און איטאַליע ? און איז עס דען ניט געווען חוזק אין די זילבערריקע נעכט, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט דאָנאַ דאָלאָרעז ? און וואָס האָט זיך פון דעם אַלעם אויסגעלאָזן ? איצט איז ער אַ פאַרלאָזענער, אַליין, אַ מאַרטירער, אַ קרבן פון משונהדיקע אומשטענדן, אַן אַרומגערינגלטער פון אַלע זייטן מיט שונאים, ווי אַ ווילדע חיה . . .

— יאָ, איך וועל דאָס ניט טאָן, — האָט ראַמאָן געזאָגט פעסט, — איך טו עס ניט דערפאַר, ווייל איך בין ניט מסכים מיט דיר; איך האָב מיר מיין אייגענע מיינונג וועגן די גערעכטיקייטן פון דער הייליקער אינקוויזיציע. איינס קאָן איך דיר זאָגן קלאָר און זיכער: — פון די טיפענישן פון מיין האַרצן האָב איך צו דיר גערופן, נאָר דו האָסט מיין רוף ניט פאַרנומען. ניט מיין פיין און ניט מיינע טרערן האָבן גערירט דיין האַרץ, וואָס איז פאַרשטיינערט געוואָרן פון גאווה און פוסטן שטאָלץ. זיי געזונט און זאָל דיר גאָט מוחל זיין בעסער, איידער איך בין דיר מוחל . . .

— זיי געזונט!—האָט דאָן־אַלאָנסאָ געזאָגט, ניט רירנדיק זיך פון אָרט.

— ראַמאָן ! — האָט די מוטער אויסגעשריען, — מיין זון, מיין איינציקער זון, פאַרלאָז אונז ניט, בלייב מיט אונדז ! . .

— גיי געזונט, — האָט דאָן־אַלאָנסאָ ווידערהאָלט, — גיי געזונט און פאַרגעס וועגן אונדז. מיר האָבן דיך אויסגעמעקט פון אונדזער האַרצן מיט דריי מאָנאַטן צוריק.

— איך וועל פאַרגעסן, איך האָב שוין פאַרגעסן ! — האָט ראַמאָן געענטפערט.

— אַ, פאַרגיב אים, פאַרגיב אים ! — האָט די מוטער אויסגעשריען, צופאַלנדיק צו דאָן־אַלאָנסאָס האַנט.

— אויב גאָט וועט אים מוחל זיין, וועל איך אים אויך מוחל זיין, — האָט דאָן־אַלאָנסאָ געזאָגט און האָט זיך איינגעבויגן צו אונטערהאַלטן דאָנאַ עלווירא, וועלכע איז אַ האַלב־געחלשטע געפאַלן אויפן שטול.

ח

ראַמאָן איז אַרויס אין אַ לאַנגן, טונקעלן קאָרידאָר און האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. ווען ער איז צוגעגאַנגען צום אַנדערן עק קאָרידאָר, האָט

זיך א שארפער פּאס ליכט ארויסגעריסן און האָט בולט באַלויכטן א האלב־אָפענע טיר. דאָס איז געווען די טיר פון זיין זיידנס צימער. די פּיס האבן זיך ראמאַנען אונטערגעבראכן, אין מויל איז אים געווען טרוקן און דער קאָפּ איז געוואָרן שווער ווי מיט בליי אָנגעגאָסן פון דעם שווידערלעכן געדאנק: וואָס וועט זיין מיט אמארילים? . . ער האָט מיט די הענט געדריקט די שלייפן פון קאָפּ, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן און אויף וואָס זיך צו באַשליסן. פּלוצלונג האָט ער דערהערט א שטילע, אָבער א קלאָרע שטימע:

— ראמאַן! . .

אַן איבערראַשטער האָט ער אָן עפן געטאָן די טיר. דער זיידע איז געלעגן אין בעט, צוגעדעקט מיט א רויטער דעקע, וואָס דאָן־אַלאָנסאָ האָט פאַר אים געבראכט פון דייטשלאַנד. זיין פּנים איז געווען געל פון אַלטקייט, אָבער די אויגן זיינע האָבן געברענט מיט א יוגנטלעכן פייער, וועלכן זיינע ניין־און־ניינציק יאָר האָבן ניט געקאָנט אויסלעשן. ניט וויסנדיק אַליין, וואָס ער טוט, איז ראמאַן געפאַלן אויף די קני און האָט באַדעקט דעם זיידנס ציטערנדיקע האַנט מיט קושן און טרערן.

— זיידע, אַ, זיידע! — האָט ער געיאָמערט, — איך בין אין א שרעקלעכער געפאַר, זיידע! אַ, וואָס פאַר אַן אומגליק, וואָס פאַר אַן אומגליק! . .

— פאַרליר ניט קיין מוט, מיין ליבער אייניקל, — האָט דאָן־כאַזע שטיל געזאָגט — איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קומען צוריק צו אונדז און איך האָב געוווּסט, אַז גאָט וועט מיך ניט שטראָפן אַזוי שטאַרק און וועט מיר געבן דאָס פאַרגעניגן אָנצוקוקן מיין אייניקל . . .

— אַ, זיידע! אַ, ווי איך האָב געליטן, — האָט ראמאַן מיט א ציטערנדיקער שטימע געזאָגט, — אַ, ווי איך האָב געציטערט אין די קאַטאַקאָמבעס אין דער קעגנוואַרט פון מיינע פאַרפאָלגער! . .

— גאָט איז מיט דיר, מיין קינד, און וועט זיין מיט דיר אייביק, — האָט דאָן־כאַזע געזאָגט, — ווייל דו ביסט גערעכט און דיין האַרץ איז ריין און ניט באַפלעקט מיט זינד, און הגם דו ביסט דערצויגן געוואָרן אין געצנדינערײַ, ביסטו דאָך פאַרבליבן מיט דעם איינציקן גאָט פון משה, פון יעקב און פון אברהם. יעדער מענטש איז דאָס וואָס ער איז, און ניט דאָס, וואָס עס דוכט זיך אַז ער איז.

מיט פאַרוווּנדערונג האָט ראמאַן אָנגעקוקט זיין זיידן און האָט אויסגעשריען אין אַנגסט:

— זיידע, איך בין אומשולדיק ! דו פארשטייסט מיך ניט, — איך ביר אומשולדיק ! דו פארשטייסט מיך ניט, — איך בין אומשולדיק ! דאס איז געווען דאן־כעזום מאנטאלבאן.

— יא, מיין קינד, איך וויים, — האט דאן־כאזע געזאגט שטיל און זיינע ליפן האבן אנגעהויבן שעפטשען פסוקים פון וידוי . . .

— איך וויים אלץ און באלד וועל איך שוין קיין זאך ניט דארפן וויסן . . . אבער איך בין שטאלץ און פול מיט טיפן גלויבן, אז עס וועט נאך אויפגעבויט ווערן דער היכל פון דוד — דער בית־המקדש. עס זיינען געווען פיל משיחים ביי יידן. עס זיינען געווען : אשר, מולכי, ראובני, און אלע זיינען זיי דורכגעפאלן, ווייל זייער גלויבן איז ניט געווען שטארק גענוג. געלויבט זאל זיין גאט אין הימל פאר זיין גרויסן חסד, וואס ער האט געטאן מיט מיר און האט מיר באשערט צו זען דיך און צו דערמוטיקן דיך איידער איך פארמאך די אויגן אויף אייביק . . .

— א, זיידע, זיידע, — האט ראמאן גערעדט ווייטער מיט א שטים, וואס מען האט קוים געקאנט הערן, — א, ווי איך האב דיך ליב, ווי מיין הארץ ווערט מיר צעריסן זעענדיק, אז אויך דיך פארליר איך ! . .

— איך שלאף זייער ווייניק, ווייל די קלוגע נאטור האט שוין אזוי געמאכט, אז די אלטע ביינער זאלן האבן רו ערשט דאן, ווען זיי וועלן ברענגען צו קבורה די נשמה . . . אין איין שלאפלאזער נאכט האט זיך מיר באוויזן א ווייסער מלאך און האט מיר געזאגט, אז דו וועסט קומען און וועסט מיר פארמאכן מיינע אויגן אין דער לעצטער מינוט, נאכדעם ווי איך וועל דיך בענטשן פאר דיין מוט און פאר דיין שטארקן גלויבן . . . און איך האב געלויבט גאט דערפאר . . .

ראמאן האט זיך אויפגעהויבן און האט זיך אוועקגעזעצט אויפן ברעג פון דעם זיידנס בעט. ער האט זיך דערמאנט וועגן די רייד, וואס דאן־כעזום האט גערעדט וועגן זיידן, רייד, וועלכע ער האט ניט פארשטאנען און אפילו ניט געוואלט פארשטיין מיט דער איינגעשפארטקייט פון לייכטזיניקער יוגנט. איצט איז אים אלץ געווען קלאר, ווי די וואסער פון א קוואל, וואס פליסט פון א הויכן בארג.

דער אלטער האט זיך צוגערוקט נעענטער צום אייניקל.

— מיינע מינוטן אין דעם הויז זיינער געציילטע, — האט ער געזאגט, — מיין זון האט פארקויפט זיין גלויבן און זיין נאבעלע יידישקייט

פאר א טאפ לינדזן און איך ליג דא שטיל, ווי אן אפגעהאקטער דעמב, ווי א מצבה אויף מיינע אייגענע חלומות און האפענונגען . . . הויב זיך אויף, מיין קינד, עפן אויף דעם שראנק, דארטן וועסטו געפינען צוויי גאלדענע קייטן און א גאלדענעם בעכער. נעם עס און דאס וועט דיר ארויסהעלפן איז דיין נויט צו דערגרייכן פלאנדערס, וווּ דו וועסט ניט דארפן מער מורא האבן פאר קיינעם. קוק מיך אן צום לעצטן מאל און איך וועל בעטן גאט פאר דיר און וועל אויסבעטן אויך א שטראף פאר אונדזערע שונאים.

— אמן ! — האט ראמאן געזאגט, באהאלטנדיק אין קעשענע די גאלדענע חפצים און קושנדיק דעם זיידנס צעקנייטשטע האנט.

— אט פון דעם בעכער האב איך געטרונקען וויין יעדער פרייטיק צו נאכט, נאך קבלת־שבת, צו קידוש . . . אַ, ווי לאנג צוריק איז דאס געווען . . . בויג זיך איין צו מיר, מיין קינד, לאמיך דיך א קוש טאן, דיך דעם איינציקן, וואס איז מיר געבליבן, מיין איינציקע האפענונג אויף יענער וועלט . . . גיב מיר א פעדער, אפשר וועט מיר גאט געבן כוח צו אנשרייבן א פאר ווערטער, וואס וועלן דיר צונוץ קומען.

ראמאן האט געבראכט א גענזענע פעדער, א שטיקל פאפיר און א בוד, אויף אוועקצולייגן דעם פאפיר. דער אלטער האט מיט אנגעשטרענגטן ווילן גענומען די פעדער אין האנט און האט פאמעלעך אנגעשריבן עטלעכע ווערטער.

— דאס איז א בריוו צו בנימין גארדאזא, א ווייטער קרוב אונדזערער און אן איינוווינער פון דער גרויסער שטאט אמסטערדאם, — האט דער אלטער געזאגט, — אין זיין הויז וועסטו געפינען רו און טרייסט, ווייל דארט געפינט יעדער ברודער אין ישראל אן אפרו און א טרייסט. איצט גיי געזונט, מיין קינד, זיי פארזיכטיק און רייד וואס ווייניקער און אנטלויף פון דער שוידערלעכער, בייזער שטאט ! . .

— ביז מיין טויט וועל איך דיך געדענקען, זיידע, — האט ראמאן געזאגט מיט טרערן אין זיין שטים.

— גיי, מיין קינד, און זיי פארזיכטיק ווּהין דו גייסט . . . עס ווערט דערציילט א מעשה, אז אמאל האט שלמה המלך באגעגנט דעם מלאך המות זייער א טרויעריקן; האט אים שלמה געפרעגט פארוואס ער איז אזוי טרויעריק, האט דער מלאך המות געענטפערט, אז ער איז טרויעריק, ווייל ער איז געקומען צונעמען שלמהס צוויי באליבטע סעקרעטארן. דערהערנדיק אזוינס, האט שלמה גלייך אוועקגעשיקט די צוויי באליבטע סעקרעטארן זיינע קיין לוד,

א שטאָט ווּ דער מלאך המות האָט קיין שליטה ניט געהאַט. ווען די צוויי זיינען געקומען צו די טויערן פון דער שטאָט לוז, זיינען זיי געפאַלן און גע־שטאָרבן. אויף מאָרגן האָט שלמה ווידער באַגעגנט דעם מלאך־המות, אָבער שוין א פריילעכן. פרעגט ער אים, פאַרוואָס ער איז אַזוי פריילעך, — ענט־פערט אים דער מלאך המות, אַז ער האָט מער קיין זאַך ניט געוואָלט, ווי נאָר אַרויסנעמען די צוויי מענטשן פון דאַנען... דאַן האָט שלמה המלך געזאָגט: "רגליהן דבר נש אינן ערבין לו" — דעם מענטשנס פיס זיינען ערוב פאַר אים.

— איך וועל שוין זען, אַז מיינע פיס זאָלן מיך ניט פירן אויף שלעכ־טע וועגן, — האָט ראַמאַן געזאָגט און איז ווידער געפאַלן אויף די קני פאַרן אַלטן זיידן און האָט געווישט די טרערן וואָס זיינען גערונען פון זיינע אויגן. איך האָף, אַז גאָט וועט מיך אַרויספירן פון די אַלע אומגליקן, וואָס איך האָב אַליין דורכגעמאַכט לעצטנס און וואָס איך האָב זיך אָנגעזען אַרום מיר. איך האָף, אַז ער וועט מיך אַרויספירן פון דער פינצטערניש צו ליכט און צום אייביקן אמת.

— אָמן! — האָט דאַן־כאָזע געזאָגט און זיי האָבן זיך צעשיידט אויף אייביק.

דער קאָרידאָר איז געווען טונקל און אַלע טירן זיינען געווען פאַר־שפּאַרט, חוץ דער טיר, וואָס האָט געפירט אין זיידנס צימער.

ער האָט אַרויסגעשטעלט זיין פוס דורכן פענצטער און האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון הויז.

די לבנה, א באַדעקטע מיט א לייכטן וואָקלנדל, האָט בלאַס באַלויכטן דעם שניי. ער איז אַרויפגעקראָכן אויפן פאַרקאַן און איז אַרום אויף דער גאַס, וועלכע איז געווען פאַרגאָסן מיט לבנה־ליכט.

אַלץ אַרום איז געווען שטיל. די שטאָט איז געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. מיט שטילע טריט, געגנבעטערהייד, האָט ער זיך שנעל אַוועק־געלאָזן צו דער קרעטשמע, וווּ ער האָט איבערגעלאָזן אַמאַרילים.

מא

ניט זאָגנדיק קיין וואָרט צו אַמאַרילים, האָט ער באַצאָלט דעם קרעטש־מער און האָט געגעבן עטלעכע מטבעות דעם דינער, וואָס האָט אַרויסגעפירט דעם אייזל פון שטאַל.

— קום, — האָט ער זיך אָפּגערופן צו אַמאַרילים אַזוי, אַז דער

קרעטשמער זאָל עס הערן, — מיר מוזן תיכף פאָרן קיין פּלאַסענסיאַ, ווארים איך קאָן פארשפּעטיקן און פאַרלירן גאָר מיין האָב און גוטס.

דער קרעטשמער האָט זיי ארויפגעפירט אויף דעם וועג וואָס פירט קיין פּלאַסענסיאַ און האָט זיך פאַרנויגט פאַר זיי, ווינטשנדיק זיי אַ גוטע רייזע.

זיי זיינען געווען אויפן וועג . . .

— קיין וואָרט ניט איצט ! — האָט ער איינגערוימט אמאַרילים.

נאָך אַ האַלבער שטונדע בלאָנדזשעניש אין דער פינצטער, ווען זיי זיינען אַרויס פון די מער באַוווינטע גאַסן, האָט ער פאַרקערט צו מזרח און זיי זיינען אַרויף אויף דעם וועג, וואָס פירט קיין טאָלעדאָ . . . ביי אַ האַלבע שעה זיינען זיי געגאַנגען שטיל, ניט רײדנדיק קיין וואָרט, ביז זיי זיינען אַרויס פון די גרעניצן פון שטאָט. דער וועג איז געווען ווייס, די קליינע בערגלעך האָבן אויסגעזען ווי שאָטנס פון הייזער־גרופּעס.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אונטער אַ גרויסן דעמבענעם בוים.

— וואָס האָט פּאַסירט ? — האָט אמאַרילים געפרעגט.

— איך האָב אַלץ פאַרלאָרן ! — האָט ער געזאָגט מיט אַ קרעכץ.

— איך בין מיט דיר, — האָט זי געזאָגט.

— אויב אַזוי איז די גאַנצע וועלט מיינע ! — האָט ער זיך אָפּגערופן.
— דו ביסט מיין וועלט.

זי האָט געציטערט פון קעלט און פון אויפרעגונג. ער האָט גענומען זיין שאַל און האָט צוגעדעקט אירע אַקסלען.

— ניין, ניין ! — האָט זי אויסגעשריען, מיר איז ניט קאַלט. איך וויל וויסן וואָס עס האָט פּאַסירט. דיין פאָטער וויל מיך ניט ?

— ער וויל מיך אויך ניט, — האָט ראַמאָן געענטפערט, — איצטער זיינען מיר ווירקלעך אַליין אין דער גאָרער וועלט.

— ביסטו באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן ? — האָט זי אַ פרעג געטאָן. זי האָט די גאַנצע צייט חושד געווען, אַז ער איז פאַרמישט אין עפּעס אַ פאַרברעכן און איז געצוווּנגען דעריבער צו בייטן דעם נאָמען. עס האָט זי געצויגן צו דערוויסן זיך דעם סוד.

— איך בין ניט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן, — האָט ער געענטפערט, — עס איז קאַלט. לאָמיר גיין ביז מיר וועלן זיך דערווייטערן אַביסל פון באַדאַכאָז. דו וועסט זיך דערוויסן אַלץ, פאַר דיר איז קיין זאַך ניט פאַרבאָרגן, ווייל דו ביסט גאָר מיין וועלט.

ער האָט אַרויסגענומען איינע פון די גאָלדענע קייטן פון זיין קעשענע און האָט עס אָנגעטאָן אַמאַרילִיסן אויפן האַלדז.

— מיין זיידע האָט מיר געגעבן די קייט און נאָך איינע, אַ קלענערע, און אויך אַ גאָלדענעם בעכער, כדי מיר זאָלן מיט דעם געלט קאָנען אוועק פון שפּאַניע. טראָג די איינע, אפשר וועלן די אַנדערע צוויי שטיקער צירונג גענוג זיין פאַר דער רייזע. צען דוקאַטן האָב איך נאָך באַהאַלטן אויף אַ נויטפאַל — איצט וועט עס גוט צונוץ קומען.

— וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע קייט! — האָט אַמאַרילִיס געזאָגט, אי־בערקוקנדיק יעדער רינגעלע פון קייט, און אירע אויגן האָבן געגלאַנצט פאַר פרייד.

— איך בעט דיך, ראַמאָן, דערצייל מיר, — האָט זי געזאָגט צו אים.

ווען זי איז צוגעפאָרן מיט איר אייזל נאָענט צו ראַמאָנען, האָט ער איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון זיין באַגעגעניש מיט דאָן־כעזוס מאָנ־טאַלבאַן און די אומגליקן, וואָס זיינען פון דעם אַרויסגעקומען.

עס איז געוואָרן נאָך קעלטער. אַ שטאַרקער ווינט מיט אַ געדיכטן, קאַלטן רעגן האָבן אָנגעפילט די לופט, אָבער ראַמאָן האָט זיך געפילט גאַנץ וואַרים פון דעם גיין, און אויך די זכרונות, וואָס האָבן זיך דערוועקט אין אים, דערציילנדיק איר די געשיכטע, האָבן אויפגעברויזט זיין געמיט. ער האָט זייער אויפמערקזאַם און מיט ציטער נאָכגעקוקט, וואָס פאַר אַן איינ־דרוק די געשיכטע וועט מאַכן אויף אַמאַרילִיסן.

ער האָט דערוואַרט אַז זי וועט אים שטעלן די פאַטאַלע פראַגע וועגן זיין רעליגיע און ער האָט געזוכט אין זיינע רעיונות די פּאַסיקסטע ווערטער, מיט וועלכע צו ענטפערן איר. אָבער ער האָט קיין ענטפער אויף שנעל ניט געפונען, ווייל וועגן קיינע איבערצייגונגען האָט ער ניט געטראַכט — ער האָט בלויז געטראַכט וועגן זיין זיידן. אפילו וועגן דעם פאָטער האָט ער ניט געטראַכט.

ער האָט געזען זיך אַליין אַ שטייענדיקן איבער דעם זיידנס קאָפּ־קושנדיק זיינע אַלט־יונגע אויגן. ער האָט געזען, אין זיין דמיון, דאָן־כעזוסן ליגנדיק אַן אויסגעצויגענעם אויפן עשאַפאָט פון דער אינקוויזיציע און די דאָנאַ פילאַר, ווען מען האָט זי אוועקגעשיקט אין אַ ווייטן מאָנאַסטיר ערגעץ אויף אַ באַרג, וווּ זי וועט אינגאַנצן זיין אָפּגעשניטן פון דער וועלט. ער האָט דערשפּירט זיך אַליין אין דער ראָל פון איינעם, נאָך וועמען מען יאָגט

זיך ווי נאָך א חיה, בעת ער איז אינגאנצן אומשולדיק, — און זיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פאַרביטערטקייט. ער האָט זיך באמת דערשפירט ווי א ייִד . . .

— וואָס וועלן מיר איצט טאָן ? — האָט אמארילים געפרעגט.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אונטער א גרויסן סיקאמאָר בוים, ווייל עס האָט שטאַרק גערעגנט.

— ביסטו מיט מיר, אָדער ביסטו קעגן מיר ? — האָט ער זיך געווענדט צו איר.

— איך האָב דיך ליב און בין דיינע אויף אייביק, — האָט זי געענטפערט, — וווּ דו וועסט גיין, וועל איך אויך גיין; דיינע געפאַרן, זיינען אויך מיינע געפאַרן און דיין גליק איז אויך מיין גליק.

— מיט דיר האָב איך פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט ! — האָט ער אויסגעשריען, צופאַלנדיק מיטן פּנים צו אירע אָרעמס. אָ, ווי איך האָב דיך ליב, אמארילים, ווי איך האָב דיך ליב, מיין טייערסטע, מיין לעבן, מיין ליכטיקער שטערן. און ווי קליין און נישטיק עס איז אַלץ אין דער וועלט קעגן דיר.

— וואָס גייט עס מיר אָן צי דו ביסט א ייִד אָדער אַן אראַבער ? !
— האָט זי אויסגעשריען און האָט זיך צעוויינט אויפן קול.

דער בוים איז געווען ברייט צעצווייגט און א ווײַלע זיינען זיי געשטאַנען באַשיצטע פון דעם רעגן. זי איז געשטאַנען צוגעטוליעט צו אים און האָט אין עקסטאַז געטראַכט וועגן איר ליבע צו אים, וועגן די קרבנות, וועלכע זי איז גרייט צו ברענגען פאַר אים. ביסלעכווייז האָט אָבער דער רעגן אָנגעהויבן דורכנעצן דורך די צווייגן און דאָס איז געווען זייער אומאָנגענעם. ראַמאָן האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם מאַנטל און האָט אַרומגעוויקלט אמארילים.

— מיר זיינען אומבאַזיגבאַר, — האָט ער געזאָגט, — ווייל דיין ליבע איז ווי א שטורעם, וואָס טראָגט זיך איבער מדבריות. פאַרכאַפּנדיק אַלץ וואָס אין וועג געפינט זיך. מיין האַרץ איז פול מיט געזאַנג, ווייל דו ביסט מיט מיר.

— וואָס הויבן מיר אָן צו טאָן ? — האָט זי געפרעגט.

— מיר וועלן זיך אומקערן קיין טאָלעדאָ. דאָרטן וועלן מיר שטיין ביז מאָרגן, מיר וועלן אַנזאַמלען מער געלט און דאַן וועלן מיר אַוועק קיין

בארצעלאנא און פון דארט קיין איטאליע, — האט ראמאן געענטפערט.

— ניין, נאר ניט קיין טאלעדא. גיי ניט אהין ! — האט זי אויס־געשריען ווי אין שרעק.

ראמאן האט זי אנגעקוקט פארוואונדערט. ער האט אויך געהאט עפעס א מאדנעם פארגעפיל, וואס האט אנגעפילט זיין הארץ מיט שרעק. ער האט זיך דערמאנט אויף דעם שווידערלעכן אויטא־דא־פע, וועלכן זיי האבן בייגע־וווינט אין דער שטאט.

—איך האב געטראכט וועגן דער יונגער, שיינער פרוי, וואס מען האט דערווארגן און פארברענט, — האט אמארילים געזאגט, — איך קאן עס ניט פארגעסן. איר פנים שטייט פאר מיינע אויגן און פארפאלגט מיך וואו איך גיי און שטיי. אויב מיר קערן זיך ווידער אום קיין טאלעדא, וועלן מיר זיין עדות ווי יעדער שטיין וועט שרייען צום הימל וועגן דעם פאר־ברעכן, וואס מען איז באגאנגען קעגן אזא יונג און שיין לעבן . . .

— זי איז געווען א ניט־גלויביקע, — האט ראמאן געזאגט, — פונקט אזא ווי איך בין אליין.

— אירע אויגן און איר מויל זיינען געווען קלאר און ריין און אומ־שולדיק, — האט זי פארטגעזעצט, — שטעל זיך פאר מיך אויפן עשאפאט, אדער שטעל זיך פאר זיך אליין . . .

— באַרויִק זיך, קינד, — האט ער געזאגט, פארמאכנדיק אירע ליפן מיט א קוש, — מיר וועלן דא ניט שטיין לאנג.

— איך שרעק מיך פאר טאלעדא, ראמאן. איך האב מורא פאר סאלענטן.

— מיין קינד, דו באאומרואיקסט זיך איבער קלייניקייטן. ער קאן אונדז קיין שלעכטס ניט טאן, אפילו אויב ער זאל עס וועלן.

— ער האט מיך איינמאל אטאקירט . . .

— איך ווייס עס. דו קאנסט אבער דיין שטעטל באשטיין. איך בין זיכער, אז ער וועט עס מער ניט וואגן.

— טאמער געפינט ער אויס עפעס וועגן דיר ?

— ווי אזוי קאן ער עס ? קיינער ווייסט ניט וועגן דעם. אפילו די שטענדיק זוכנדיקע און נישטערנדיקע אינקוויזיציע האט צוגענומען די שפי־אנען פון מיין פאטערס הויז. עס וועט נעמען יארן ביז די נייעס וועגן מיין אנטלויפן וועט דערגרייכן שטאט און שטעטל איבער גאנץ שפאניע.

— זיינע בייזע אויגן ווארפן אויף מיר אן א שרעק. עס חלומט זיך

מיר אַפּטמאַל, אַז ער זיצט לעבן מיר און זויגט פון מיר אויס מיין בלוט. פון זיינע אויגן שטראַלט אַרויס אַ ווילדער כוח, אַ פאַרצערנדיקע קראַפט.

— אַ,דאַס דוכט זיך דיר אַזוי, — האָט זי ראַמאָן באַרוּיקט, — ער איז בכלל אַ גאָרנישט. איך בין פאַר אַלעמען דאָן איניגאָ דע סאַטאָמאַ־יאָר און אַן איינוווינער פון הועלוואַ. איך קאָן מיר אַזוי אויסלעבן מיינע יאָרן. מיר וועלן לעבן שטיל און באַשיידן, ניט אַרויסרופנדיק קיינעמס אויפ־מערקזאַמקייט, ביז מיר וועלן זיין גרייט צום אַרויספאָרן. און וואָס איז שייך סאַלענטן — וועל איך שוין אַכטונג געבן אויף דעם כלב...

— אַ, איך בעט דיך, ראַמאָן, — האָט אַמאַרילים פּלוצלונג אויסגע־שריען, — איך בעט דיך: ניי ניט קיין טאַלעדאָ. איך האָב מורא פאַר דער שטאָט. די ווענט אירע דריקן מיך. לאָמיר בעסער גיין קיין וואַלאַדאָלים און פון דאָרטן צו אירגענד וועלכער פראַנצויזישער גרעניץ־שטאָט.

— עס איז דאָך אָבער זייער קאַלט! מיר קאָנען דאָך ניט אַריבער די בערג ווי די אַמאָליקע ראָמאַנטישע ריטערס און גענעראַלן. איך האָב דיך צו שטאַרק ליב, אַז איך זאָל וואָגן ריזיקירן מיט דיין לעבן. מיר וועלן גיין קיין טאַלעדאָ, מיר וועלן זען ראַכאַסן און הערן, וואָס ער האָט צו זאָגן. דאַן וועלן מיר גיין קיין באַרצעלאָנאַ און פון דאָרט קיין מאַרסעל אָדער נעאַפּאַל.

— זאָל שוין זיין ווי גאָט האָט עס באַשטימט, — האָט זי פאַרענדיקט אַ מידע, — איך ווייס אַליין ניט, וואָס איז בעסער און וואָס איז ערגער...

— איצט איז אונדזער איינציקע מעגלעכקייט פאַר דערפאָלג צו פאַר־אייניקן די כוחות אונדזערע מיט ראַכאַסן, — האָט ראַמאָן געזאָגט, — מיט אים קאָנען מיר זיך גרינגער אַריבערכאַפּן דעם גרעניץ קיין פראַנקרייך.

— אַ, איך וואָלט וועלן, אַז דאָס זאָל שוין אַלץ אַריבער, — האָט זי געזאָגט טוליענדיק זיך צו אים.

— אונדזער ליבע וועט אונדז געבן מוט און קראַפט! — האָט ראַמאָן געזאָגט.

— איך גלויב אין דיר און איך ליב דיך, — האָט זי אים אָפּגעענטפערט אויף זיינע רייד, — איך גלויב אין דיין מוט און דאָס איבעריקע איז ביי גאָט אין די הענט.

זי האָט באַמערקט, אַז ראַמאָן איז געווען זייער באַזאָרגט פון דער אַנט־דעקונג, אַז ער איז ניט קיין ריינער קריסט און דעריבער האָט זי וועגן דעם געשוויגן, — ער וואָלט זיכער אין יעדער וואָרט געזוכט אַ חשד, אַז אַנדייטונג

אויף דעם, וואס עס האט אים באאומרויקט. אין אזעלכע פאלן איז גלייכער צו שווייגן . . . זי האט צוגעדריקט איר קאפ צו זיין ניט־ראזירטער באק און האט צארט געהאלטן זיינע הענט אין אירע.

און אזוי זיינען זיי געשטאנען שעהן לאנג ביז דער רעגן האט אויפגע־הערט. זייער געמיט איז געווארן רואיקער און זייערע הערצער זיינען ווידער אנגעפילט געווארן מיט מוט און האפענונג.

מב

א קאלטער ווינט האט געבלאזן איבער די בערג, ווען זיי זיינען צוגעקומען צו די פארשטעט פון טאלעדא. א טיפער שניי האט באדעקט דעם וועג און דער אייזל האט קוים געשלעפט די פיס. ער פלעגט זיך אפט אפשטעלן און באטראכטן זיין טרויעריקן גורל, אבער גיין ווייטער האט ער זיך געפוילט.

דער הימל איז געווען פארצויגן מיט דיקע, גרויע וואלקנס און דער אויבערפלאך פון טייך איז געווען שווארץ. די מויער־וועגט פון שטאט האבן מיט זייערע שפיצן און קאלאנעס געטורעמט ווייט, ביז דער ציטאדעל, און פון בארג אראפ האט דעם ארציבישאפס פאלאץ מיט שטאלץ אראפגעקוקט אויף די קליינע ארימע הייזלעך פון די נעבעכדיקע גלחים, אדער פון סתם ארימע ברידער . . . דער אלקאזאר און די גלעקער־טורעמס פון די קאטעדראלן האבן זיך געהויבן צום הימל.

ווי נאר זיי זיינען אריין אין שטאט, האבן זיי זיך גלייך אוועקגעלאזן צו דער אלמנהס שטיבל, אבער צו זייער גרויס איבערראשונג, האבן זיי דארט ניט געפונען ניט ראכאסן און ניט סאלענטן. די קינדער אפגריסענע און שמוציקע ווי תמיד, האבן זיך שטארק דערפרייט מיט אמארילי׳סן און האבן זי ארומגערינגלט טומלדיק.

א מידע, מיט ניט קלארע און טרויעריקע פארגעפילן, האט זיך אמא־רילים אוועקגעזעצט אויפן ברעג בעט און ראמאן האט זיך אויף שנעל גענו־מען איבערלייענען דעם בריוו, וואס ראכאס האט איבערגעלאזן פאר זיי.

— עס האט אים זייער באנג געטאן צו פארלאזן אונדז, — האט די אלמנה געזאגט וועגן ראכאסן, — עס האט אים זייער שטארק פארדראסן, וואס ער קאן ניט האלטן ווארט, אבער ער האט זיך ניט געקאנט העלפן, — ער האט קיין איין פעני ניט געהאט און האט דעריבער ניט געקאנט ווארטן לענגער.

די אלמנה האט זיך אנטשולדיקט און איז אוועק אין שטאט צו א לויה פון אן אנגעזעענעם באלעבאס.

ראמאן האט פארגעלייענט פאר אמארילִיסן ראבאסעס בריוו.

"מיין ליבער פריינט, דאן־איניגא", — האט ער געשריבן, — "איך פארלאז די בארימטע שטאט טאלעדא, וווּ מיין טאלאנט איז — א, גאטע־ניו ! — אזוי ווייניק אנערקענט. די צייטן זיינען זייער שלעכטע און, ווי אלע נאבעלע שפאניער, קאן איך בלויז זיפצן און שעלטן מיין אייגענעם מזל . . . פאר דער צייט, וואס דו ביסט ניט געווען בין איך דערגאנגען צו אזא שוידערלעכן מצב, אז ווען ניט מיין אלטער פריינט מארטינעז, וואלט איך שוין געווען אויף יענער וועלט אין די הענט פון גאט און זיינע מלאכים. סאלענט איז אוועק אין א מאנאסטיר. ער גרייט זיך צו פארלאזן די נארישע וועלט און ווערן א מאנאך. איך באשולדיק אים ניט, ווייל ניט די וועלט וועט עפעס פארלירן און ניט די מאנאכן וועלן עפעס געווינען . . . לאז איך זיך אוועק אליין קעמפן מיט דער בארמלאזער וועלט און מיט אירע מענטשן. מארטינעז ריכטעט זיין וועג צו די הינדוס און ווי איך פארשטיי זיינען דארט אקטיארן זייער אנגעלייגטע געסט. אין פערו, למשל, ווייס איך, אז דער ארימסטער טראגט גאלדענע שנאלן אויף די שיך און אקטיארן ווערן דארט סוף־כל־סוף רייך און איילן זיך ניט אומצוקערן צוריק אין שפאניע. מיר פארן איצט אוועק קיין בארצעלאנא. דארט וועלן מיר בלייבן בלויז א קורצע צייט, כדי אנזאמלען אביסל געלט און דאן גלייך צו די הינדוס און צו א נייעם לעבן. אויב דער דאזיקער בריוו וועט דערגרייכן דיינע הענט, באשלים אויף שנעל צי וואלסטו און אמארילִיס ניט געוואלט פאראייניקן זיך מיט אונדז און א פחגוו טאן מזל אין פערו. מען זאגט, אז די זון ווארימט דארטן אזוי גוט ווי אין קארדאבא און אז די דארטיקע איינוווינער גיבן אוועק שטיקער גאלד אבי נאר געבן זיי א מעגלעכקייט צו זען א פארשטעלונג. הלוואי זאל עס נאר זיין אמת ! זייערע טייכן, בערג און טאלן זיינען פונקט ווי אונדזערע, און זייערע פליישן זיינען אזוי נאר־האפט ווי די פלייש פון אונדזער היימלאנד. זיצנדיק אמאל ביי א גלעזל וויין, האט מיר מארטינעז דערציילט א געשיכטע, וועלכע איך וויל דא איבערדער־ציילן. ער האט דערציילט, אז אמאל האט אן אריענטאלישער קעניג אוועק־געשיקט זיין דינער, ער זאל אים ברענגען א געוויסע זייער טייערע פיש. דער דינער האט געבראכט די פיש, אבער זי איז געווען ניט־פריש און האט אפילו

שוין שלעכט געשמעקט. דער קעניג איז אויפגעבראכט געווארן און האט גע־זאגט צום דינער, אז ער זאל זיך אויסקלייבן איינע פון די פאלגנדיקע דריי שטראפן: אדער ער זאל עסן די פיש, אדער הונדערט שמיץ, אדער ער זאל באצאלן פאר די פיש. דער דינער האט אויסגעקליבן דאס ערשטע. ווען ער האט געהאט אויפגעגעסן קוים א העלפט פון דער פיש איז אים אזוי ניט גוט געווארן, אז ער האט באשטימט בעסער צו קריגן שמיץ. ווען מען האט אים ארייגעציילט די ערשטע פינף און צוואנציק שמיץ, האט ער דערשפירט אזעלכע ווייטיקן, אז ער האט אנגעהויבן בעטן מחילה און איז וויליק געווען בעסער צו באצאלן פאר די פיש. אזוי ארום האט דער ארעמער דינער באַ־קומען א דרייענדיקע שטראף: געגעסן שלעכטע פיש, געקראגן שמיץ און נאך באצאלט דערפאר. אזוי לערד זעט אויס מיין איינן לעבן . . . איך פארבלייב דיין איבערגעבנסטער פריינט און דינער, איך קוש דיין האנט און בעט דיך איבערגעבן מיינע הארציקסטע גרוסן צו דאנא אמארילים . . . דיין דאָן פיליפא דע ראכאס, פון קאריאן".

ראמאן האט געענדיקט לייענען דעם בריוו און א צעטומלטער און דערדריקטער האט ער געקוקט אויף אמארילים. אלע זיינע פלענער זיינען צעפאלן ווי שפינוועבס . . .

— לאמיר זיך גלייך פארנעמען און פארן קיין בארצעלאנא, — האט אמארילים געזאגט, — און טענה מיר ניט, אז איך בין צו מיד . . .

— אבער גיב א קוק אויף דיינע הענט, — זיי זיינען דאך צעשפאלטן פון קעלט און רעגן, דיין פנים איז שווארץ און פארפרוירן פון די שרעקלעכע קאסטיליער ווינטן.

— פארקערט, איך בין גרייט צו קריכן אויף די העכסטע בערג, — האט זי געזאגט מיט א ציטער אין איר שטימע, — איך וויל ניט בלייבן דא אין שטאט קיין איין רגע. דער הימל איז שווארץ, ווי ביי מיר אויפן הארצן און די גאסן זעען מיר אויס ווי זיי וואלטן מיך וועל איינשלינגען . . .

— איך מוז די זאך באטראכטן, — האט ראמאן געזאגט, — איין גאט ווייס דעם אמת, אז איך וואלט א האלבן לעבן אוועקגעגעבן, איך זאל איצט קאנען זיין מיט דיר אין פערו. איך האב אבער מורא פאר די באאמטע אין פארט. איך האב מורא צו באגעגענען זיך מיט זיי, איך זאל זיך אמאל אליין ניט ארויסגעבן מיט א ווארט, אדער אנדערש ווי.

— ראמאן, ליבער, איך בעט דיך, טו אזוי ווי מיין הארץ זאגט מיר אונטער, — האט אמארילים געזאגט און האט זיך צעוויינט צופאלנדיק צו אים.

— ווייַן נים, מיין ליבסטע, — האָט ער זי באַרויִקט, — וווּהין מיר זאָלן ניט באַשטימען צו גיין, וועלן מיר פון דאַנען סיי ווי סיי אַוועקגיין תיכף. איך וועל נאָר געבן דעם אייזל אַ טרונק. דיין וואָרט איז ביי מיר אַ געזעץ און אַפילו דיינער אַ קאַפּריז באַדאַרף ניט קיין דערקלערונגען . . .

ראַמאַן איז אַרויס פון הויז און האָט זיך אַנגעטראָפן מיטן קליינעם כאַזע, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון מאַנאַסטיר.

— ווען איז סעניאָר ראַכאַם אַוועק פון דאַנען ? — האָט ראַמאַן געפרעגט.

— מיט פינף טעג צוריק.

— איז ער אַוועק אַליין ?

— יאָ, אַליין. — האָט דער יינגל געענטפערט גליקכגילטיק, איז אַריין אין שטוב און האָט פאַרזיכטיק אַוועקגעלייגט זיינע ביכער אויפן טיש. ער האָט באַמערקט אַמאַרילישן און האָט זי זייער וואַרים באַגריסט. זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך און האָט אים געקושט מיטן גאַנצן אייפער פון איינער, וואָס איז אין דערוואַרטונג צו ווערן אַ מוטער . . . ער האָט זיך צוגעטוליעט צו איר און אַ זיסער ציטער איז אים אַדורך דורך זיינע גלידער. פּלוצלונג האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון אירע הענט, איז אַפּגעשפּרונגען אַן אַ זייט און האָט אויסגעשריען :

— א י ז ב ל !

ראַמאַן האָט זיך צוריקגעקערט און געבראַכט ברויט, פיש און אַליוון.

— וואָס האָסטו באַשטימט צו טאָן ? — האָט זי שטיל אַ פרעג געטאָן.

— איך טראַכט וועגן ראַכאַסעס בריוו, — האָט ער געענטפערט, — איך האָב מורא, אַז עס וועט ניט טויגן. אַלע באַאַמטע אין די פּאַרטן ווייסן און זיינען באַאויפטראַגט צו רעווידירן יעדער שיף און יעדער פּאַסאַזשיר. פריער וואָלט עס מיך ניט געאַרט, אָבער איצט כאַפּט מיך אַן אַ שוידער ביי דעם געדאַנק, אַז איך קאָן דיך פאַרלירן. דאָס איז פאַר מיר אומדערטרעגלעך.

— וואָס זשע פאַרט רעכנסטו זאָלן מיר טאָן ? — האָט זי ווידער געפרעגט.

— רייד ניט אַזוי הויך, — האָט ער שטיל געזאָגט, — אַ, גאָט, אַפילו די ווענט פון טאָלעדאָ פילן אַז מיין הארץ מיט אומרו. מיר מוזן זיין זייער פאַרזיכטיק. די גאַסן זיינען דאָ פול מיט שפּיאָנען און אַלע הייזער זיינען דאָ פול מיטן בלוט פון די קרבנות פון דער הייליקער אינקוויזיציע . . .

זי האָט מער קיין זאַך ניט געפרעגט, נאָר געדולדיק געוואַרט אויף זיין באַשטימונג, וואָס צו טאָן.

— די בעסטע זאַך וואָלט פאַר אונדז געווען צו גיין קיין נאַוואַראַ און דאָרט אַריבערגיין די פראַנצויזישע גרעניץ, — האָט ראַמאָן געזאָגט, — דער פראַנצויזישער קעניג הענריך, וועמען זיי אַלע רופן אַן אפּיקורס און רענעגאַט, איז אַ טאָלעראַנטער און אַ גוטער מענטש. ער האָט געגעבן רו און שוץ דעם פּרעמיער מיניסטער פון דעם קעניג פיליפּ, אַנטאָניאָ פּערעץ און אַלע זיינע פריינט. אויב עס זאָל זיך אונדז איינגעבן צו אונטערקויפן די גרעניץ־וועכטער, זיינען מיר געראַטעוועט, — פון דאָרט וועט שוין זיין לייכט צו דערגרייכן פלאַנדערס. אַ, גאָט, אַפילו די לופט איז אין פלאַנדערס אַ לייכטע און אַ גוטע, און אַ מענטשלעכע . . .

— אויב אַזוי, לאָמיר ניט פאַרלירן קיין צייט, — האָט זיך אַמאַרילים אָפּגערופן, — אַ, מיין גאָט, ווי איך וואָלט וועלן איצט זיין אין סאַראַגאָסאַ ! — האָט זי אויסגעשריען מיט אומגעדולד.

ראַמאָן האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט כמעט ברוטאַל און זי האָט אַ פאַרשטיקטן געשריי געטאָן פון ווייטיק. זי האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל און האָט זיך ביטערלעך צעוויינט.

דער יינגל האָט זיך אַ קער געטאָן און האָט זיי אַנגעקוקט פאַרוווּנדערט און מיט האַס — די אַקטריסע איז זיכער געווען אַ מכשפה און דער אַקטיאָר איז אויך געווען ניט בעסער . . . ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיינע ביכער און האָט מיט די דינע, אויסגעהונגערטע פינגער פאַרשטעקט די אויערן.

זיין קליינע שוועסטערל איז צוגעקראָכן צו אים, האָט געגעסן איר טרוקן שטיקל ברויט און האָט זיך געשפּילט מיט די ברעגן פון זיין בוד. ביי דעם יינגל האָט געפּלאַצט דאָס געדולד און ער האָט איר דערלאַנגט אַ זעץ איבערן קאָפּ.

ראַמאָן איז צוגעגאַנגען צו אַמאַרילים, האָט זי באַרויִקט און דערקלערט, אַז ער האָט באַשטימט גלייך צו פאַרלאָזן טאָלעדאָ. אַמאַרילים האָט זיך אויפגעהויבן, גרייט צום וועג.

— זייט געזונט ! — האָט אַמאַרילים געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו די שטוביקע. אָבער דער קליינער כאָזע האָט ניט אָפּגעקערט דעם קאָפּ — ער

איז געזעסן און האט געקוקט אויף די שווארצע שורות פון זיין בוך, וואס זיינען געשווומען פאר זיינע אויגן.

ווען ראמאן און אמארילים זיינען ארוים פון הויז, האבן זיי אנגע־טראפן א פארבייגייענדיקע לויה, וואס האט זיך צעשפרייט איבערן גאס אין קרום־צעשאטענע רייען. זיי האבן דורכגעלאזן די לויה און זיינען אוועק אין דער ריכטונג פון סאראגאסא. די גאסן זיינען געווען פול מיט מענטשן. וואס זיינען געגאנגען צו אוונטדיקער גאטעס דינסט; קינדער האבן זיך גע־ווארפן מיט שניי־קוילן; גלחים, מאנאכן און נאנעס זיינען געגאנגען און געשמועסט הויך אויפן קול. ערגעץ ווו אויפן מארק־פלאץ האט א כאר גע־מאכט פראבע אויף א ליד, פאר א פייערלעכער פארשטעלונג און דער אפקלאנג פונם געזאנג האט זיך צעשפרייט אין דער קאלטער לופט ווייך און צארט. די קירכן־גלעקער האבן געקלונגען זייערע גלאקישע מעלאדיעס און אלץ ארום איז אויף א ווײַלע ארומגענומען געווארן מיט א טיפער רויקייט. זיי האבן אונטערגעטריבן זייער אייזל און געבעטן אים, ער זאל זיך מטריח זיין שטעלן פיס.

די פאלאצן מיט זייערע מאסיווע שפיצן און טורעמס האבן געקוקט אראפ צום וועג, וואס איז געווען באדעקט מיט שניי און האט געשלענגלט פארביי הייזער, גערטנער און איז פארלארן געגאנגען אין די צעשפרייטע פעל־דער, טאלן און וועלדער.

די אויפרעגונג איז אין שטאט געוואקסן מיט דער מינוט. עס איז געווען צו מערקן, אז יעדערער גרייט זיך צו עפעס א געשעעניש. און עס איז טאקע געווען צו וואס צו גרייטן זיך: — מארגן האט באדארפט פאר־קומען א פייערלעכע אויטא־דא־פע...

מג

ווי נאר ראמאן און אמארילים האבן פארלאזן דאס הויז, האט זיך דער קליינער כאזע געלאזן לויפן אין גאס אין דער ריכטונג פון סאנט אווגוס־טין מאנאסטיר.

ווען ער איז געקומען אהין, האט ער גלייך געפרעגט ווי אזוי ער קאן זען דעם ברודער איגנאציא.

— וואס האט דיך געבראכט אהער, מיין קליינער, ליבער ברודער?

— האט סאלענט געפרעגט און האט צארט און מילד געגלעט כאזעס קאפ און האט אים געבענטשט אין נאמען פון דער הייליקער מאדאנע. ניט געקוקט אויף

דער שטרענגער מאנאסטירישער דיסציפלין, האט סאלענט קיינמאל ניט אויס־געזען אזוי גוט און רויק ווי איצט. קיין העמד האט ער טאקע ניט געהאט אויף זיין ליב אונטער די מאנאכישע קליידער, אבער ער האט עס קיינמאל פריער אויך ניט געהאט . . . ער האט דא געשלאפן אויף הארטע ברעטער, פונקט ווי ער האט עס געטאן אומעטום און שטענדיק. און די שטענדיקע תפילות, מיט דער מאנאכישער דיסציפלין און דער טעגלעכער וידוי האבן ווייניק געשאדט זיין געזונט . . .

— וואס האסטו מיר צו זאגן, מיין קליין ברודערל און פארוואס אטעמסטו אזוי שווער? — האט סאלענט געפרעגט.

— איך האב זיי נאר־וואס געזען! — האט כאזע אויסגעשאסן.

— וועמען?

— דעם פארברעכער און זיין איזבל, אמארילים.

א בלאסער און אן אויפגערעגטער האט סאלענט א טרייסל געטאן דעם צעטומלטן כאזע:

— מאכסטו ניט אמאל קיין טעות? — האט ער א פרעג געטאן, — א, גאט אליין האט דיך געבראכט אהער צו מיר, ווייל ער האט דערהערט מיינע תפילות . . . וו זיינען זיי?

— זיי זיינען נאר־וואס אוועק, — האט כאזע געענטפערט.

— א, מאטרע פיאדאזא! — האט סאלענט אויסגעשריען און זיין אונטערשטע ליפ איז מאכטלאז געבליבן הענגען, — פארוואס ביסטו ניט גע־קומען פריער?

— דאס איז געווען אוממעגלעך.

— האסט כאטש אונטערגעהערט עפעס פון זייערע אומפארשעמטע שמועסן?

— יא, זיי האבן גערעדט וועגן דעם קעניג פון פראנקרייך און פון נאווארא. איך גלויב, אז זיי זיינען אוועק קיין נאווארא.

— א א חורבן זאל שוין קומען אויף דעם זינדיקן לאנד און דער קעניג זאל דערטרונקען ווערן אין זיין אייגן בלוט! — האט סאלענט בייז א זאג געטאן.

— ווייט זיינען זיי נאך זיכער ניט אוועק און באלד וועלן זיי זיין אין אונדזערע הענט. גיי געזונט, מיין קליינער ברודער. איצט האסטו נאך קיין

זינד ניט, אבער דו וועסט אויסוואקסן און וועסט זיי האבן, וועלן זיי דיר פארגעבן ווערן פאר דיין פליסן צו באשיצן אונדזער הייליקע קירך !

דער קליינער כאזע איז שנעל ארויס און סאלענט האט פיבערהאפט גע־טראכט ווי אזוי די קרבנות זאלן זיך ניט ארויסגליטשן פון זיינע הענט און אז דער פארברעכער זאל באקומען זיין שטראף אויף דעם הייליקן שייטערהויפן.

ער האט זיך אוועקגעלייגט אויף די הארטע ברעטער פון געלעגער אין זיין צעל און האט גאט געבעטן ער זאל דעם פארברעכער ראמאן איבערגעבן אין זיינע הענט און אזוי ארום אויך אין די הענט פון דעם הייליקן טריבונאל.

ער האט ביז איצט געטאן אלץ, וואס עס איז נאר געווען אין מענטש־לעכע כוחות צו טאן. אז מען זאל דעם דאזיקן חברה־מאן כאפן. ווען ער איז אוועק מיט אמארילים, האט ער, סאלענט, אוועקגעשיקט א בריוו צום קאמיסאר פון באדאכאז, אז ער זאל דארט אכטונג געבן אויף איינעם מיטן נאמען ראמאן, וועלכער האט צוליב א געוויסן פארברעכן געביטן זיין נאמען אויף דאן־איניגא סאטאמאיער, א הויכער, א שלאנקער און א שיינער מיט א שווארצן צייכן אונטערן לינקן אויער, און ער פלאנט צו אנטלויפן פון שפאניע, כדי אויסצומיידן די פארדינטע שטראף. יעדער טאג האט ער גע־בעטן גאט און געווארט אויף אן ענטפער פון באדאכאזער קאמיסאר. ער האט פארנומען די צעל פון דעם הייליקן לוקאס, וועמעס אנדענק עס איז נאך פריש אין זכרון און איז פול אין יעדער ווינקל פון דעם צעל. אין די נעכט האט ער תפילה געטאן און געבעטן דעם הייליקן לוקאס ער זאל אים העלפן אין זיין הייליקער ארבעט. דער פאטער לוקאס איז ווירקלעך געווען א הייי־ליקער. ער האט געלעבט אויף ברויט און וואסער. ער פלעגט זאגן, אז אפילו די בעסטע פאזאנען־פלייש ווערט פארוואנדלט אין אפפאל, פונקט אזוי ווי פשוטער ברויט . . . ער האט געטראגן א האריק העמד און האט געשלאפן אויף די הארטע ברעטער, אויף וועלכע ער, סאלענט, שלאפט איצט. בכלל האט דער הייליקער לוקאס געהאט מער צו טאן מיטן הימל איידער מיט דער ערד. און ווען ער איז געשטארבן פון א מערדערישער האנט פון א פראנצויי־זישן אפיקורס, וועמען ער האט ארויסגערופן אויף א רעליגיעזן דיספוט, האט זיך די זון אפגעשטעלט אויף אכט שטונדן, כדי קאנען צוזען די גראנ־דיעזע לויה פון דעם הייליקן. ער איז געשטארבן אזוי הייליק, ווי ער האט געלעבט. און איצט ליגט ער, אז ארומגעוואשענער און ריינער, ווי ער איז מסתמא קיינמאל אין לעבן ניט געווען, אונטער א ריזיקן ווייסן מירמלשטיין. בלויז איין פינגער האט די הייליקע ברודערשאפט אפגעהאקט פון זיין האנט אלס אן אנדענק און רעליקוויע.

— הייליקער פאטער לוקאס, טו תפילה פאר מיר! — האט סאלענט געמורמלט.

ער האט זיך אויפגעהויבן פון די ברעטער און איז געפאלן אויף די קני פאר די הייליקע בילדער. אז אנגענעמע ווארימקייט האט זיך צעגאסן איבער זיין קערפער. ער האט אויפגעעפנט די אויגן און האט ארויסגעקוקט דורכן קליינעם פענצטער אויף דעם פארוואלקנטן הימל און אויף דעם פאלנדיקן שניי. אין צעל איז געווען ווארים און אפילו די נאקעטע ווענט האבן געגעבן ווארימקייט און שוץ . . . ער האט זיך פאמעלעך אויפגעהויבן און איז אוועק צו דער אלגעמיינער מעסע. אין עק קארידאר האט ער אנגעטראפן דעם הייליקן פאטער פערעץ, וועמעס נאמען עס איז געווען בארימט איבערן גאנצן לאנד און האט געשמט אלס נביא און הילף ברענגער אין יעדער מין צרה.

מיט א צוואנציק יאר צוריק האט דער פארוואלטער פון דעם מאנאסטיר געהאט באזייטיקט דעם פאטער פערעץ, ווייל פון זיין מויל האט געטראגן אזא ריח, אז מענטשן, וואס זיינען געשטאנען נאענט לעבן אים, פלעגן פאלן חלשות. ער האט דאן געלאזט ארויסנעמען אלע זיינע ציינער און האט תפילה געטאן צו גאט, אז ער זאל רייניקן זיין נשמה דורך רייניקן דעם מויל. דאס האט געהאלפן און ער איז ווידעת אריינגענומען געווארן אין מאנאסטיר, ווו ער האט געפירט א זייער באשיידן לעבן און האט מיט פרייד אנגענומען אלע מתנות און טיטולן, מיט וועלכע עס האבן אים באשאנקען דער קעניג און דער ארציבישאף. ער איז שוין געווען אלט און שוואך; זיין פנים איז געווען באדעקט מיט וווּנדן און מכות, וועלכע עס האבן זיך ניט געלאזט היילן אפילו דורך זיינע הייליקע תפילות. אזוי, אז ער האט אויפגעגעבן דעם קאמף און האט געווארט אויף זיין לעצטער שעה, וועלכע ער האט געשפירט, איז שוין גאנץ נאענט. ער איז געווען פארנומען בלויז מיט העלפן דער הייליקער אינקוויזיציע צו באקערן די גאנצע וועלט צו איין הייליקער רעליגיע, ווייל אז דעם איז ניט מעגלעך קיין אמתער גן־עדן אויף יענער וועלט.

ער האט געבענטשט סאלענטן און זיי זיינען ביידע אוועק צו דער תפילה.

זייערע נשמות זיינען געווען רויק און א הייליקע שטימונג האט זיי ארומגענומען דורך און דורך. סאלענט איז געלעגן אויפן דיל מיט פארמאכטע אויגן און האט אין גרויס עקסטאז שטיל געזאגט זיין תפילה.

— באלד וועט דער פרעכער ראמאן פארברענט ווערן אויפן שייטער־הויפן לעבעדיקערהייד און אמארילים . . . א, אמארילים . . .

עס איז געווען אזוי גוט צו ליגן און טראכטן וועגן פארנעפלטער, ווייטער מוזיק; וועגן פנימער, שמייכלס, טייוואלים און ניסים . . . אין קיין לאנד אין דער וועלט פאסירן נים קיין ניסים; בלויז שפאניע האט גאט געבענשט מיט דעם; בלויז אין דעם לאנד האט זיך גאט אנטפלעקט מיט זיינע גרויסע חסדים. דא האט ער נים באדארפט אפילו אנפילן דאס לעבן מיט זינד, ווייל יעדער פרומער שפאניער שפירט די זינדיקייט אפילו אין די ווענט פון א קליינער מאנאסטיר־צעל . . . אפילו פון ענגן קאמער זעט דער שפאניער די פאלשע טרערן פון קראקאדיל, אידער ער קלייבט זיך פארשלינגען דעם קרבן, אדער ווי דער אקטאפוס פון זינד צעשפרייט זיינע נעגל איבער בערג און אקעאנען . . . איינמאל האט ער, סאלענט, געזען, אדער עס האט זיך אים געדוכט, אז ער האט געזען, ווי א טייוול איז דער געשטאלט פון א שיינער נימפע איז געזעסן מיט די קאפיטעס אונטער זיך און מיט גרויסע הערנער אויפן קאפ. א דערשראקענער איז ער גלייך אוועק צו א הייליקן ברודער, וואס האט זיין גאנץ לעבן געקעמפט מיט טויזנטער און טויזנטער טייוואלים, און האט אים דערציילט די גאנצע מעשה וועגן זיינע זעאונגען.

— די ניט־גוטע האבן קיין שום שליטה נים איבער אן אמתן קריסט.

— האט דער הייליקער ברודער געזאגט און האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף סאלענטס קאפ. אפטמאל פלעגן די ניט־גוטע זיך פארקלייבן אויף די גלעקער טורעמס, ווען איך בין דארט געווען און האבן געוואלט מיך ארויסלאכן און צווינגען מיך פארלירן דאס געדולד. אבער דאס האט זיך זיי קיינמאל ניט איינגעגעבן, ווייל איך פלעג גלייך אנהויבן לויבן און אכפערן גאטס נאמען. גאט האט געוואלט איך זאל זען דעם טייוול מיט מיינע אייגענע אויגן און אנטאפן אים מיט די הענט. איינמאל האבן זיי מיך אפילו אויפגעכאפט און ארויסגעווארפן אויפן גאס, אבער איך האב זיך ניט אונטערגעגעבן. אזוי ארום האב איך זיי באזיגט און זיי האבן מער קיין שליטה ניט איבער מיר.

מד

נאך דער אלגעמיינער תפילה, איז סאלענט אריין צום ברודער כובאר מתודה זיין זיך פאר אים און בעטן אביסעלע טרייסט. ער האט זיך איצט זייער געגוויטיקט אין א טרייסט־ווארט און אין זיכערקייט, כדי ער זאל קאנען

אנגיין מיט זיינע פלענער. ער האט מורא געהאט, אז ביז וואנען וואס־ווען, ביז ער וועט זיך דא פארנעמען מיט תפילות און מיט בריוו שרייבעריי, וועלן יענע צוויי זיך אריבערכאפן דעם גרעניץ און דאן איז אלץ פארלארן.

— איך בין זייער זינדיק, ברודער כובאר, — האט סאלענט געזאגט.
— איך בין זינדיק און איך נויטיק זיך אין דיין הילף, אז מיינע זינד זאלן פארגעבן ווערן און די הייליקע מוטער זאל מיר העלפן אין מיינע טועונגען, וואס איך טו פאר איר כבוד וועגן . . .

— גאט דער דערבארעמדיקער וועט דיר פארגעבן דיינע זינד און די הייליקע מוטער וועט דיר העלפן אין דיינע גוטע טועונגען, — האט דער הייליקער ברודער געזאגט, — גיי צו זיך און פארברענג די נאכט אין תפילה און אלץ וועט זיין רעכט.

— א, וואס פאר א גרויסע טרייסט דו האסט מיר געשענקט, ברודער!
— האט סאלענט אויסגעשריען, האט א קוש געטאן כובארס הייליקן מאנטל און איז אוועק צו זיך אין צעל.

א גאנצע נאכט האט ער מיט אן אויג ניט צוגעמאכט; ער האט בלויז תפילה געטאן און געטראכט וועגן זיין שלעכטער יוגנט. ער האט באטראכט די וועלט מיט האס און שנאה, חוץ איין מענש נאר איז געווען, צו וועמען ער האט געשפירט רחמנות, — דאס איז געווען אמארילים, וועלכע האט פארפלעקט איר כשרע נשמה, האבנדיק מגע־משא מיט דעם באדאכאזער אוואנטיוריסט.

אויפן אנדערן טאג האט ער דערהאלטן דעם לאנג דערווארטעטן בריוו פון באדאכאזער קאמיסאר, אז די אינקוויזיציע האט ווירקלעך דערקלערט אויסערן געזעץ איינעם מיטן נאמען ראמאן אגירעס, וועלכער איז א פאררעטערישער מאראן און האט אים אונטער די אויגן פארברענט אויף דעם אויטא־דא־פע אין סעווילע און זיין פאטער איז פרייגעשפראכן און איז דערקלערט געווארן אויסער יעדער חשד.

"איך גלויב", האט דער קאמיסאר געשריבן, "אז דער מאן, וועמען דו זוכסט אזוי שטארק איז ראמאן אגירעס, וועמען די הייליקע אינקוויזיציע זוכט. ניט געקוקט אויף דעם, וואס זיין פאטער איז אן ערלעכער קאטאליק און גיט גרויסע נדבות אויף רעליגיעזע זאכן, איז דער זון אבער א פארביסענער מאראן און באמיט זיך מיט אלע מעגלעכקייטן אריבערצוציען ערלעכע קריסטן אין זיין אידישער רעליגיע . . . עס איז אויך דערוויזן געווארן, אז

די פארזאמלונג ביי דאז־כעזוס מאנטאלבאן, ביי וועלכער מען האט אים גע־
כאפט איז ניט געווען קיין צופעליקע, נאר אן אויסגעפלאנטע אין פארויס,
ווייל מען האט זיי ביידן געזען א סך מאל צוזאמען אין פארשיידענע קרעטש־
מעס אין דער געגנט פון נעאפאל. עס איז דעריבער דער חוב פון יעדער ער־
לעכן קריסט צו העלפן כאפן דעם אנטלאפענעם פארברעכער און איבערגעבן
אים אין די הענט פון דער גערעכטיקייט, כדי צו אכפערן אונדזער הייליקן
גלויבן. די הייליקע מוטער זאל דיר העלפן אין דיין נאבעלער אונטערנע־
מונג. אמן".

ער האט איבערגעלייענט דעם בריוו צוויי מאל און איז תיכף אוועק
צו דעם פארוואלטער פון מאנאסטיר. ער האט אים דערציילט אלע זיינע
פארדאכטן און האט אים אויך געוויזן דעם בריוו, וואס ער האט נאר־וואס
דערהאלטן.

דער פארוואלטער האט אים געבענטשט פאר זיין גוטער טאט און
האט אים געהייסן ווייטער אנגיין מיט זיין ארבעט. ער האט אים געהייסן
זיך גלייך שטעלן אין פארבינדונג מיט די פארשטייער פון דער הייליקער
אינקוויזיציע און איבערגעבן זיי אלע איינצלהייטן וועגן דעם וואס ער האט
שוין אויפגעטאן און וועלכע פלענער ער האט אין זינען אויף ווייטער.

אז דער געהילף פון דעם פארוואלטער, א יונגער גלח, האט דערהערט
די איינצלהייטן פון דעם ענין, האט ער אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו ארויס־
העלפן דעם ברודער סאלענט אין זיין הייליקער מיסיע צו כאפן דעם פאר־
פלוכטן מאראן ראמאן אגירעס.

— איך בין גארניט, איך בין בלויז א ווערקצייג אין גאטס הענט און
א טרייער דינער זיינער. וואס איז גרייט צו לײדן פאר דעם אלמעכטיקנס
נאמען, — האט סאלענט געזאגט מיט א פרומער מינע.

— מיין געערטער ברודער, — האט זיך אפגערופן דער יונגער גלח,
— איך דארפט וויסן אז מען דארף דעם פארברעכער ניט דערציילן קיינע
איינצלהייטן, ווען מען כאפט אים, און אפילו ביי דעם ערשטן פארהער אויך
ניט. איך גלויב, אז דו פארשטייסט מיך, ברודער? . .

— א, יא, איך פארשטיי, — האט סאלענט געענטפערט, — איך
פארשטיי. מען דארף האנדלען אזוי, אז ביז וואס ווען זאל דער פארברעכער
אויפדעקן און ארויסגעבן די נעמען פון אלע זיינע חברים און באטייליקטע.

— יא, ריכטיק, אט דאס איז עס, — האט דער יונגער גלח

באמערקט, — אונטער קיינע אומשטענדן טאָר דער פאַרברעכער זיך ניט דערווייסן אין וואָס מען באַשולדיקט אים.

— איך בין פּערזענלעך אין קיין זאַך ניט פאַראינטערעסירט, האָט סאָלענט געזאָגט, — ווי נאָר אין כאַפּן דעם פאַרברעכער. נאָכדעם קער איך זיך ווידער אום צו לויבן און אָכפּערן גאָטס נאָמען. בלייבט געזונט.

ער איז אַרויס פון דעם יונגן גלח מיט דער זעלביקער הכנעה, ווי ער איז אַריין צו אים און ווי ער האָט געפירט זיין שמועס . . . אָבער דער גלח האָט באַוווּנדערט זיין מוט און גרייטקייט צו אַזאַ שווערער אַרבעט, און ער האָט באַשטימט צו רופן אים שפּעטער און באַראַטן זיך מיט אים וועגן אַן אַנדער ענין, וואָס פאָדערט פיל ענערגיע, מוט און שכל און אויך כח צו האַלטן עס בסוד.

צוויי זשאַנדאַרמען מיט פערד האָבן שוין געוואַרט אין דרויסן און באַלד האָבן זיי זיך, מיט סאָלענטן בראש, אַוועקגעלאָזן אין זייער וועג אַריין.

עס איז געווען טונקל. די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן צו די בערג און וועגן. שטיל זיינען זיי אַריבערגעפאָרן די זומפּיקע שטיקער וועג קיין סאַראַגאָסאַ און סאָלענט האָט זיך געשפּירט ווי פון גאָט אַליין באַשטימטער קרייץ־טרעגער.

מה

סאָלענט מיט די זשאַנדאַרמען האָבן גאַלאָפּירט אין דער ריכטונג פון דער קאַטוילישער שטאָט סאַראַגאָסאַ.

די גאַנצע צייט פון זייער רייזע האָט ער תפילה געטאָן און געבעטן די הייליקע מאַדאָנע זי זאָל איבערגעבן אין זיינע הענט איר ביטערן שונא. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז זיינע תפילות וועלן ניט אָנגענומען ווערן, ווייל אַ גרויסער טייל פון דעם גאַנצן ענין איז געווען באַזירט אויף פּערזענלעכע אינטערעסן און פאַרלאַנגען. און גאָט האָט ניט ליב קיין פּערזענלעכע, עגאָיסטישע מאָטיוון . . .

ניט ראַמאָנעס און ניט אַמאַריליסן האָבן זיי געטראָפן אין סאַראַגאָסאַ.

נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָבן די צוויי זשאַנדאַרמען אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז ראַמאָן האָט געמוזט אַוועק אין דער ריכטונג פון מאַדריד און פון דאָרט קיין בורגאָס, ווייל דער דאָזיקער גרעניץ־פּאַס ווערט ווייניקער באַוואַכט איידער אַלע אַנדערע.

ביי די דאָזיקע אומשטענדן איז קיין בעסערער אויסוועג ניט געווען,

ווי נאָר צו צעטיילן זיך אין צוויי טיילן: סאַלענט זאָל בלייבן אין סאַראַגאָסאַ און באַוואַכן די שטאָט מיט דער אומגעגנט, אַזוי, אַז ראַמאָן זאָל ניט האָבן קיין מעגלעכקייט דורכצורייסן זיך דאָ, און די צוויי זשאַנדאַרמען זאָלן זיך לאָזן מיטן וועג קיין בורגאָס, אָנזאָגנדיק יעדערן אויפן וועג, אַז אַ גרויסער פּרייז וועט געגעבן ווערן צו דעם, וואָס וועט כאַפּן צוויי פֿאַרברעכער, וועלכע זיינען איבערגעטאָן און פֿאַרשטעלט פֿאַר אַקטיאָרן.

די צוויי זשאַנדאַרמען האָבן זיך מיט דער גרעסטער שנעלקייט אוועקגעלאָזט אין וועג און סאַלענט האָט זיך שפּאַצירט איבער די גאַסן פֿון סאַראַגאָסאַ — די שטאָט וווּ ער האָט פֿאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן נאָכדעם ווי ער איז אַנטלאָפֿן פֿון זיין געבורטס־שטאָט סאַלענט. באַגינען איז ער אוועק צו דער מאָרגן־תּפֿילה אין קירך פֿון דער הייליקער מאַדאָנע, וועלכע איז מיט אירע ניסים באַוווּסט געוועזן איבער גאָר דער וועלט. דאָרט האָט ער אויסגעזוכט אַ אויגוסטין־ברודער און האָט פֿאַר אים אויסדערציילט אַלע זיינע מעשׂים און די מיסיע, וואָס מען האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט בנוגע ראַמאָן, אַ מיסיע, וואָס קאָן אים אומברענגען, ווייל דער כּוח פֿון די ערעטיקער איז זייער גרויס און זיי קאָנען אים הרגענען. דער אויגוסטינער האָט אים באַרויִקט און פֿאַרזיכערט, אַז קעגן גאָט זיינען די כּוחות פֿון די ערעטיקער גאָרנישט ווערט און האָט אים צוגעווּנטשן דערפֿאָלג אין זיין נאָבעלער אונטערנעמונג.

נאָך דער תּפֿילה איז סאַלענט אוועק צום קבֿר פֿון דעם באַרימטן מאַרטירער און גרויס־אינקוויזיטאָר פּעטראָ־דע אַרבועס, וועלכער איז געפֿאַלן פֿון די הענט פֿון אַראַגאָנער. אַז שום צווייפֿל זיינען עס געווען יידישע הענט. ער האָט תּפֿילה געטאָן היים, מיט טיפֿער כּוונה.

עס איז נאָך געווען גאַנץ טונקל, ווען ער האָט פֿאַרלאָזן דעם הייליקן קבֿר און אַ קאַלטער דריבנער רעגן האָט געגאָסן אויף זיין מאָנאַכישן קאַפּיושאָן. ער איז געגאַנגען דורכן שטאָט און האָט אַריינגעקוקט אין יעדער קרעטשמע און האָט געזוכט צווישן דעם עולם די צוויי באַקאַנטע פּנימער, אויף וועלכע עס איז איצט געווען קאָנצענטרירט זיין גאַנץ וועזן.

באַלד איז ער פֿאַרביי־געגאַנגען דעם קליינעם רעסטאָראַנדל, ווּ ער האָט אַמאָל געאַרבעט אַלס קנאַבל־האַקער און זופּ־מישער, און איז אַריין אַ קוק טאָן וואָס דאָרט קומט איצט פֿאָר. די גרויסע קעסלען זיינען געשטאַנען אויפֿן זעלבן אָרט און אַ קליינער, בלאַסער יינגל איז געשטאַנען און געמישט

עפעס א געמישעכץ פון פארשיידענע גראזן פאר דער גרויסער ארמיי פון ברויט־טונקער, וואס קומען זיך צונויף אהער אין די אוונטן. ער איז ארומ־געגאנגען דעם גאנצן טאג איבער גאסן, געסלעך און דערבייאיקע וועגן, נאכ־פרעגנדיק זיך ביי יעדער דורכגייער, צי זיי האבן ניט באגעגנט די פארשטעל־טע פארל און האט זיך אומקערט אהיים שפעט אין אוונט א דערפרישטער פון באוונסטזיין, אז ער טוט א הייליקע זאך . . . און אז גאט וועט אים העלפן.

ער האט דא פארבראכט מיט די מאנאכן פון מינימאס מאנאסטיר; און וואס מער ער האט מיט זיי אפגעריכט תפילות, אלץ מער האט ער זיך איבערצייגט, אז ער האט גארניט פארלארן דערמיט, וואס ער האט זיך אפ־געזאגט פון דער פוסטער וועלט און פון דעם מין מענטשלעכער לעבן, וועלכער איז ניט מער ווי א שאטן פון א פליענדיקן פויגל. אמשטארקסטן האט ער עס געשפירט, ווען ער פלעגט אפריכטן זיין תפילה פארן בילד פון דער הייליקער מאדאנע פון טאלעדא . . .

ער האט ביסלעכווייז פארגעסן וועגן זיין שנאה צו מענטשן, ווייל דער מענטש, וועמען ער האט אמשטארקסטן פיינט געהאט, וועט איינגיכן, מיט גאטס הילף, ווערן אש און בלאטע . . .

וועגן זיינע אינערלעכע, גייסטיקע איבערלעבונגען און קאמפן, האט ער גערעדט מיט דעם אלטן מאן און הייליקן ברודער דאמינגא. דער דאזיקער דאמינגא איז ווירקלעך געווען א הייליקער; אין פארלויף פון זיין לאנג לעבן, וואס איז געווען געווידמעט בלויז גאטעס־דינסט, האט ער זיך געשטעלט פאר־שיידענע נסיונות און איז תמיד ארויס דער זיגער. דעריבער האט ער טאקע געשמט פאר א הייליקן.

דעם הייליקן דאמינגא האט זיך געחלומט וועגן די צוויי אנטלאפענע פארברעכער עפעס אזוינס, וואס האט נאך מער באשטעטיקט, אז ער איז א הייליקער.

מיט א טאג שפעטער האט סאלענט שפאצירנדיק אויסערן שטאט, באמערקט צוויי זשאנדארמען פארנדיק פאמעלעך פון ביידע זייטן וועג. צווישן די צוויי זשאנדארמען זיינען געגאנגען מיט אראפגעלאזטע קעפ צוויי מענטשן, א מאן מיט א פרוי; ער איז אראפ פון וועג, האט זיך אוועקגע־שטעלט אן א זייט, צווישן צוויי גרויסע קאקטוסן און, אין דערווארטונג, האט ער געטראכט וועגן גאטס גרויסקייט און וועגן אמאריליסעס שיינקייט . . .

איז א ווײַלע ארום זיינען פארבייגעפארן די זשאנדארמען מיט רא־

מאַנען און אַמאַריליסן. בייביידן זיינען געווען די הענט געבונדן, זייערע פּנימער זיינען געווען בייז און שמוציק פון שטויב. זיי זיינען פאַרבייגעפאָרן און האָבן פאַרקערט אַהינטער דעם דעמבענעם בוים.

סאַלענט האָט אַראָפּגענומען זיין מאַנאַכישן קאַפּיושאָן און האָט זיי נאָכגעקוקט מיט באַהאַלטענער פרייד.

די זון האָט געשיינט מילד און וואַרים. די לופט איז געווען פריש און דורכזיכטיק, אַלע גאַטס באַשעפענישן האָבן זיך געפרייט מיט זייער לעבן און סאַלענט איז אויך אַ צופרידענער געשטאַנען און געקוקט אויף די זשאַנדאַרמען, אויף ראַמאַן און אַמאַרילים און אַפילו אויף די פערדישע הינטנס ביז זיי זיינען פאַרשוווּנדן הינטער די טויערן פון דער הייליקער אינקוויזיציע.

ביינאַכט האָט סאַלענט געזען אַ חלום, וועלכער האָט זיך איבערגעחזרט דריי־און־דרייסיק מאָל — אַ מיסטישע צאָל, וואָס שטימט מיט דער צאָל יאָרן, וואָס דער הייליקער יעזוס קריסטוס האָט געלעבט אויף דער זינדיקער וועלט . . .

מו

מער ווי אַ וואָך צייט האָט מען געלאָזן ראַמאַנען צו רו אין זיין קליינער טונקעלער צעל פון די אינקוויזיציע קאַטאַקאַמבעס, כדי ער זאָל זיך קאָנען אָפּגעבן אַ דין וחשבון וועגן זיינע זינד און זאָל זיך אַנשטויסן אין וואָס לערך מען קאָן אים באַשולדיקן. אָבער זיין מוח איז געווען צעטומלט און זיין האַרץ איז קראַנק געוואָרן פון זאָרג וועגן אַמאַרילימס גורל.

וועגן זיך האָט ער גאָרנישט געקאָנט טראַכטן — אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז זיין לאַגע איז האָפנונגסלאָז און זיין סוף איז נאָענט און זיכער . . . און עס האָט דעריבער קיין שום זינען ניט געהאַט צו טראַכטן און איבערטראַכטן וועגן זאַכן, וועלכע עס איז אוממעגלעך צו ענדערן.

ער האָט זיך מיט שוידער פאָרגעשטעלט ווי אַמאַרילים ליגט אַ נאַקעטע אויפן פּייניקונג־טיש ערגעץ אין די פינצטערע קאַטאַקאַמבעס פון דער אינקוויזיציע און דער תליון שטייט איבער איר קאָפּ מיט אַ שמייכל פון באַוווּסטזיין, אַז ער איז דער באַלעבאָס איבער איר לעבן . . .

ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען פון אומרו און ווייטיק. ער האָט צוריקגעוויזן די שפּייז, וואָס מען האָט אים געגעבן. ער האָט נאָר געשריען און געפאָדערט גערעכטיקייט; ער האָט געפאָדערט מען זאָל אַמאַרילימן

ניט אנרירן, ווייל זי איז אן אומשולדיקע — אבער שטיל איז געווען אין די פייכטע און פינצטערע קעלערן פון דער אינקוויזיציע און קיינער האט זיין שטים ניט פארנומען. א מאכטלאזער איז ער צוגעפאלן צו דער וואנט איז א ווינקל פון זיין פינצטערער קאמער און האט געקוקט אין דער פוסטקייט אריין מיט שטארע אויגן, און האט תפילה געטאן צו אן אומבאוואוסטן גאט. איצט, צום ערשטן מאל אין זיין לעבן, האט ער דערשפירט, אז ער האט צוויי געטער — איינעם, וועלכן ער קען שוין פון לאנג און נאך איינעם, וועלכן ער דארף ערשט דערקענען . . . צו וועלכן פון זיי זאל ער בעטן ? . .

א שרעקלעכע אפאטיע איז אים באפאלן, אן אפאטיע, וואס איז געווען האלב שלאף און האלב טויט, און קיין זאך וואלט אים ניט געקאנט ארויספירן פון דעם דאזיקן צושטאנד, ביז עס האט פאסירט, אז אויפן אכטן אדער ניינטן טאג פון זיין ארעסט, האט מען אים אריינגעשיקט פרוכט און א שטיקל פיש. דאן האט ער פארשטאנען, אז עמיצער האט זיך אנגענומען פאר אים און פאר זיין גורל . . . און ווייל געטראכט און גערעדט האט ער נאר וועגן אמאריליסן, האט ער פארשטאנען, אז זי איז פריי און אז זי וועט אים איצט צו שיקן שפייז — א זאך וואס די אינקוויזיציע דערלויבט אן שטער.

ער האט געגעסן די פרוכט און די פיש און פאר זיינע אויגן האט זיך געטראגן די צויבערלעכע געשטאלט פון אמאריליסן, צארט און מילד ווי א וואסער־ליליע.

צום ערשטן מאל זינט ער איז ארעסטירט געווארן האט ער איינגעשלאפן שטארק און רויק.

אויפן צענטן טאג האט מען אים געלאזט וויסן אז ער דארף דערשיינען פארן הייליקן טריבונאל. די קני פון זיינע פיס האבן זיך אונטערגעבראכן אין א שרעקלעכן פארגעפיל. ער האט זיך באמיט מיט אלע כוחות צו אויסזען רויק, אבער די קינבאק האט געציטערט און דער פנים איז געווען בלאס. מיט אנשטרענגונג איז ער, אין באגלייטונג פון צוויי זשאנדארמען, צוגעגאנגען צום טיש, ארום וועלכן עס זיינען געזעסן ביי א טוץ מענטשן.

— ארעסטירטער ! ענטפער אויף די פראגעס. — האט ראמאן דערהערט א שטים צו אים געווענדעט.

א שרייבער האט פארשריבן זיין נאמען, זיין אפשטאם, די נעמען פון זיינע עלטערן און פון די זיידעס פון טאטנס און מאמעס צד, און נאך אזעלכע פארמאליטעטן. וואס מען נעמט אויף ביי דער ערשטער אויספארשונג פון דעם הייליקן טריבונאל.

— אין וואס פאר א פארברעכן ווילסטו זיך מודה זיין ? — האט א פרעג געטאן דער מאן, וואס איז געזעסן אין צענטער.

— אין נאמען פון אונדזער דערבארעמדיקן גאט, — איך בין ניט שולדיק אין קיין פארברעכן ! — האט ראמאן קוים ארויסגערעדט.

— מיין זון, — האט דער מאן פארטגעזעצט מיט איבערטריבענער ווייכקייט, — מיין זון, עס מאכט ניט אויס ווי גרויס עס איז די זינד, וואס די ביסט באגאנגען; עס מאכט ניט אויס ווי גרויס עס זאלן ניט זיין די אומ־גליקן אין וועלכע דיין זינד קאן דיך פארשלעפן — דיין מודה זיין זיך, דיין ערלעכער וידוי וועט געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון אונדזער גוטן גאט יעזוס קריסטוס און ער וועט דיר פארגעבן ווי ער האט פארגעבן זיינע מערדער, אויסקויפנדיק זייער פארברעכן מיט זיין אייגן בלוט . . .

— אבער איך בין אין קיין זאך ניט שולדיק, אין קיין זאך ניט ! — האט ראמאן אויסגעשריען פארצווייפלט, — איך ווייס ניט פארוואס איר האט מיך ארעסטירט. ווען איך וואלט וויסן אין וואס מיין שולד באשטייט, וואלט איך גלייך געזאגט : יא, איך בין שולדיק ! אבער איצט ווייס איך ניט. אין דעם, אין וואס איר האט איז זין צו באשולדיקן מיך, בין איך ארייגעשלעפט געווארן דורך אן אומגליקלעכן צופאל, דורך א טעות.

— הייסט עס, דו ביסט זיך מודה, אז דו ביסט ארייגעשלעפט גע־ווארן אין דעם ? — האט דער אויספארשער געפרעגט מיט א מעטאלענער שטים.

— איך בין אן ערלעכער, גלויביקער זון פון דער קאטוילישער קירך, — האט ראמאן געזאגט, — איך ווייס גארניט וועגן הערעטיקער; איך ווייס גארניט וועגן יידן.

— ענטפער די פראגן, — האט דער אויספארשער קאלט געזאגט, — דו האסט נאר־וואס געזאגט, אז מען האט דיך ארייגעשלעפט אין אפיקור־סות אומגערן. וואס פאר א מין אפיקורסות איז עס געווען און ווער זיינען געווען די מענער. אדער די פרויען, וואס האבן דיך פארשלעפט אהין און אראפגעפירט דיך פון גלייכן וועג ?

— איך וועל אייך דערציילן ווי דאס איז געווען : — ווען איך בין געפארן פון נעאפאל אהיים, האט מיך אויפן וועג אפגעראטעוועט פון טויט איינער מיטן נאמען דאן־בעזוס מאנטאלבאן, וועלכער האט זיך ארויסגעוויזן צו זיין א מאראן. ער האט מיך דאן איינגעלאדן צו זיך אהיים און דארט

האט ער מיך פארשלעפט צו א געהיימער פארזאמלונג, וואס איז פארגעקומען ביי אים און האט מיך דארט געהאלטן קעגן מיין ווילן.

— און וויסנדיק, אז ער איז א מאראן, אן אפיקורס, ביסטו אים פונדעסטוועגן נאכגעגאנגען און ביסט אפילו געווען זיין גאסט ? — האט דער פארזיצער פון היייליקן טריבונאל א פרעג געטאן.

— איך האב זיך דערוווּסט וועגן זיין יידישקייט, ווען עס איז שוין געווען צו שפעט, — האט ראמאן געענטפערט.

— מיין זון, — האט דער פארזיצער געזאגט מיט א ווייכן פאטערלעכן טאן, — דיין זינד איז גרויס און די איינציקע זאך, וואס קאן ארויסרופן איינזעעניש מיט דיר, איז, אז דו זאלסט זיך מודה זיין און אנרופן די נעמען פון די אנדערע, וואס זיינען געווען באטייליקט אין דעם פארברעכן.

— איך בין אבער ניט באגאנגען קיין שום פארברעכן ! — האט ראמאן אויסגעשריען, — איך בין אין קיין זאך ניט שולדיק !

— מיין זון, — האט דער אויספארשער געזאגט אביסל אומגעדולדיק, — מיין זון, דו האסט אונדז פארשפארט אסך טירחה דערמיט, וואס דו האסט אליין צוגעגעבן און זיך מודה געווען אין וואס פאר א מין פארברעכן דו ביסט שולדיק. זיי־זשע א גוטער קריסט ביז צום סוף און זיי זיך מודה אין אלע זינד, רוף אן די נעמען פון די איבעריקע און פארלאז זיך רויִק אויף דער ערלעכקייט, גוטסקייט און מענטשלעכקייט פון דעם היייליקן טריבונאל. ער וועט שוין באשטימען אויב דו ביסט שולדיק, אדער ניט. קאנסט זיך אויף אים רויִק פארלאזן, — ער איז גנעדיק און גוט, ניט אזוי ווי די פארפלוכטע לוטעראנער, אדער קאלוויניסטן . . .

— איך ווייס ניט וועגן וואס פאר א פארברעכן איר פרעגט, — האט ראמאן שטאלץ געזאגט, — איך האב אייך געזאגט דעם אמת. איך ווייס, אז מען האט מיך אונטער די אויגן פארברענט ביי א פייערלעכער אווידא־דא־פע אין סעוויליע. איך ווייס אויך, אז . . .

— אלזא, ווילסטו ניט צוגעבן, אז דו ביסט א מאראן ? — האט דער אויספארשער געפרעגט.

— איך האב עס קיינמאל ניט געזאגט ! איך בין עס קיינמאל ניט געווען ! — האט אויסגעשריען ראמאן.

— אבער דו האסט דאך נאר־וואס אליין געזאגט, אז דו ביסט אנטלאפן פון גערעכטיקייט, — האט דער אויספארשער געזאגט.

— איך בין אנטלאָפן דערפאַר, ווייל איך האָב ניט געוואָלט, אז די הייליקע פאַטערס זאָלן שלעכט אויסטייטשן מיין אָנוועזנהייט דאָרט אויף יענער פאַרזאַמלונג אין דער געהיימער יידישער סינאַגאָגע, — האָט ראַמאָן געזאָגט מיט אַביסל אַ געפאַלענער שטימע. ער האָט איצט באַנומען די לאַגע אין וועל־כער ער געפינט זיך, צוליב די ידיעות, וואָס דער טריבונאַל האָט געהאַט וועגן אים. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט אויף דעם זיידנס בריוו, וואָס די זשאַנדאַרמען האָבן ביי אים צוגענומען; די פיס האָבן אים א ציטער געטאָן און ער איז אַנידערגעפאַלן אויפן פּערסישן טעפּיך.

— ענטפער, וואָס מען פרעגט ביי דיר! — האָט יענער ווידער א זאָג געטאָן שטרענג, — זאָג אונדז יאָ אָדער ניין — דאָס איז אַלץ, וואָס דער הייליקער טריבונאַל דאַרף וויסן. גיסטו צו, אז דו ביסט א צוריקגעקערטער ייד, א מאַראַן ?

— ניין, איך בין עס ניט! — האָט ראַמאָן געענטפערט און די ציינער האָבן אים געקלאַפּט אין מויל.

— מיין זון! — האָט זיך אָפּגערופן דער הויפּט־פאַרזיצער פונם טרי־בונאַל מיט א ווייכער שטימע און האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, כדי צו געבן ראַמאָנען א מעגלעכקייט אָנצוקוקן אים און זען וואָס פאַר א גוטסקייט עס איז אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים.

עס איז אייגנטלעך ניט געווען קיין פראַגע וועגן דעם צי מען זאָל ראַמאָנען פאַרברענען אויפן שייטערהויפן, — דאָס וואָלט געווען די גרינגסטע זאַך צו באַשטימען, — עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן אויפדעקן די געפער־לעכע גרופּע פאַרברעכער, וועלכע האָט זיך געמאַכט א נעסט אין דער פאַר־שאָלטענער פּראָווינץ פלאַנדערס, ווי דאָס איז געווען קאַנטיק פון די שטיק־לעך בריוו, וואָס מען האָט ביי ראַמאָנען געפונען.

דער גרויס אינקוויזיטאָר איז געווען א געלערנטער מאַן, ער האָט שטו־דירט טעאָלאָגיע אין סאַלאַמאַנקער אוניווערסיטעט; ער איז אויך געווען א איבערגעגעבענער זון פון דער קאַטוילישער קירך און האָט קיינמאָל ניט גע־וואַגט אָפּצופרעגן די דאָגמען פון קאַטוילישן גלויבן. ער איז געווען א גרויסער פאַרערער פון פאַמיליען לעבן, ער האָט אַליין געהאַט א סך קרובים און פלעגט שטענדיק אויסגעפינען פאַר זיי גוט־באַצאָלטע פּאָסטנס . . . דריי פּלימעניקעס זיינען געווען אַסיסטענטן ביי דעם גובערנאַטאָר פון מעקסיקאָ, א פערטער (הגם מען האָט אונטערגערעדט, אז דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט זיך אָנגע־

קערט מיט אים א נאענטערער קרוב איידער א פּלימעניק...), איז באשטימט געוואָרן אלס אנגעשטעלטער אין דער אינדישער אמבאסאדע. א גליד־שוועס־טערקינד זיינער, וועמען ער האָט אויך ערגעץ איינגעאָרדנט אויף א גוטן פּאָסטן, האָט אים ניט לאנג צוריק צוגעשיקט זייער גוטע טאַרטאַנער ווורשט און א גאנצן לאקס פון דעם מיז, וועלכן דער קעניג אליין האָט ליב צו עסן, און עס איז טאקע געווען אויסערגעוויינטלעך געשמאַק. דער גרויסאינקוויזיטאָר האָט איצט געטראַכט, אז דערוויסנדיק זיך די נעמען פון דער מעכטיקער גרופּע אפּיקורסים, וועט אים דורך דעם גרינגער זיין צו דערשלאָגן זיך געוויסע פּריווילעגיעס פאר זיינע קרובים. ער וועט דאן קאָנען איינאָרדנען ערגעץ זיין שוועסטערס זון אא״וו.

— מיין זון, — האָט ער זיך ווידער געווענדט צו ראַמאַנען, — מיין זון, זאָג אונדז אלץ וואָס דו ווייסט וועגן יענער טייוולשער פארזאמלונג, וועגן אלע מענטשן, וואס דו האָסט באגעגנט אין איטאליע, וועלכע האָבן דיך באַ־אויפטראגט צו אונטערגראָבן די יסודות פון אונדזער הייליקן גלויבן דאָ און אין פלאנדערס.

— איך קאָן קיין איינעם ניט פון די וואָס זיינען געווען אויף דער פאַרזאמלונג, — האָט ראַמאַן געזאָגט, — איך בין געווען צו לייכטגלויביק, איך האָב קיינמאָל זיך ניט פאַרגעשטעלט, אז דאָז־כעזוס איז אן אפּיקורס.

— און דו ווייסט גאָרניט וועגן וועלכער עס איז אפּיקורסות דאָ ביי אונדז, אין אונדזער הייליקער מדינה ? — האָט דער אויספאָרשער א פרעג געטאָן איראָניש.

— גאָרנישט ! איך ווייס גאָרנישט ! — האָט ער געענטפערט פאַרבי־טערט.

ראַמאַן האָט באַמערקט א קאלטע גרימאסע אויפן אויספאָרשערס פּנים און ער האָט פארשטאנען, אז באלד וועט מען אים אָנהויבן אויספרעגן וועגן דעם זיידנס בריוו. זיינע נערוון זיינען געווען אָנגעשטרענגט ביז גאָר און זיין הארץ איז געווען ארומגעכאפּט ווי מיט צוואנגען, אזוי, אז עס איז אים שווער געווען צו אָטעמען.

דער פּראָקוראטאָר פון טריבונאל האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט א פעסטער שטים געזאָגט :

— איך שלאָג פאָר מען זאָל דעם פאַרברעכער איזאָלירן אין א געהיי־מער צעל; זיינע פאַרברעכנס זיינען צו גרויס מען זאָל אים האלטן ווי א גע־

וויינטלעכן פארברעכער, און זאל ער דארט זיצן ביז מיר וועלן קאנען ווידער אנגיין מיט דער אויספארשונג, לויט די הייליקע געזעצן פון דעם הייליקן טרי־בונאל.

— זאל זיין אזוי ! — האט דער גרויסאינקוויזיטאר געזאגט.

דער גרויסאינקוויזיטאר האט מיט האלב־פארמאכטע אויגן געקוקט אויף דעם איינגעשפארטן צוריקגעקערטן יידן, דעם מאראן, וואס האט בא־דארפט דינען, אלס דער גרונט־שטיין פאר זיינע פערזענלעכע פלענער לטובת זיינע קרובים, און וועלכער האט, בשותפות מיט זיינע אנדערע באטייליקטע, געוואלט ארונטערררייסן די הייליקע קאטוילישע רעליגיע און אריינוווארפן שפאניע אין א גוואלדיקער אנארכיע. ער האט געקוקט אויף אים און האט אים ניט געקאנט מוחל זיין, ניט אזוי זיין פארברעכן, ווי דאס צעשטערן פון זיינע פלענער . . .

אונטער א וואך פון צוויי זשאנדארמען איז ראמאן אוועקגעפירט גע־ווארן אין אן אנדער קעלער, א סך א טיפערער איידער דער פריערדיקער, איז וועלכן ער איז געזעסן אויפן דיל. קיין פענצטער זיינען אין צעל ניט געווען, פלעגט ער אזוי אפזיצן טעג און נעכט, ניט וויסנדיק צי עס איז טאג אדער נאכט, בלויז ווען דער וועכטער פלעגט ברענגען פאר אים ברויט, פרוכט און א שטיקל פיש, האט ער געוווּסט, אז עס איז טאג, אז אמארילים לעבט און האט אים נאך ניט פארגעסן . . . ער פלעגט דאן אנהויבן רופן זי ביים נאמען אזוי לאנג ביז ער פלעגט בלייבן ליגן מאכטלאז ווי איינגעשלאפן, אבער דאס איז גיכער געווען א פארגליווערטקייט פון א חיה. איידער א שלאף פון א מענטשלעכן וועזן.

די לעצטע טעג פון ווינטער זיינען געווען מילדע. די זון האט געוואַ־רעמט ווייך און די סאראגאסער מיידלעך האבן זיך שוין גענומען צו ענדערן די קאלירן פון זייערע האר. זיי פלעגן פארפלעכטן זייערע האר אין קליינע לאקן, דערביי פלעגן זיי אנטאן גרויסע שטרויענע קאפעליושן און די לאקן ארויסשטעלן דורך די שפאלטן אין די שטרוי ביז די לאקן פלעגן אונטער דער וואַרימקט פון זון בייטן זייער קאליר.

קיין פולער פרילינג איז נאך ניט געווען, אבער סטאדעס שעפסן, ציגן און אקסן זיינען שוין ארויסגעגאנגען אויף די פעלדער אפצופרישן זיך נאך די איינזאמע ווינטער־טעג און די קלאנגען פון די גלעקלעך, וואס זיינען געהאנגען ביי די שעפסן אויף די העלדזער, האבן אנגעפילט די געגנט מיט ראמאנטישקייט.

די שטאָט האָט זיך געגרייט צו דער פייערונג פון "קאָרפּוס קריסטי". אקטיאָרן און אקראָבאַטן פון אַלע עקן פון אראַגאָניע האָבן מחנות־ווייז אָנגעהויבן אָנצוקומען אויפן מארק־פּלאַץ מיט זייערע טשיקאַווע קליידער און מכשירים. די קרעטשמעס זיינען געווען אָנגעפּאַקט מיט פאַרשיידענע פאַרשוינען : ריזן, קאַרליקעס און סתם קונצן־מאַכער.

עס איז געווען באַווּסט, אַז אין חודש מאַי וועט זיין מאַיעסטעט, דער קעניג, באַזוכן די הייליקע קאַטוילישע שטאָט סאַראַגאָסאַ און די קאַוואַליערן האָבן זיך דערוועיל געגרייט צו באַווייזן דער קעניגלעכער פּאַר אויף וואָס די אראַגאָנער אַריסטאָקראַטיע איז פעיִק, — זיי האָבן זיך געאיבט אין פעכטן, רייטן און נאָך אַזעלכע וויכטיקע און נויטיקע זאַכן . . . יעדער טאָג פלעגן פאָרקומען מיליטערישע מאַנעוורעס. אינמיטן טייך איז געווען אַן אינדזל מיט אַ סך באַרזשעס, פאַנטאַסטיש באַפאַרבטע; אַרום דעם אינדזל מיט די באַרזשעס פלעגט מען מאַנעווּרירן מלחמה אַטאַקעס. אָפט פלעגט עס טאַקע אויסזען ווי אַן אמתע מלחמה, אַן דער מינדסטער טעאַטראַלישקייט. די פאַקלען האָבן באַלויכטן דעם טייך און די אַרמייען מיט אַ מיסטעריעזער ליכט און אָפט פלעגן ניט נאָר די באַרזשעס, נאָר אויך פאַרבייגייער פאַרוווּנדעט ווערן.

די שטאָט האָט זיך געגרייט צו די פייערונגען און איז געווען פול מיט לוקסעריעזע זאַכן. אפילו די אַרימסטע פון דער באַפעלקערונג זיינען געווען פאַרכאַפּט מיט אַ דראַנג צו פּוצן זיך און צו לעבן אַ גוטן טאָג, אין דער האָפענונג, אַז דער באַזוך פון מאָנאַרך וועט זיי ברענגען גרויסע ישועות; אַזוי האָבן אַלע גרויסע לייט געפּריידיקט אין די קירכעס . . .

אמאַרילים האָט געוווינט אין אַ קליינער שמוציקער געסל. יעדער פרימאָרגן און יעדער אָוונט פלעגט זי גיין אין דער דערבייאיקער קירך תפילה טאָן און בעטן די הייליקע מאַדאָנע זי זאָל מוחל זיין איר געליבטן זיינע זינד און זאָל אים אַרויסראַטעווען פון טויט. אָבער אפילו אירע הייסע תפילות האָבן קיין רו ניט געבראַכט איר צעפּייניקטער נשמה. זי איז אַרומגעגאַנגען פון קירך צו קירך, פון מאָנאַסטיר צו מאָנאַסטיר, זוכן אַ מעגלעכקייט צו פאַרגעסן זיך און צו פאַרלעשן דעם פייער, וואָס האָט אומאויפהערלעך געברענט אין איר האַרצן.

גליקלעכערווייז האָט ראַמאָן נאָך אין מאַדריד פאַרקויפט דאָס בישל צירונג, וואָס ער האָט געבראַכט פון זיידן און דאָס געלט איז געבליבן ביי אמאַרילים — די זשאַנדאַרמען האָבן געהאַט מיט איר איינזעעניש און עס

ניט אוועקגענומען פון איר. איצט האָט זי געקאָנט לפּחות קויפן פאַר ראָמאַנען שפּייז. יעדער טאָג פלעגט זי שטיין לעבן תּפיסה מיט די שפּייז און מיט שרעק דערוואַרטן די ידיעה, אַז די שפּייז איז שוין חלילה ניט נויטיק, ווייל דער אַרעסטירטער עקזיסטירט שוין ניט מער . . . אין די נעכט פלעגט זיך איר פאָרשטעלן ווי ראָמאַן ליגט אויפן פייניקונג־טיש, ווי מען שינדט אים די הויט און ווי דער תּליון שטייט אָנגעבויגן איבער זיין קאָפּ מיט אַ חלף אין האַנט.

איינמאָל איז זי געגאַנגען פאַרביי אַ שפּיטאָל. אַ מאַנאַך האָט שטיל צוגעמאַכט דעם טויער און האָט זיך אוועקגעשטעלט אונטערן פּיכטע בוים, וואָס איז געשטאַנען לעבן פאַרקאַן. ער האָט שטרענג אָנגעקוקט אַמאַריליס׳ און האָט פלוצלונג, אָבער מיט אַ ווייכער שטים אַ זאָג געטאָן:

— פאַרגיב מיר, שוועסטער!

— אַ פאַרוווּנדערטע האָט זי אָנגעקוקט זיין פּנים, זיין פיגור און זיינע הענט, און דאָס האַרץ איז איר פאַרציטערט געוואָרן.

— סאַלענט! — האָט זי אַ געשריי געטאָן.

— אַזאַ מענטש עקזיסטירט שוין ניט מער אויף דער וועלט, — האָט דער מאַנאַך געזאָגט נעימותדיק, — אַנשטאָט יענעם איז איצט דאָ דער מאַנאַך איגנאַציאָ. פאַרגיב מיר, שוועסטער, פאַרגיב מיר אַלע מיינע שלעכטע מעשים.

— זאָל דיר גאָט מוחל זיין, — האָט זי געענטפערט, — איך בין אַליין אַ זינדיקע און ניט איך בין די וואָס איז באַרופן צו משפּטן צווישן גוט און שלעכט. איך בין צו שוואַך פאַר דעם.

זיי זיינען אַ ווײַלע געשטאַנען און אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן אונ־טער דעם שאָטן פון צעוואַקסענעם בוים.

— ווו איז דאָן־איניגאָ? — האָט ער געפרעגט.

אַ ווײַלע האָט זי אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט, ווייל דער נאָמען, וועלכן ער האָט נאָר־וואָס אָנגערופן האָט איר געקלונגען עפּעס פרעמד.

— ער איז אין תּפיסה ביי דער אינקוויזיציע, — האָט זי געענטפערט און האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט, — אָ, מיין לעבן, מיין האָפענונג, דאָס ליכט פון מיינע אויגן, — אַלץ פאַרלאָרן און צעטראָטן, ווי אַ קליין קינד ווערט צעטראָטן אונטער די אַכזריותדיקע קאָפּיטעס פון אַ ווילדן אָקס.

— גאָט וועט ניט דערלאָזן, שוועסטער, אַז אומשולדיקע מענטשן זאָלן חלילה אומקומען, — האָט סאַלענט רויִק געזאָגט.

— גערעכטיקייט זיגט, אָבער שטענדיק צו שפּעט, — האָט אַמאַרי־ליס באַמערקט.

— פארוואס האט מען אים ארעסטירט ? איז ער דען ניט געווען קיין ערלעכער קאטאליק און אן אויפריכטיקער שונא פון אפיקורסות ? — האט סאלענט צבועקיש א פרעג געטאן, צלמענדיק זיך דערביי.

— ער איז געווען, זיכער איז ער געווען ! — האט זי מיט א יאמער אויסגעשריען און אנגעכאפט סאלענטס האנט, ווי דאס וואלט געווען איר איינציקער אנהאלט, — ער האט שטענדיק געגעסן חזיר־פלייש און איז געווען און וועט אייך אייביק בלייבן א פרומער און איבערגעגעבענער זון פון דער הייליקער קירך. מען באשולדיקט אים איצט, אז ער איז א צוריקגעקערטער ייד, א מאראן. מיין הארץ ווערט מיר צעריסן טראכטנדיק וועגן דעם.

סאלענט האט זיך ניט באמיט צו באפרייען זיין האנט פון אמארילּיסעס הענט. פארקערט, ער האט זי צוגעצויגן נעענטער צו זיך, וועלנדיק זי טרייסטן און האט געגלעט אירע זיידענע לאקן מיט א ציטערנדיקער האנט אין האפנונג, אז ער וועט איר זיין מער ווי א ברודער אין גלויבן . . .

— א, בארואיק זיך, ליבע שוועסטער, — קיין זאך איז דערווייל ניט פארלארן. מען דארף האפן און זיך פארלאזן אויף גאטס ווילן און גערעכטי־קייט. אפשר קאן אים מיין עדות זאגן ארויסהעלפן ?

— א, איגנאציא ! — האט זי א געשריי געטאן.

— איך וועל טאן אלץ וואס איז אין מיינע מעגלעכקייטן, — האט ער געזאגט, — איך וועל טאן אלץ, וואס איז מעגלעך פאר מיר, מיין שוועסטער, ווייל איך האב דיך ליב מיט א הימלישער ליבע. איך בין באקאנט מיט דעם סעקרעטאר פון דער אינקוויזיציע און דער גרויסאינקוויזיטאר איז א נאענטער פריינד מיט דעם פארוואלטער פון מיין מאנאסטיר. און זיי ווייסן, אז איך בין פאראינטערעסירט בלויז אין אכפערן גאטס נאמען און אויסראטן אומ־רעכט פון דער וועלט . . .

— א, אין גאטס נאמען, איך בעט דיך ! — האט זי געזאגט, יאמ־מערנדיק קאנוואלסיוו אויף זיין ברוסט, — איך בעט דיך, ראטעווע אים פון טויט, ווייל ער איז אן אומשולדיקער. ער ליידט פאר פרעמדע זינד . . .

— באתויק זיך, מיין קינד, — האט ער געזאגט און האט איבערגע־צלמט זיך און זי.

— זאג מיר, ווו וווינסטו, מיין קינד ?

— איך ווין אויף דער פוערטא דע צינעכא גאס, אין דער קרעטשמע מיטן נאמען "דער ווייסער ריטער", — האט אמארילים געזאגט און האט אנגעקוקט סאלענטן מיט חשד.

— איך געפין זיך אין דעם מינימאַם מאַנאַסטיר, — האָט ער געזאָגט, — אויב עפּעס זאָל חלילה פּאַסירן, וואָס וועט דיך באַאומרויִקן, — שיק נאָך מיר תיכף. איצטער גיי און גאָט זאָל דיך שיצן!

ער האָט זי געבענטשט אויפן וועג און איז ווידער שטיין געבליבן אונטער דעם צעצווייגטן פיכטע־בוים.

די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן זעצן; די גאַסן זיינען פול געווען מיט מענטשן; דער עולם האָט זיך געאיילט צום אַקסן קאַמף, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט צוויי באַרימטע וואַלענסיער קעמפער, די געשיקטסטע אין לאַנד. זיי האָבן זיך געוואָלט פאַרמעסטן אין געשיקטקייט מיט די צוויי ווילדסטע אַקסן פון קאָרדאָבאַנער פאַרמס.

די גלעקער פון די אומצייליקע קירכעס און מאַנאַסטירן האָבן זיך צע־קלונגען אין א ווילדער קאַקאָפאָניע און פון הינטער די גלאָזן טורעמס האָט זיך די פאַרגייענדיקע זון צעגאָסן מיט גאָלדענעם פורפור.

אַמאַרילים איז געשטאַנען א פאַרלוירענע פון דעם אַלעם, וואָס האָט מיט איר נאָר־וואָס פּאַסירט. זי האָט געקוקט אויף אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אַרום איר מיט ניט באַגרייפנדיקע אויגן און אירע ליפּן האָבן געשעפּטשעט א תפילה.

מח

אין מיטן חודש מאַרט איז דער באַריכט וועגן דער ערשטער אויספאָר־שונג שוין געווען פאַרטיק און איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער אינקוויזיציע־פאַרוואַלטונג.

ווידער האָבן די פאַרראַסטעטע שליסלען אָנגעהויבן סקריפּען אין דער שליסל־לאָך פון דער תפיסה־טיר און ווידער איז ראַמאָן אויפגעפאָדערט גע־וואָרן צו דערשיינען פאַרן הויכן טריבונאַל.

די ריכטער מיט זייערע עצה־געבער זיינען געזעסן, ווי זיי וואָלטן זיך פון אָרט ניט גערירט פון דעם ערשטן פאַרהער אָן . . . אין זאָל איז געווען טונקל און שטיל.

מען האָט א פרעג געטאָן ראַמאָנען, צי ער וויל א פאַרטיידיקער צו זיין משפט. ער האָט געענטפערט, אַז ער נויטיקט זיך ניט אין קיין פאַרטיידיקער, אַז דער גאַנצער ענין איז זייער א קלאָרער און אַזוי ווי ער פילט זיך אומ־שולדיק אין די אויגן פון גאָט, גייט אים שוין ניט אָן, וואָס מענטשן מיינען וועגן אים.

מען האָט אויפגעזוכט דעם רעגיסטער פון דעם ערשטן פאַרהער. אַלץ איז דאָרט געווען ריכטיק, נאָר איין זאַך איז נאָך צוגעגעבן געוואָרן, אַז איי־נער מיטן נאָמען ראַמאָן אַגירעס פון באַדאַכאָז, א זון פון אַלאָנסאָ אַגירעס, איז א צוריקגעקערטער ייד, א מאַראַן און אַן אַפּיקורס, הגם זיין פאַרבינדונג מיט דעם איז שווער פעסטצושטעלן. וואַרשיינלעך איז דער יונגערמאַן געווען די צענטראַלע פיגור פון א מעכטיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס פּראַקטיצירט יידיש־קייט, מיט אָפּטיילונגען אין אַלע אַפּיקורסישע מדינות, ווי פלאַנדערס, פראַנק־רייך און ענגלאַנד.

דער פּראָבלעם, וואָס איז געשטאַנען פאַר דעם גרויסאינקוויזיטאָר איז געווען, — אַז דער יונגערמאַן זאָל זיך מודה זיין איידער זיין מאַיעסטעט, דער קעניג, וועט אָנקומען אַהער, כדי מען זאָל אים, דעם יונגן מאַן, קאָנען פאַר־ברענען צוזאַמען מיט די אַנדערע ביי דער פייערלעכער אויטאָ־דאַ־פע, און פּראָקלאַמירן נאָכאַמאָל די גרויסקייט און נאָבלקייט פון דער קאַטוילישער אמונה אין דער קעגנוואַרט פון קעניג.

דער גרויסאינקוויזיטאָר איז געווען גוטמוטיק און זיין שטים האָט געקלונגען פריינדלעך בלויז ביז די ערשטע זיצונגען פונם טריבונאַל. ביי דער ערשטער זיצונג, צו וועלכער מען האָט געבראַכט אַסך פאַרברעכער, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן פון שטראָף, ווייל זיי האָבן זיך אין אַלץ מודה געווען, איז דער נאָבעלער גרויסאינקוויזיטאָר אויפגעבראַכט געוואָרן מיט דעם פרעכן ניט וועלן פון דעם יונגן מאַן מודה צו זיין זיך אין אַלץ, וואָס די אינקוויזיציע האָט פאַרלאַנגט. דער יונגערמאַן האָט זיך געהאַלטן, לויט זיין מיינונג, צו שטאָלץ, אָפּט האָבן זיינע רייד געקלונגען מיט חוזק, וואָס עס איז געווען א באַליידיקונג פאַר דער הייליקער אינקוויזיציע.

די צווייטע און די דריטע זיצונגען האָבן געבראַכט ניט קיין בעסערע רעזולטאַטן, ווי די ערשטע. אַזוי, אַז צום סוף האָט זיך דער באַשולדיקער אויפגעהויבן און געענטפערט מען זאָל פאַרלעזן פאַר דעם פרעכן יונגן מאַן דעם באַשולדיקונג אַקט.

דער באַשולדיקער איז געווען א הויכער, דאַרער מאַן פון אַריסטאָ־קראַטישן יחוס. ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער ביי דעם דיוק פון אַלבאַ. ער האָט געדינט אַלס פּאַרטרוויונגס מענטש אין דער אינקוויזיציע, אָבער ער האָט זיך געפילט אַלץ מער און מער געקרענקט פון דעם געדאַנק, אַז ער האָט צו ווייניק לוטעראַנער אויסגעהרגעט, ווען ער האָט געהאַט א מעגלעכקייט דאָס

צו טאָן. איצט האָט ער געפירט אַ באַשיידענעם מאַנאַכישן לעבן: ווינטער פלעגט ער אויפשטיין זעקס אַזייגער, זומער — פיר אַזייגער, און פלעגט אוועק אין קירך גאָט בעטן, ער זאָל אים מוחל זיין פאַר די זינד, וואָס עס האָבן זיך געקאָנט אָנזאַמלען דורך דער נאַכט אין אַזאַ שוואַכער מענטשלעכער נשמה... פון קירך איז ער געגאַנגען אַהיים און האָט געגעסן זיין זינדיקן פרישטיק צוזאַמען מיט זיין יונגער, שיינער און אומשולדיקער דינסט . . . ער האָט געהאַט אַ רעפּוטאַציע פון אַ הייליקן מענטשן און ער האָט געהאָפט איינגיכן צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון גרויסאינקוויזיטאַר. די איינציקע וועלטלעכע זאַך, וואָס עס האָט אים אינטערעסירט, איז געווען פּאָעזיע. פון צייט צו צייט האָט ער געהאַט אַ פאַרלאַנג אָנצושרייבן אַ פיינעם מאַדריגאַל, און איצט, ווען דער סעקרעטאַר האָט געהאַלטן אין פאַרלייענען דעם באַשולדי־קונגס אַקט, איז ער געזעסן און באַטראַכט דעם פערזן וואָס ער האָט ערשט היינט פרי אָנגעשריבן. געלייענט האָט זיך עס אַזוי:

„אַ, דאָס פאַררעטערישע גליק
„פון מענטשלעכע טעג!
„פון שפינוועבס געמאַכט
„איז דער בעכער פון גליק,
„און ער וואַקלט אין שיין
„פון פאַרגייענדער זון . . ."

דער סעקרעטאַר האָט געלייענט דעם באַשולדיקונגס אַקט שנעל, לויט דער אָנגענומענער פאָרמע פון לייענען אַזעלכע זאַכן. און ווייל ראַמאָן איז ניט געווינט געווען צו אַזאַ מין לייענען, האָט ער פאַרהערט די ערשטע עטלעכע שורות פון דעם אַקט, אָבער ער האָט פון דעם קיין ווען ניט געמאַכט. ווייל סיי ווי סיי איז דער צעטל פון זיינע פאַרברעכנס, אין וועלכע מען האָט אים באַשולדיקט, געווען אַזוי גרויס, אַז צוויי שורות מער אָדער ווייניקער האָט שוין קיין ראָל ניט געשפּילט . . . ער האָט זיך פונדעסטוועגן אָנגעשטרענגט צו הערן אין וואָס עס באַשטייען אייגנטלעך זיינע פאַרברעכנס און ער האָט דער־הערט, אַז מען באַשולדיקט אים, אַז ער, ראַמאָן אַגירע, איז אַ צוריקגעקערטער ייד און אַז אַנטלאָפענער פון די הענט פון גערעכטיקייט אין סעוויליע; אַז דער נעמלעכער ראַמאָן אַגירע האָט אויסגעביטן זיין אמתן נאָמען אויף אַ פאַלשן נאָמען איניגאָ סאַטאָמאַיער; אַז דער דערמאָנטער ראַמאָן אַגירע איז אַ גע־פערלעכער מאַראַן און אַ שונא פון דער הייליקער קאַטוילישער אמונה; אַז ער האָט אויסגעלאַכט און אויסגעחוזקט אונדזער מוטער־קירך און האָט זיך

פאראייניקט מיט די אומגלויביקע יידן און האט זיך באטייליקט אין א טייוול־שער גאטעסדינסט, וואס איז אפגעריכט געווארן אין א קעלער ביי דעם פאר־רעטערישן און ליגנערישן יידן, דאן־כעזוס מאלטאלבאן, וועלכער האט שוין באקומען די פארדינטע שטראף אויפן אויטא־דא־פע אין סעוויליע.

דער זעלבער ראמאן אגירע איז באפאלן און האט געהרגעט א זשאנ־דארם פון דער הייליקער אינקוויזיציע, זאל ער דארט האבן א ליכטיקן גן־עדן, און איז אוועק קיין באדאכאז, צו טרעפן זיך מיט זיינע פארבינדעטע. די שונ־אים פון דער קאטוילישער קירך, כדי נעמען ביי זיי געלט אויף פארשיידענע אויסגאבן און רייזעס אין דער פארפלוכטער פראווינץ פלאנדערס, און, אז ער, ראמאן אגירע, האט זיך געקליבן אריבער צו גיין די גרעניץ און פון ווייטן אנפירן זיין פארברעכערישע טעטיקייט קעגן דער גאנצקייט פון דער הייליקער קאטוילישער קירך, אז . . . אא"וו.

מיט אן אראפגעלאזטן קאפ און מיט הענט, וואס זיינען אים געהאנגען ווי שטריק, האט ראמאן אויסגעהערט דעם צעטל פון די פארברעכנס, אין וועל־כע מען באשולדיקט אים און עס האט אים געשווינדלט אין קאפ. די איינציקע זאך, וואס ער האט איצט געזען פאר זיך אין פארשטעלונג, איז געווען אמא־רילים — זיין איינציקער, ליכטיקער שטראל, זיין איינציקע האפנונג. מא־מענטנווייז פלעגט פאר אים אויף א רגע אויפטויכן די מיסטעריעזע געשטאלט פון זיין זיידן, וועלכער איז אים געקומען צו הילף אין שעה פון גרעסטן אומ־גליק, ווען זיין אייגענער פאטער האט אים געוואלט איבערגעבן אין די הענט פון דער אינקוויזיציע. ער האט געשפירט א גוואלדיקע רחמנות צו דעם אלטן מאן, ווען ער האט פארשאפט אזויפיל שוידערלעכן עגמת־נפש אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן.

ווען מען האט אים ארעסטירט, האט ער קודם־כל אפגעביסן דעם זיידנס חתימה פון דעם בריוו, וואס ער האט אים געגעבן — און עס דערשלונגען או' דאס איבעריקע האט ער צעריסן. די דאזיקע שטיקלעך האבן די זשאנדארמען צונויפגעקליבן און די עקספערטן פון דער אינקוויזיציע האבן עס צוריק אויפ־געשטעלט.

איצט האט אלץ אויסגעזען קליין און ניט וויכטיק : — די איטאליע־נישע קרעטשמעס, די שמייכלענדיקע נעאפאליטאנער גאסן־מיידלעך, די פיינע טראקטן פון סעציליע, די קירכעס פון מילאן, די מאלערייען פון באטיטשעלי אין פלארענץ, די שטאט וועלכע איז זיס ווי א חלום, ווי דער פרימארגן, ווי דאס לעבן, ווי דער טויט . . .

— אָ, מיין גאָט! — האָט ער אויסגעשריען און האָט מיט א שרעק־לעכן יאָמער אויסגעשטרעקט די הענט און געבעטן פארגעבונג.

— אלזאָ, ביסטו זיך מודה אין דיינע זינד? — האָט דער פּראָקוראטאָר אים געפרעגט.

— איך האָב אייך שוין אלץ געזאָגט, — האָט ראַמאָן געענטפערט און געציטערט ווי א בלאַט אין ווינט, — מיין לעבן איז אין אייערע הענט. איך בין א פרומער קאַטאָליק ווי אונדזער קעניג אליין, איך ווייס ניט פון קיין אנ־דער אמונה און וויל ניט וויסן.

— און דו לייקנסט, אז דו האָסט עפּעס צו טאָן מיט די הערעטיקער אין פלאַנדערס? — האָט דער גרויסאינקוויזיטאָר א פרעג געטאָן.

— יאָ, איך לייקן.

— און דו זאָגסט זיך אָפּ צו אויסזאָגן דעם נאָמען פון דעם מענטשן, וואָס האָט אונטערגעשריבן דעם בריוו, וועלכן מען האָט געפונען ביי דיר?

— איך האָב דעם בריוו געפונען . . . כ'מיין דער בריוו איז ניט וויכ־טיק . . .

— נעמט אים אין פייניקונגס־קאַמער! — האָט דער פּראָקוראטאָר באַפוילן.

— ניין, ניין! — האָט ראַמאָן אויסגעשריען, — איך בעט אייך! . .

— גיסטו צו, אז דו ביסט א שליח פון דעם הערעטיק בנימין קאַרדאָזא פון אמסטערדאַם? וועסטו אונדז זאָגן דעם נאָמען פון דעם מענטשן, וואָס האָט דיר געגעבן דעם בריוו צו די פלאַנדערישע אפּיקורסים?

— איך קאָן ניט! . . איך קאָן ניט! . . — האָט ראַמאָן אויסגעשריען און איז געפאַלן אויף דער ערד און געכאַפּט קושן דעם פּראָקוראטאָרס מאַנטל.

— נעמט אים אין פייניקונגס קאַמער! — האָט דער פּראָקוראטאָר באַפוילן.

דער סעקרעטאַר האָט ארויסגענומען פון דיקן רעגיסטער־בוך פּאַפּירן וועגן אָן אנדער באַשולדיקטן און האָט איבערגעגעבן צו די ריכטער.

דער זשאַנדאַרם האָט אוועקגעשלעפּט ראַמאָנען צום טיר.

— לאָז מיך אָפּ! — האָט ער אויסגעשריען, — איך דאַרף ניט דיין הילף! — און מיט שטאָלץ איז ער אוועק איבערן פינצטערן קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט גלייך אין אָ קעלער אריין.

פון פאַרנט זיינען געגאַנגען צוויי אינקוויזיציע זשאַנדאַרמען און פון

הינטן איז געגאנגען דער אנגעשטעלטער פון פייניקונגס קאמער, וועלכער האט זיך אקארשט באוויזן פון א צעל.

— נאך איינער ? — האט ער א פרעג געטאן.

— יא, נאך איינער, — האט א זשאנדארם געענטפערט.

זיי זיינען דורכגעגאנגען א גאנצע רייע קעלערס ביז זיי האבן דער־גרייכט צום ריכטיקן קעלער — צו דער פייניקונגס קאמער. קיין געשריי, קיין קרעכץ און קיין יאמער האט פון דאנען ניט געקאנט דערגרייכן צו דער אויבערער וועלט און אפילו ניט צו די פארמשפטע, וועלכע זיינען געווען אין די דערבייאיקע צעלן. אלץ וואס דא איז געטאן געווארן איז געווען פון גאטס וועגן און דעריבער האבן די קולות פון דאנען דערגרייכט נאר צו גאט.

אין עק פון דעם קארידאר איז געווען א גרויסער אייזערנער טויער. זיי האבן זיך אפגעשטעלט. דער זשאנדארם האט אנגעקלאפט מיטן הענטל פון זיין אלעבארדע. דער טויער האט זיך שטיל געעפנט און א שטיקנדיקער ריח פון געברענטע פלייש און פון פארשטיקטע לופט האט אויף זיי א שטראם געטאן.

ראמאן האט ניט ווילנדיק געמאכט א טראט צוריק, אבער בלויז אויף א רגע. ער האט דאן שטארק פארמאכט דעם מויל, די אויגן און איז איבער־געטראטן די שוועל.

הינטער זיי האט זיך פארמאכט דער טויער.

ניין

די קאמער איז געווען גרויס און אויסערגעוויינטלעך הויך. דארט איז אבער געווען אנגעווארפן און אנגעהויפט אזויפיל מאדנע פייניקונג־אינסטרו־מענטן און מאשינעס, אז יעדערער, וועמען עס איז באשערט געווען אריינצו־קומען אהער, האט געהאט פלאץ בלויז צו לייגן זיך, צו דרייען זיך אין דרייען, צו הענגען און נאך אזעלכע ליבע זאכן. אבער מען האט דארט בשום אופן ניט געקאנט שטיין גלייך און נאטירלעך.

ווען ראמאן איז אריינגעגאנגען אין קאמער, האט ער דערזען אז על־טערן מענטשן אונטערגעהאנגען אונטער די הענט, און די פיס זיינען גע־לעגן אויף א ברענענדיקן אויוון. איינער איז ארומגעקראכן ארום אויוון און האט פאנאנדערגעבלאזן די קוילן. עס האט אבער אויסגעזען, אז דער אונטער־געהאנגענער קימערט זיך ניט פון דעם ווייטאק און דאס איז פשוט געווען דערפאר, וואס ער איז געווען א געחלשטער און האט ניט געקאנט פילן אפילו די משונהדיקע ווייטאקן, וואס די פלאמען פון דעם אויוון האבן אים פארשאפן.

דער תליון האָט דורכגעקוקט די אינסטרומענטן. זיין געהילף האָט געמאַכט פּלאַץ און האָט דעם פרישן קרבן אַ שטופּ געטאָן פאָרויס.

— פּייניק אים! — האָט דער זשאַנדאַרם געזאָגט.

אַ דאָקטאָר איז צוגעגאַנגען צו דעם אונטערגעהאַנגענעם און האָט געפּרוּווט זיין פּולס.

— ער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ געחלשטן, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — גייט אָן מיט אייער אַרבעט. ער קאָן נאָך אויסהאַלטן אַ היבש ביסל צייט.

אין דער צייט ווען דער געהילף האָט צוגעגרייט די אינסטרומענטן פאַר ראַמאָנען, האָט דער תליון געמאַכט צוויי טיפע שניטן אין די אונטערשטע טיילן פון די פיס ביי דעם עלטערן מאַן, האָט אַריינגעלייגט אהין פּוטער און האָט זיי געלאָזט ליגן אויפן אויוון.

דער מאַן האָט פון ווייטאָק אַנגעהויבן שרייען מיט באַנומענע קולות און איבערן קאַמער האָט זיך צעשפּרייט אַ שטיקנדיקער עיפּוש פון געברענטע מענטשישע פליש...

— אַ, יעזוס! .. יעזוס! .. — האָט דער מאַן געשריען.

— זיי זיך מודה! — האָט דער תליון געפּאָדערט.

— זיי זיך מודה! — האָט דער סעקרעטאַר נאָכגעזאָגט.

אָבער דעם מאַנס קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן אויפן ברוסט און דער צונג האָט זיך געבאָמבלט צווישן די ליפּן.

— גאָט זאָל בראָטן אייערע פאַרעיפּושטע לייבער, אַ מגפה זאָל קומען אויף אייערע ביינער, אויף אייערע הערצער און אויף אייער לייב און לעבן און אויף בלוט... אייער בלוט... אייער בלוט... — האָט דער מאַן מאַכטלאָז געשעפּטשעט.

ער איז געווען אין היץ־הער פּלעט, אָבער דאָך אַביסל ביים זינען און דער תליון האָט אים אונטערגעבראָטן, כדי ער זאָל ריידן...

— פאַרטיק? — האָט דער תליון אַ פרעג געטאָן זיין געהילף.

— פאַרטיק! — האָט יענער געענטפערט.

דער תליון און דער זשאַנדאַרם זיינען אַוועק אהין.

דער טויער האָט זיך פאַרמאַכט הינטער זיי.

ג

ווי א נאכט־וואנדלער איז ראמאן אוועקגעגאנגען צום לאנגן טיש, אויף וועלכן דער תליון האט אים אנגעוויזן מיט זיין קורצן, פעטן פינגער. ווי א קליין קינד האט ער זיך אוועקגעלייגט אויף די מיט לעדער באדעקטע ברעטער, וואס זיינען געווען דורכגעזאפט מיט שוויס, בלוט און מענטשלעכע ליידן. דער געהילף האט באטראכט ראמאנס הענט און פיס און האט זיי געבונדן מיט דינע, שארפע און שטארקע שטריקלעך. מיט פולן און טיפן באוווסטזיין פון זיין אומשולד, האט זיך ראמאן אוועקגעלייגט מיטן פנים ארויף, איינשפארנדיק זיין בליק אין דער הויכער ווייט. ער איז געלעגן אין אומבאוווסטער דערוואַרטונג און האט געטראַכט וועגן טויט.

די גרעסטע פייניקונגען און מאטערנישן האבן אייגנטלעך ניט געהאט קיין גרויסן ווערט, ווייל דארט ווו די גרעניצן פון ליידן זיינען אפגעווישט, איז שוין קיין ליידן ניטא און אפילו טויט איז בלויז א דערלייזונג.

איצט איז ער געלעגן און האט מיט האלב־פארמאכטע אויגן נאכגעקוקט דעם תליונס געהילף.

דער תליון האט גענומען א גרויסע טרייבל, האט עס אריינגעשטעלט ראמאנען אין מויל אריין און האט געהייסן זיין ארויסהעלפער אנהויבן די ארבעט . . . דער ארויסהעלפער האט אנגעהויבן גיסן אין טרייבל וואסער געמישט מיט אויל, און געגאסן האט ער עס פאמעלעך און מיט געשמאק, עמער נאך עמער, ווי ער וואלט באגיסן א פיינעם בלומען פלאץ. אז ראמאנס קערפער איז שוין געווען געשוואלן פון די וואסער און עס איז געווען א געפאר, אז ער זאל פלאצן, האט מען אים פארשטאפט דאס מויל און אוועקגעשטעלט לעבן א וואנט, מיטן קאפ אראפ, און די פיס האט מען אים צוגעבונדן צו א גרויסן טשוואק.

די תליונים זיינען ווידער אוועק צו דעם אלטן מאן, וועלכער האט זיך פאמעלעך געבראטן אויפן ברענענדיקן אויוון.

אינגיכן האבן זיי זיך אומגעקערט, האבן אויסגעפאמפעט פון ראמאנען די וואסער און האבן דורכגעמאכט די זעלבע פייניקונג נאכאמאל, נאר אנשטאט וואסער האבן זיי אים געגאסן עפעס אן עיפושדיקע פליסיקייט, און האבן אים ווידער אוועקגעשטעלט מיטן קאפ אראפ, מיט די פיס ארויף.

— זיי זיך מודה ! — האט דער תליון ווידער געפאדערט.

— זיי זיך מודה ! — האט דער סעקרעטאר נאכגעזאגט, האלטנדיק זיין פעדער אין האנט, גרייט צו פארשרייבן דעם ווידוי. ער האט אבער קיין

זאך ניט געהאט אין וואס צו מודה זיין זיך און האט דעריבער געשוויגן. דאן האבן זיי אים אפגעהאקט די גרויסע און גראבע פינגער פון די פיס, די ווונדן האבן זיי געווייקט אין וואסער מיט זאלץ און פעפער און דאן האבן זיי אריינגעשטעקט אין די ווונדן ברענענדיקע קין. און אז ראמאן האט פון גרויס ווייטאק אנגעהויבן שרייען, האבן זיי אים אריינגעגאסן אין מויל געזאלצענע וואסער . . .

ער האט זיך אבער אלץ ניט מודה געווען. האבן זיי זיך גענומען צו אנדערע מיטלען: זיי האבן אים אריינגעשטעלט א שטיק אייזן אין מויל. אזוי אז ער זאל עס ניט קאנען צומאכן און האבן אריינגעלאזן אהין א יאשטשערקע. די יאשטשערקע איז געווען צוגעבונדן צו א שטריקל און זי איז ארומגעקראכן אין מויל איבערן צונג און אין האלדז; דער איבל פון דעם איז געווען אזוי גרויס, אז ראמאן איז געבליבן אין חלשות. זיי האבן אים אפגעלאזן א ווײַלע. אין דער צייט איז אריין דער פראקוראטאר און האט פארארדנט אין נאמען פון טריבונאל, מען זאל אפשטעלן די פייניקונגען.

מיט צוויי שטונדן שפעטער זיינען די פייניקונגען באנייט געווארן. איצט האט דער תליון געהאט אינסטרוקציעס, ער זאל אנגיין מיט זיין ארבעט מיט מער אכזריות, באנוצנדיק זיין געשיקטקייט, אבער אנהאלטנדיק דעם קרבן ביים לעבן, ווייל מען האט נאך פון אים ניט ארויסבאקומען אלע נויטיקע ידיעות, וואס דער טריבונאל דארף האבן.

איינס נאכן אנדערן האט מען אים אפגעהאקט די פינגער פון דער רעכטער האנט, און אז ער האט דערזען דעם תליון נעמענדיק דעם מעסער צו שינדן די הויט פון זיין לייב, האט ער אנגעהויבן שרייען מיט די לעצטע כוחות:

— איך בין זיך מודה ! . . איך בין זיך מודה ! . .

— אט אזוי, זיי זיך מודה ! — האט דער תליון אויסגעשריען.

— זיי זיך מודה ! — האט דער סעקרעטאר געזאגט, האלטנדיק גרייט זיין פעדער, — וואס וועסטו אונדז זאגן וועגן דיינע פארבינדעטע ?

— דער מאן וואס האט געשריבן דעם בריוו, וועלכן איר האט צוגענומען, איז דאן־כאזע אגירע, — האט ער קוים גערעדט, — ער וווינט אין דער שטאט באדאכאן. א, גיט מיר א ביסל וואסער, איך שטארב פון דורשט...

— ניט איצטער, מיין ברודער. — האט דער סעקרעטאר געזאגט, — דו גיסט צו, אז דו האסט אים געקאנט, אלס א צוריקגעקערטן יידן. אלס א מאראן, וואס האט פראקטיצירט יידישקייט ?

— יאָ, איך גיב צו.

— און זיין גאַנצע פאַמיליע אויך ?

— יאָ. האָט רחמנות, גיט מיר אַביסל וואַסער . . .

— ביסטו געווען דער, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרבינדונג די היגע הערעטיקער מיט די פאַרפלוכטע אפּיקורסים אין פלאַנדערס ? — האָט דער סעקרעטאַר געפרעגט און האָט אויף שנעל פאַרטגעזעצט דאָס פאַרשרייבן.

— יאָ. גיט מיר אַביסל וואַסער, האָט רחמנות . . .

— גיב אים וואַסער ! — האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט, — איצט גייט אַן מיט דער אַרבעט אַרום דעם אַלטן מאַן און איך וועל גיין איבערגעבן דעם טריבונאַל, אַז דער פאַרברעכער האָט זיך סוף־כּל־סוף מודה געווען.

נא

עס איז געווען שפּעט און דער טריבונאַל האָט קיין זיצונג שוין ניט געהאַט.

מען האָט ראַמאַנען צוריקגעפירט אין זיין צעל; און ווייל ער האָט אַליין ניט געקאָנט גיין צוליב דעם, וואָס מען האָט אים אָפּגעהאַקט די פינגער און צעשניטן די פוסטריט, האָט מען אים געשלעפּט איבער דער שטיינערנער פּאָדלאָגע און אַלע זיינען וווּנדן האָבן זיך צעעפנט און צעבלוטיקט . . . ער האָט געראָפן נאָך הילף, אָבער קיינער האָט ניט געענטפערט . . .

מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין צעל. ער איז געלעגן אויפן דיל מיט אַ רויִקייט וואָס גרעניצט זיך מיט משוגעת. זיין קאָפּ איז געווען אַנגעשפּאַרט אויף די צוויי ברעטער, וואָס האָבן באַדאַרפט זיין זיין בעט. ניט קאַנענדיק רירן זיך פון אָרט, זיינען אים די אויגן פאַרלאָפן מיט זודיקע, הילפלאָזע טרערן און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון גאַלוצינאַציעס. עס האָט זיך אים פאַרגעשטעלט ווי ער איז נאָך גאָר אַ יונגער בחור, אַ שטאַרקער און מו־טיקער; ווי ער זיצט ערגעץ אין אַ גרינעם טאָל. באַגאָסן מיט ווייכער ליכט פון דער לבנה; אַרום אים וואַקסט פּלוצלונג אויס אַ לייטער און ער קריכט אויפן לייטער ביז צו די וואָלקנס אַרויף . . . אָן דאָרט אויפן גרעניץ פון הימל באַגעגנט אים דאָן־כעזוס מיט ליבע און צאַרטקייט . . . און ער, ראַמאָן, זאָגט צו אים :

— פאַרגיב מיר, איך האָב געזינדיקט קעגן דיר ! . .

די ליפּן פון דער געשטאַלט הויבן זיך אָן באַוועגן און דער דערהערט אַ שטים :

— איך בין דיר מוחל. איך נעם דיך ארום, ווי אן אייגענעם ברודער אין ישראל.

— איצט ביסטו טויט, מיין באליבטער מארטירער, מיין ליבער חבר אין די ערדישע וואנדערונגען !

— דאס מאכט ניט אויס, מיין ברודער. אלע וועלן מיר פריער אדער שפעטער שטארבן, אלע וועלן מיר זיך אומקערן צו דעם גרויסן באשאפער ..

— זאל זיין נאמען זיין געאכפערט אויף אייביק !

— מיין זיידן האט מען געהרגעט אין בארצעלאנא. ער איז געשטאנען לעבן א מאנאד, וואס האט באוויזן אין א פלאש א שיינענדיק בילד פון יעזוסן. דער מאנאד האט געזאגט, אז דאס שיינט דורך א נס און דער זיידע האט געזאגט, אז דער שיין קומט פון נאטירלעכע סיבות. דער עולם איז געווארן אזוי אויפגערעגט, אז מען האט אים פאר זיין אפיקורסות צעריסן אויף שטיקער. דאס איז געווען לאנג צוריק און ער וואלט שוין ביז איצט סיי ווי סיי געשטארבן, אבער אלץ פארשווינדט און דער אמת בלייבט און פון אלע אמתן בלייבט דער איינציקער און אמתער אמת — אונדזער גאט.

— געבענטשט זאל זיין זיין נאמען אויף אייביקע צייטן ! — האט ראמאן געשעפטשעט, אדער עס האט זיך אים געדוכט, אז ער שעפטשעט, ווייל ער איז געווען אינגאנצן אן א באוווסטזיין.

מיטאמאל איז אלץ פארשווונדן, אלץ איז ארייגעפאלן אין א טיפן תהום, מיטשלעפנדיק אים מיט אזא גוואלדיקער שנעלקייט, אז עס האט אים פארכאפט דער אטעם.

ניט געקוקט אויף דעם, האט ער דאך, אויף אן אומפארשטענדלעכן אופן דערשפירט לעבן זיך א ווארימען אטעם און האט דערקענט דעם זיידנס זיסע שטים. דער זיידע האט אים אנגענומען פארן האנט און זיי האבן זיך אוועקגעטראגן אין די לויטערע הימלען, אין דער ווארימער, ליכטיקער נאכט.

ער איז געלעגן אויפן דיל, ווי א פארלארענע, הילפלאזע שעפס. זיינע אויגן זיינען געווען פארצויגן מיט א נעפל פון פיין. זיינע גלידער זיינען פארגליווערט געווארן פון יסורים. ווי לאנג ער איז געלעגן, האט ער ניט געוווסט, נאר עס האבן זיך אים נאך חלומות געחלומט און אין אלע חלומות האט ער געזען זיין זיידן דאן־כאזע, ווי ער האט גערעדט מיט משהן און מיט אברהמען און דורך זיי מיט גאט אליין. ער האט געזען א פייערדיקן זייל און ער מיטן זיידן זיינען אויף דעם זייל געזעסן, ארומגערינגלט מיט נאך שוועבנדיקע

נשמות, צווישן וועלכע ער האט דערקענט די ליבע נשמה פון דעם נאבעלן דאן־כעזוס, און א געטלעכע ווארעמקייט האט זיך צעגאסן איבער זיין הארץ און ער האט געזונגען א לויב צום אייביקן און איינציקן גאט.

נב

איינגיכן האט זיך ראמאן אויפגעכאפט פון זיין היץ־הער פלעט צו־שטאנד און האט דערשפירט ווי איבער זיינע באקן גיסן זיך טרערן און ער האט דערזען אז פון זיין רעכטער האנט זיינען אפגעהאקט די פינגער. דאס לעצטע האט אים ניט אזוי וויי געטאן, ווי עס האט אים דערנידעריקט.

א דערמוטיקטער פון א נייעם שטראם האס, וואס האט זיך איין אים דערוועקט, האט זיך ראמאן אוועקגעזעצט, אבער ער איז געווען זייער שוואך, און, אז דער זשאנדארם איז געקומען נעמען אים צום הייליקן טריבונאל, האט ער זיך ניט געקאנט אויפהויבן פון ארט. און ווידער האט מען אים געשלעפט איבער דער פאדלאגע צו די ריכטער, ווו ער האט באדארפט איבערחזרן דאס, אין וואס ער האט זיך מודה געווען אין דער פייניקונגס־קאמער.

ער איז געזעסן אין א שטול און האט זיך צוגעהערט, ווי דער סעקרע־טאר האט אים פארגעלייענט זיין ווידוי, און עס איז אים פינצטער געווארן אין די אויגן, ווען ער האט דערהערט דעם נאמען פון זיין זיידן. האט ער געמאכט א באוועגונג אויפצושפרינגען פון ארט, אבער איז מאכטלאז צוריקגעפאלן.

— א, ניין, ניין ! קיינמאל ניט ! קיינמאל ניט ! . .

— לייקנסטו אפ דאס, אין וואס דו האסט זיך נעכטן מודה געווען ? — האט דער פראקוראטאר א פרעג געטאן.

— איך בין שולדיק אין אלע פארברעכנס, אין וועלכע איר באשולדיקט מיך און איך בין ווירקלעך א זינדיקער מענטש. איך בין גרייט צו מודה זיין זיך אין וואס איר ווילט און אפילו אונטערצושרייבן א פאפיר וועגן דעם, אבער דער מאן, וועמעס נאמען איר האט דערמאנט, האט מיט דער גאנצער זאך קיין שום שייכות ניט, איך שווער ביים אלמעכטיקן גאט !

— גענוג ! — האט איינער פון די ריכטער געזאגט, — עס זעט אויס, אז דו ביסט זייער א גוטער אקטיאר און אלע אונדזערע באמיונגען זיינען ארויסגעווארפן. מיר האבן נאך אין אונדזערע קעלערן אזעלכע פייניקונגס־אינסטרומענטן, אז פון איין קוק אויף זיי ווערט דאס בלוט אין די אדערן פארגליווערט ! מיר גיבן דיר נאך איין מינוט צייט : — אדער דו שרייבסט אונטער דעם פראטאקאל, אדער מען וועט דיך ווידער נעמען אין פייניקונגס־קאמער.

דער ריכטער האָט גערעדט שטרענג און אכזריותדיק. ער האָט עס געטאָן דערפאַר, ווייל צווישן עכטע קריסטן האָט מען אים אָנגעהויבן חושד זיין אין סימפּאַטיעס צו די מאַראַנען. געשטאַמט האָט ער פון דער אַלטער, יחוסדיקער משפּחה באַרדאַקס, פון קאַטאַלאָניע, וועלכע איז אַריבער צום קאַטוילישן גלויבן נאָך אין פערצנטן יאָרהונדערט און איצט זיינען זיי אַלע געווען פאַררעכנט פאַר גוטע, לאָיאַלע קאַטאָליקן און פאַר פּאַטריאָטן פון אַראַגאָניע. אָבער דאָך האָט מען געשמועסט וועגן אים מיט אומצוטרוי, און דאָס האָט אים געצוווּנגען צו זיין האַרט און אכזריותדיק.

— איך וויים, — האָט ראַמאָן געזאָגט, — מיין לעבן איז סיי ווי סיי צעבראָכן און מיין קערפּער שפּירט שוין ניט קיין פּיין.

— דאָס איז אמת, — האָט זיך דער פּראָקוראַטאָר אַריינגעמישט, — אָבער מיר וועלן אַריינרופן אַ געוויסע פרוי מיטן נאָמען אַמאַרילים, און . . .

— ניין ! ניין ! — האָט ראַמאָן אויסגעשריען מיט שרעק און פאַרצווייפלונג.

— אַמאַרילים איז אַ מכשפה, — האָט דער פּראָקוראַטאָר פאָרטגעזעצט, — דער טריבונאַל האָט באַוויזן וועגן דעם און מען דאַרף זי אויך נעמען אין פּייניקונגס־קאַמער ווי אַ באַטייליקטע אין דעם פאַרברעכן.

— איך בין זיך מודה אין אַלצדינג, — האָט ראַמאָן געזאָגט. — איך בין זיך מודה, אַז איך האָב דערמאָרדעט דעם וועכטער פון דער הייליקער אינקוויזיציע; איך בין זיך מודה, אַז איך בין אַ צוריקגעקערטער ייד, אַ מאַראַן; איך בין זיך מודה, אַז איך האָב מיט מיין אייגענעם ווילן געשפּיט אויף דעם בילד פון דער הייליקער מאַדאָנע; איך בין זיך מודה, אַז איך האָב זיך געהאַלטן אָן דעם יידישן גלויבן, אָן משהס תורה, און האָב געזידלט און געשאָלטן די פאַרפלוכטע און הולטאַיסקע אויסוואורפן — די קאַטוילישע מאַנאַכן . . .

— גענוג ! גענוג ! . . — האָט דער הויפּטאינקוויזיטאָר אויסגעשריען.

— איך האָב געפלוכט און געשאָלטן אַלע אייערע הייליקע, די ליימענע גולמס און נאָכשטופער פון דעם טייוול אַליין. איך האָב געשאָלטן און פאַרשאָלטן דעם קרעציקן און עיפּושדיקן מאַיעסטעט, וואָס פאַרנעמט דעם שפּאַנישן טראָן . . . — האָט ראַמאָן ווייטער גערעדט, ניט קאָנענדיק קאָנטראָלירן זיין גערעכטיקן כעס.

— גענוג ! — האָט דער פּראָקוראַטאָר אויסגעשריען מיט גוואַלדיקער אויפגערעגטקייט.

— דער מאן איז פון זינען אראפ! פירט אים אוועק אין פייניקונגס־קעלער!

— אין פייניקונגס־קעלער! — האט דער פראקוראטאר איבערגעזאגט, און די זשאנדארמען האבן אים אוועקגעשלעפט אין א טונקעלן קארידאר.

— א שווידערלעכע גאט לעסטערונג! — האט דער גרויסאינקוויזיטאר געזאגט מיט א פרומער מינע און האט זיך איבערגעצלמט, — אומגליקלעכער־ווייז קאנען מיר אים איצט ניט פארברענען, ווייל מיר זאמלען צונויף אלע פאר־ברעכער, פאר א גרויסן אויטא־דא־פע, וואס מיר ארדנען איין לכבוד זיין מאיעסטעטס באזוך אין חודש מאי.

זאל מען גלייך ארויסשיקן די פאפירן צום קאמיסאר אין באדאכאז, — האט דער פראקוראטאר געזאגט, — גאנץ מעגלעך, אז אלץ, וואס ער האט דא געזאגט איז ריכטיק. זאל מען גלייך ארעסטירן דאן־כאזע אגירע און זאל מען אים פארברענגען פארן הייליקן טריבונאל, כדי פעסטצושטעלן זיין האנטשריפט מיט דער חתימה אויפן בריוו, וואס מען האט געפונען ביי ראמאן אגירע און דאן שטעלן אים צום געריכט.

א סעקרעטאר האט צוגעגרייט די פאפירן צום ארויסשיקן און א צווייטער האט ארויסגענומען פון רעגיסטער־בוך אן אנדער אקט פון א צווייטן פארברעכער.

נג

פרילינג איז געשטאנען אין פולן בלי. בריוו זיינען איצט געשיקט געווארן יעדער טאג פון שטאט צו שטאט — מיטטיילונגען וועגן דעם גרויסן יום־טוב און די גרויסע פייערונגען, וואס דארפן פארקומען לכבוד דער קע־ניגלעכער פאר.

סאראגאסא איז געווען פארנומען מיט פיבערהאפטע צוגרייטונגען צו דער גרויסער קעניגלעכער פייערונג. די גאסן זיינען געווען שטענדיק געפאקט, מען האט געבויט, געפוצט די באלקאנען מיט בונטע שטאפן, גערייניקט די גאסן און געגרייט זיך צום יום־טוב.

זיין מאיעסטעט, דער קעניג, האט צוגעשיקט א באשטעטיקונגס־בריוו, אז אויך די קעניגין וועט אנטאן דעם כבוד דער שטאט סאראגאסא און וועט קומען צו דער פייערונג.

אין דער צייט, ווען דא זיינען אנגעגאנגען די צוגרייטונגען, איז פון באדאכאז אנגעקומען די ידיעה, אז דאן־כאזע אגירע איז געשטארבן נאך אי־

פעברואר חודש אַז וידוי. די דאָזיקע איינצלהייט האָט איבערגעגעבן אַז אַלטע, ערלעכע, קאַטוילישע פרוי, אַ דינערן ביי די אַגירעס.

נאַטירלעך, האָט די הייליקע ברודערשאַפט ניט געקאָנט פאַרשווייגן אַזאַ אומגעהויערע זאַך און האָט תיכף אויסגעגראָבן די ביינער פון דעם פאַרשטאָר־בענעם און האָט זיי צעוואָרפן און צעשפּרייט מיטן ווינט, זיין נשמה און זיין געביין האָט מען פאַרשאָלטן און אין קירך איז אויסגעהאַנגען געוואָרן אַ טאָוול לזכרון פון דער געשעעניש.

די באַדאַכאָזער ידיעה איז ניט געווען צום האַרצן דער סאַראַגאָסער הייליקער אינקוויזיציע, ווייל זי האָט געגרייט אַ פייערלעכע אויטאָ־דאַ־פע און עס וואָלט געווען ניט מער ווי רעכט, אַז כאָטש אַ ביין פון דעם אויסגע־גראָבענעם כאָזע זאָל ביי דער פייערונג פאַרברענט ווערן.

גרויסע אַמפּערייען האָט אַרויסגערופן די פראַגע וועגן די קעפּ פון די, וואָס מען האָט גילאָטינירט ניט לאַנג צוריק פאַר אַ פאַרברעכן, וועלכן זיי אַליין האָבן נאָר געוווּסט און האָבן קיינעם ניט געוואָלט אויסזאָגן . . . אַזוי ווי די קעניגין איז געווען ניט נאָר אַ פרומע, נאָר אויך אַ וויל־געלערנטע, איז שווער געווען צו באַשטימען — אפשר וועט זי מיט איר ווייכהאַרציקייט ניט קאָנען קוקן אויף די קעפּ פון מענטשן, וועלכע מען האָט געקעפּט ניט פעסטשטעלנ־דיק זייערע זינד . . . פון דער אַנדער זייט אָבער וואָלט עס געקאָנט דערוויזן, ווי די קירך וואָרצלט אויס יעדער מעגלעכקייט פון מרידה אין אַראַגאָניע. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס איז באַשטימט געוואָרן, אַז די קעפּ זאָלן בלייבן וווּ זיי זיינען — דאָס הייסט, אויף די שטאָטישע ווענט.

דער משפּט איבער ראַמאָן דע־אַגירע איז געווען פאַרענדיקט. פון דעם הויפּט־בישאָף איז אָנגעקומען אַ בריוו צום סאַראַגאָסער טריבונאַל. אין דעם בריוו דערקלערט דער בישאָף, אַז דאָן־אַלאָנסאָ, דער זון פון כאָזע און דער פאָטער פון ראַמאָן, — איז אויסער יעדער חשד, אַז ער האָט קיין שום שייכות ניט צו די מעשׂים פון זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער און פון זיין דערוויילע־בעדיקן זון, אַז ער איז אַן ערלעכער און איבערגעגעבענער קאַטאָליק און פּאַטריאָט.

דער טויט־אורטייל איז שוין געווען פּובליקירט, און ווייל דער פאַר־משפּטער האָט געהאַלטן אין איין זידלען און שעלטן די רעליגיע און אירע פרומע דינער, — די גלחים מיט די מאָנאַכן, — האָט דער טריבונאַל באַשטימט מען זאָל אים פאַרברענען לעבעדיקערהייד.

נד

ווי א לעצטער דינער פון א חרוב געווארענעם טעמפל, האט אמאריליס איצט געקוקט און באטראכט די שטאט סאראגאסא. אלץ האט איר אויסגעזען אזוי נאריש און ניט נויטיק. איר הארץ איז געווען איבערפילט מיט ליבע און רחמנות געפילן, און דא פארנעמען זיך מענטשן מיט אזעלכע נארישע און קליינלעכע זאכן . . . מער ווי אלץ האט זי זיך געוואונדערט אויף איר אייגענער רעליגיע, וועלכע האט געפריידיקט כלומרשט ליבע און געזייט האט זי בלויז האס, גערעדט וועגן רחמנות און פארפייניקט אומשולדיקע מענטשן צום טויט . . .

זי האט פארלאזן די שטאטישע גאסן און איז אוועק אויף א דערבייאיקן בארג און האט זיך דארט צוגעהערט צום געזאנג פון דער נאטור און צו די טרויעריקע מעלאדיעס פון די שעפסן־פאסטוכער — צו זייער שפילן אויפן הארן, וואס איז געווען אזוי טרויעריק און רירנדיק . . .

אין זונטיקס און אין יום־טובדיקע טעג איז די שטאט געווען אינגאנצן אומדערטרעגלעך. די הייזער זיינען געווען שמאלע, די צימערן קליינע, די סופיטן נידעריקע און אלע פרויען פלעגן זיך אוועקלאזן אין די גאסן און טאנצן דארט אונטער דער מוזיק פון א הארן, א גיטארע אדער א טאמבורין. די גאסן זיינען דאן געווען פול מיט טומל און די פריילעכע חברה־לייט פלעגן אנפילן די לופט מיט אומדערטרעגלעכן גערודער.

זי פלעגט זיצן איינע אליין ביי זיך אין צימער מיט א שוידערלעכער פוסטקייט אין הארצן, מורא האבנדיק ארויסצוגיין אין גאס און צוקוקן די זינלאזע וואקכאנאליע. שפעט אין די נעכט פלעגן זיך לאזן הערן פריילעכע טענער פון ארקעסטערס, וואס האבן געשפילט פארשיידענע טענץ און עס האבן זיך אויך געלאזט הערן טרויעריקע טענער פון פלייטן, וואס האבן געוועקט טרוימען און האפנונגען . . . טויזנטער פיס האבן זיך באוועגט איבער די ברוקירטע גאסן. די מיידלעך זיינען געווען געפארבט און געפודערט, און האבן געטראגן הויכע זוילן אונטער זייערע שיך, כדי די פיגורן זאלן אויסזען העכער, בויגיקער און גראציעזער. דאס איז תמיד געווען די געשעעניש פון וואך, און קליין און גרויס, יונג און אלט, האבן זיך באטייליקט אין דער גאסן־שמחה. דאס איז שוין געווען א מנהג אזא. אין אזעלכע מאמענטן פלעגט אמאריליס זיצן און טראכטן וועגן איר אייגענעם גורל: — עס איז דאך אומ־מעגלעך, אז זי זאל אומקומען ווי א קראליק, ווי א מויז, אדער ווי א הירש אויף א קעניגלעכער יאגד! עפעס דארף פאסירן, עפעס מוז פאסירן אזוינס, וואס זאל זי ארויסראטעווען פון דער שלעכטער סיטואציע . . .

און זי האָט געבעטן גאָט און האָט געוואַרט.

איינמאָל, ווען זי איז צוריקגעקומען פון קאַטעדראַלע, וווּהין זי פלעגט אָפט גיין מיט אירע תפילות, האָט זי געטראָפן סאַלענטן.

זי האָט פּלוצלונג פאַרלאָרן איר גאַנצן שטאָלץ און האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, ווען ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג צו בענטשן זי.

ער האָט אַ פרעג געטאָן צי זי ווייס עפּעס וועגן דאָן־איניגאָס גורל.

ניט זייענדיק בכוח צו באַהאַלטן ווייטער אירע איבערלעבונגען, האָט זי דערציילט סאַלענטן די גאַנצע געשיכטע פון ראַמאָנס ליידן, פון זיין באַגעגעניש מיט דאָן־כעזוס מאָנטאַלבאַן, פון דער פאַרזאַמלונג ביי אים אין שטוב, אין סעווילִיע; פון דעם אַרעסט און אַזוי ווייטער ביז זייער וועלן אַנטלויפן קיין פראַנקרייך און זייער אַרעסט.

זי האָט אים אָנגעבאָפּט פאַר די אַרבל פון זיין מאָנאַכישן מאַנטל און האָט אים געבעטן אין נאָמען פון זייער פריינדשאַפט, אין נאָמען פון זיין אַלטער ליבע צו איר, ער זאָל זיך באַמיען אַרויסצוראַטעווען איר געליבטן פון אַזאַ שרעקלעכן טויט.

— באַרויִק זיך, מיין באַליבטע שוועסטער, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ווייכן טאָן און האָט זי אָפּגעפירט אַן אַ זייט פון גרויסן וועג אין וועלדל אַריין, ווייל ער האָט ניט געוואָלט, נאַטירלעך, אַז מען זאָל אים זען אין געזעלשאַפט פון אַ פרוי.

ווי אַ שעפּס איז זי אים נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען אַרוים אויף אַ גרינער, סאַמעט־ווייכער לאָנקע און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן פרישן גראָז.

אַ באַצווונגענער פון איר נאָענטקייט האָט ער גענומען איר האַנט מיט טיפער אכטונג און מיט אַ געפיל פון רחמנות.

זי האָט זיך באַמיט צו באַפרייען פאַמעלעך איר האַנט פון זיינע פינגער און האָט אים נאָכגעקוקט מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן. איר זיינען גוט באַקאַנט געווען די מאַניערן און די דרכים פון מענער, ווען זיי זיינען געקומען אין באַרירונג מיט איר: — אַ דערצויגענע אונטער דער אויפזיכט פון אַ קאַרמעליטן־שוועסטער און אַן אויסגעהאַדעוועטע פון דעם באַבאַדילער קרעטשמער, וועלכער האָט געהאַט אין זינען צו באַזיצן זי, ווען זי וועט עלטער ווערן, — האָט זי שוין געהאַט גענוג דערפאַרונג אין די זאַכן.

אַ דערשלאָגענע פון די שוידערלעכע איבערלעבונגען, האָט איר ניט געאַרט צו פירן אונטערהאַנדלונגען אפילו מיט סאַלענטן — סוף־כל־סוף איז

ער געווען דער איינציקער וואס האט געהאט פארבינדונגען מיט די געהיימנישן פון דער אינקוויזיציע.

ער האט ניט ארויסגעלאזט איר האנט פון זיינע קלעפיקע פינגער און, לויט דעם, ווי ער האט געדריקט איר האנט, האט זי פארשטאנען, אז ער וועט אינגיכן פארלאנגען פון איר מער ווי די האנט . . .

נאכדעם ווי זי האט אויסגעהערט פון אים א לאנגע דרשה וועגן דער נישטיקייט פון ערדישן לעבן, האט זי אים דערקלערט, אז זי איז שוין ניט מער פאראינטערעסירט אין עולם הזה זאכן און ווי נאר די אויטא־דא־פע וועט אדורכגיין, וועט זי אוועק אין א מאנאסטיר און וועט דארט פארענדיקן אירע טעג אין תשובה און אין תפילה פאר אירע זינד און פאר די זינד פון איר געליבטן.

— איך וועל טאן אלץ, וואס עס איז אין מיינע כוחות צו ברענגען דיין געליבטן אין שוים פון דער הייליקער קאטוילישער קירכע איידער ער וועט שטארבן, — האט סאלענט פייערלעך געזאגט, — מייןווארט האט א ווירקונג אויפן גרויסאינקוויזיטאר, וועלכער איז, ווי איך האב דיר שוין געזאגט, א נאענטער פריינד פון פארוואלטער פון מיין מאנאסטיר. דער פארוואלטער פארטרויט זיך מיר זייער אפט, פרעגט מיינע מיינונגען וועגן געוויסע זאכן און אפט פרעגט ער מיך אפילו עצות . . . דו דארפסט וויסן, אמארילים, אז זינט איך האב פארלאזן דאס הולטאיסקע לעבן, פארנעם איך זיך בלויז מיט מע־דיצינישע און טעאלאגישע לימודים. גאט האט מיך געבענטשט מיט שכל און מיט אינטעליגענץ; איך האב אליין ניט חושד געווען, אז איך באזיץ די דאזיקע מעלות.

— איך האב תמיד געפילט, אז איר באזיצט א גרויסע אינערלעכע קראפט, — האט אמארילים געזאגט.

— יא, איך געדענק גאנץ גוט, ווי דו האסט צוריקגעוויזן און אפילו אפגעשטויסן מיין אינערלעכע קראפט, — האט ער געזאגט מיט איבערטרי־בענער פרומקייט.

— דיין קראפט און מיין קראפט, — ביידע זיינען זיי געווען שלעכט אנגעווענדט, — האט זי באמערקט.

— דאס איז טאקע אמת, — האט ער מיט א זיפץ מסכים געווען, — מיר האבן זיך ביידע געבאדן אין זינד . . .

— האט מיך גאט געלאזט לעבן און מאטערן זיך, כדי איך זאל קאנען מיינע זינד אויסקויפן, — האט אמארילים געזאגט און האט א קוק געטאן אויף אים מיט א וויכן און צוזאגנדיקן בליק.

— אמן ! — האט סאַלענט פאַרענדיקט, — און אזוי דאַרף איך אויך טאָן מיט מיינע זינד . . . און שטאַרבן דאַרף איך אין פרידן . . . און שטעלן זאָל איך זיך פאַרן כסא־הכבוד מיט א ריינער און ליכטיקער נשמה . . .

זי האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף אים מיט באַזונדערער אויפמערק־זאַמקייט. דער געדאַנק, אַז ער, סאַלענט, איז דער איינציקער שולדיקער אין דעם, וואָס מען האָט זי געכאַפּט און צעבראָכן זייער לעבן, — האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ שטורעם אין האַרצן און דאָס בלוט האָט געזעצט אין קאָפּ.

זי האָט אינסטינקטיוו אַ צי געטאָן די האַנט צום קינזשאַל — אַריינ־שטעכן דעם קינזשאַל דעם פאַררעטער אין האַרצן איז געווען בלויז אַ פראַגע פון איין מאָמענט. אָבער . . .

דער וועג איז געווען לײדיקלעך, בלויז סטאַדעס שעפּסן האָבן זיך צוריקגעקערט פון די פעלדער און פון צייט צו צייט איז אַ אַרבעטער אַהיים געגאַנגען פון זיין אַרבעט.

זי האָט אינדערשטיל געמורמלט און איז כמעט געפאַלן אין חלשות.
— שוועסטער ! — האָט ער זי אונטערגעכאַפּט, אַראָפּגליטשנדיק זיך פון דעם בוים־שטאַם אויף וועלכן זי איז געזעסן. ער האָט זי אַרומגענומען און האָט זי אַוועקגעלייגט אויפן גראָז.

זי איז געלעגן מאַכטלאָז אין זיינע אָרעמס. אירע נאַקעטע פיס האָט ער אַוועקגעלייגט אויף זיינע קני . . . סוף־כל־סוף איז זי דאָך געקומען צו אים מיט הכנעה און מיט ליבע ! . .

ער האָט איר פּנים דערנעענטערט צו זיינעם און די הענט זיינע האָבן געבלאָנדזשעט איבער איר קערפּער.

זי האָט אויפגעעפנט די אויגן, אָבער אירע באַקן זיינען געבליבן ליגן אויף זיינע און איר גאַנצער קערפּער איז געווען צוגעדריקט צו זיינעם . . .

— איך וועל אייביק גאָט בעטן פאַר דיר און וועל קושן דיינע טריט, אויב דו וועסט מיר געבן אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיין נשמה, ווייל דער קערפּער זיינער איז שוין פאַרפאַלן, — האָט אַמאַרילים געבעטן סאַלענטן.
— איך וויל שיקן צו אים אַ הערעמיט פון לאַ קאַרטובאַ מאַנאַסטיר, אַ באַקאַנ־טער מיינער, ער זאָל זאָגן מיט אים וידוי. ראַמאָן האָט מיך ליב און אַז ער וועט זיך דערוויסן, אַז איך רעזיגניר פון דער וועלט מיט אירע צווייפלהאַפטע גליקן און גיב זיך אָפּ אין רשות פון דער הייליקער קירכע, וועט ער זיכער נאָכגעבן מיין פאַרלאַנג און וועט זיך מתודה זיין. דענקסטו ניט אַזוי, ברודער איגנאַציאַ ?

— גאט אליין רעדט ארויס פון דיין כשרן מויל, — האט ער געזאגט צוטרוילעך.

די זון איז שוין געווען נידעריק; דער האריזאנט האט זיך געבאדן אין פורפור, גאלד און גרין; שטרענגע קאקטוסן זיינען געשטאנען פון ביידע זייטן וועג און די לופט איז געווען אנגעזאפט מיט בלוט פון מענטשן און פון יאר־הונדערטער . . .

אמארילים האט אנגעשפארט איר קאפ אויף סאלענטס אקסל און האט געזאגט :

— אויב דו קאנסט עס טאן פאר אים — באלאנג איך צו דיר !

— יא, — האט ער געזאגט, — איך קאן און איך וועל עס טאן, ווייל... איך האב דיך באמת ליב. דו ביסט ניט קיין פרוי, דו ביסט א מלאך. פון אלע אנדערע פרויען שמעקט א שלעכטער ריח אין די פרימארגנס און זייער גאנצע שיינקייט איז א פאלשע און געמאכטע. ערשט מיט א יאר צוריק האב איך געקאנט א פרוי אין טאלעדא, האט זי געשווארן, אז זי האט מיך ליב און אין א חודש ארום האב איך זי געטראפן מיט אן אייזל־טרייבער . . . איצט איז זי א פארלוירענע, ווייל פאר אזעלכע זאכן, שוועסטער, קומט גיהנום . . .

— ווי אזוי טראכסטו מיר צו העלפן, ברודער ? — האט זי שטיל א פרעג געטאן.

— איינער פון די סעקרעטארן ביי חעם הייליקן טריבונאל איז קראנק. זיינע שעהן זיינען געציילטע און איך דערווארט יעדע מינוט אז דער גרויס־אינקוויזיטאר, אדער דער מאנאסטיר פארוואלטער זאלן מיך רופן און היכן איבערנעמען דעם אמט. דאן, שוועסטער, וועל איך קאנען ראטעווען די נשמה פון דיין געליבטן.

זי האט גענומען זיין האנט אין אירער און האט אים דערלויבט א קוש טאן אירע לאקן. ער האט זיך צוגעדריקט צו איר מיט ליידנשאפט פון א מענטשן, וואס האט דאס גאנצע לעבן זיך גענערט מיט דמיונות . . .

ווען ער האט זי געקושט איז זי געווען שטיל. דאס קושן האט געדויערט בלויז א מאמענט — פאר אים אן אייביקייט מיט צוזאגנדיקן גליק, פאר איר — א רגע פון שווידערלעכן עקל . . .

און דאן האבן זיי זיך צעשיידט.

נה

אין א פּאָר טעג אַרום האָט אַמאַריליס באַקומען פון סאַלענטן א ידיעה, אַז ער האָט ניט געקאָנט דערפילן איר בקשה צו פאַרגרינגערן ראַמאָנס טויט און אַז ער זאָל אַריבערגיין אין דער אמתער וועלט, ווי אַן אמתער קריסט . . .

זי האָט אים געענטפערט אַז זי גייט גלייך אין מאָנאַסטיר לאַ קאַרטובאַ און זי האָפט, אַז נאָך אין דער קומענדיקער נאַכט וועט געשען א נס און ראַמאָן וועט זיך מתודה זיין ווי א קריסט . . .

זי האָט זיך טאַקע גלייך געלאָזן אין וועג אַריין, און כאָטש זי האָט אויסגעזען פאַראומערט, זיינען דאָך אירע טריט געווען זיכערע און מונטערע.

זי האָט מיט א נאַכט פריער געזען זייער א שיינעם און גוטן חלום. זי האָט געזען זיך אַליין אויפן מאַרק־פּלאַץ — צווישן טויזנטער מענער און פרויען, וואָס זיינען געקומען בייצוווינען די פייערלעכע צערעמאָניע, דעם זיג פון דער קאַטוילישער אמונה און קירכע. ראַמאָן, האָט זי געזען אין חלום, איז געווען צוגעבונדן צום סלופּ איבערן שייטערהויפן. ווען די פלאַמען האָבן אַרומגעכאַפּט זיין קערפּער און ער האָט א ווילדן געשריי געטאָן, האָט זיך פלוצלונג א גרויסער וואָלקן דורכגעטראָגן איבערן מאַרק־פּלאַץ.

— א רעגן ! א רעגן ! — האָבן זיך דערהערט קולות פון אַלע זייטן.

די פרויען האָבן זיך געלאָזן לויפן צו זייערע היימען און די קאַוואַליע־ראָס פון די דערבייִיקע דערפער און שטעטלעך האָבן זיך אָנגעהויבן לעבן זיי־ערע פערד.

דער וואָלקן איז אָבער באַלד פאַרשוווּנדן און א גרויסער פלאַם האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן מאַרק־פּלאַץ מיט אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען און אין א רגע איז אַרום איז אַלץ פאַרשווּנדן פון דער ערד צוזאַמען מיטן שייטערהויפן, איבער וועלכן עס איז געשטאַנען צוגעבונדן איר געליבטער ראַמאָן.

דעם דאָזיקן חלום האָט זי געקאָנט אויסטייטשן בלויז אין איין זין און בלויז אין א גינסטיקן פאַר איר און פאַר ראַמאָנען און דאָס האָט אָנגעפילט איר האַרץ מיט פרייד.

שפּעט ביינאַכט האָט א הערעמיט מיט א גרויסער, שוואַרצער באָרד, וואָס האָט באַדעקט זיין גאַנצן פּנים, אָנגעקלאַפּט אין טויער פון דער אינקווי־זיציע־טורמע.

מען האָט אים אַריינגעלאָזן אין א שוואַך־באַלויכטענעם קאָרידאָר און דער ערשטער וואָס האָט אים באַגעגנט איז געווען — ברודער סאַלענט.

דער הערעמיט איז געווען אַזוי אָפּגעריסן, שמוציק און פון אים האָט געטראָגן אַזאַ שלעכטער ריח, אַז סאַלענט האָט זיך אָפּגערוקט אַן א זייט און האָט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

ווי אַלע מענטשן, וואָס לעבן אין נאָענטער באַרירונג מיט גאָט, האָט זיך דער הערעמיט ניט געקימערט וועגן זיין אויסזען אויף דער נאַרישער, ערדישער וועלט.

סאַלענט האָט שטילערהייד באַגריסט דעם הייליקן גאַסט און האָט אים געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט.

דער הערעמיט האָט אים דערקלערט, אַז ער איז געשיקט פון מאַנאַסטיר צו באַאיינפלוסן איינעם, א פּאַרמשפּטן מאַראַן מיטן נאָמען ראַמאָן, אַז ער זאָל זיך אומקערן צו דער קאַטוילישער אמונה און אָפּראַטעווען זיין נשמה פון גיהנום.

סאַלענט האָט אים אויסגעהערט אויפמערקזאַם, אָבער מיט חשד, און האָט אים אוועקגעפירט צום קעלער. דער הערעמיט האָט די גאַנצע צייט מיט גרויס פליים געזאָגט תהילים און האָט זיך נאָך יעדער פסוק שטאַרק געצלמט.

— לאָז מיך דאָ איבער, — האָט ער געזאָגט צו סאַלענטן, ווען זיי זיינען אַריין אין קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט צו די צעלן.

סאַלענט האָט אים איבערגעגעבן צום קאָרידאָר־וועכטער און האָט אים געהייסן טאָן, וואָס דער הערעמיט וועט פאַרלאַנגען.

דער וועכטער האָט אוועקגעפירט דעם הערעמיט ווייטער און האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער טיר פון דער ווייטסטער צעל.

דער וועכטער האָט געעפנט די טיר.

— אַרעסטירטער ! — האָט דער וועכטער געזאָגט הויך און קלאָר, — א הייליקער הערעמיט איז געקומען זען דיך און ראַטעווען דיין נשמה. זיי גרייט ! . .

ס'איז שטיל געווען אַרום. קיין שאָרך האָט זיך ניט געהערט אין דעם פינצטערן קאָרידאָר און מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט א שוואַכע שטים :

— גייט אַוועק פון דאַנען, ממזרים, אומגעזעצלעכע קינדער פון שמו־ציקע פּראָסטיטוטקעס ! . .

— גאָט זאָל אים מוחל זיין, ער איז געריכט פונם זינען, — האָט דער הערעמיט געזאָגט.

טאָג און נאַכט פילט ער אַז די לופט מיט מיאוסע רייד, מיט קללות און גאָטלעסטערונג ! — האָט דער וועכטער דערקלערט.

— ער איז ניט געווען ביים קלאָרן זינען אפילו ווען ער איז געווען אויף דער פריי, — האָט זיך סאַלענט אריינגעמישט און האָט זיך געלאָזט גיין צוריק.

ראַטעווע אים זיין נשמה, ברודער ! — האָט זיך דער הערעמיט אָפּגערופן מיט א שניידנדיקער שטימע, אבער סאַלענט איז שוין פאַרשוווּנדן.

— מיין נשמה איז א געראַטעוועטע און איר זייט פאַרשאָלטענע און פאַרפלוכטע ! — האָט זיך ווידער געלאָזט הערן א שטים פון צעל ארוים, — גייט אוועק פון דאַנען, איר הינטישע זין, איר בייזע מערדער פון דאָס־כאַזע און פון דאָס כעזוס ! . .

— לעסטער ניט ! — האָט זיך דער וועכטער אָפּגערופן, הגם ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט אַז אנדער כעזוס, ניט כעזוס קריסטוס, — פאַר־שעלט די יידן און אנערקען די איינציקייט און הייליקייט פון אונדזער מאַדאָנע און איר זון . . .

— לאָז מיך מיט אים אליין, — האָט דער הערעמיט געזאָגט, — אין נאָמען פון אונדזער הייליקער מוטער, לאָז מיך מיט אים ריידן פון האַרץ צו האַרץ . . .

— ער איז ניט ביים זינען, איך האָב מורא פאַר דיין לעבן, — האָט דער וועכטער געזאָגט מיט א פרומער הכנעה.

— מיין לעבן איז אין די הענט פון גאָט אונדזער פאָטער, — האָט דער הערעמיט געענטפערט, — זאָרג זיך ניט וועגן דעם, מיין זון. לאָז מיך איבער אליין מיט דעם זינדיקן און וואַרט אין קאָרידאָר, טאָמער וועל איך דאַרפן דיין הילף . . .

און ער איז אריין אין דער פינצטערער צעל.

— ברודער ראַמאָן ! — האָט דער הערעמיט געזאָגט הויך און שאַרף.
— ברודער ראַמאָן, דו הערסט מיך ? דו הערסט, וואָס איך רייד צו דיר ? אום גאָטעס ווילן, פאַר דיין אייגענער נשמהס וועגן, הער צו מיינע רייד !

פון דער פינצטערניש איז קיין ענטפער ניט געקומען.

— פאַר דיין אייגענער חוּזקייט וועגן. ליבער ברודער, — האָט דער הערעמיט פאַרטגעזעצט זיינע רייד, ניט געקוקט אויף דער שרעקנדיקער שטיל־קייט און פינצטערניש, — פאַר דיין אייגענער טובה וועגן דערנעענטער זיך צו מיר און לאָמיר זיך ביידע אין עקסטאַז באַהעפטן מיט גאָט ! . .

ער האָט געמאַכט אַ טראָט אין דער פינצטערניש אַריין און איז געבליבן שטיין. דאַן האָט ער געמאַכט אַ צווייטן טראָט און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מענטשלעכן קערפּער. ער האָט דערהערט אַ שטיל געוויין און אַ פאַרשטיקטן געמורמל:

— לאָז מיך אָפּ, — האָט אַ שטילע שטים געמורמלט, — לאָז מיך אָפּ, איך דאַרף ניט קיין רחמנות און איך וויל ניט קיין טרייסט. איך האָב געפונען רו ביי מיין אייגענעם גאָט . . .

— אָ, מיין ברודער, מיין ליבער און איינציקער ברודער, וואָס האָבן זיי געטאָן מיט דיר ? — האָט דער הערעמיט גערעדט מיט אַ ווייכער שטים און האָט זיך איבערגעבויגן איבער דעם אויסגעצויגענעם קערפּער, — זיי רויִק און שטיל, איך האָב דיר געבראַכט אַ ידיעה פון אַמאַרילִיסן . . .

דער הילפלאָזער קערפּער האָט זיך געגעבן אַ גלייך אויס מיט דער לעצטער אָנשטרענגונג פון פאַרבליבענער ענערגיע.

— ווּ איז זי ? — האָט ער געפרעגט, — ווּ, און ווען האָסטו זי געזען ? וואָס מאַכט זי און וואָס טוט זי ? זי געדענקט מיך נאָך ? האָט זי מיך נאָך אַלץ ליב ?

— זיי רויִק און שטיל, וועל איך זיך זעצן לעבן דיר און מיר וועלן קאָנען ריידן שטיל און רויִק, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ הייליקן פּלאַץ, — וועגן גאָט, וועגן טויט, וועגן נשמה און וועגן אַמאַרילִיס . . . יאָ, וועגן אַמאַרילִיס, איך וועל דיר דערציילן אַלץ, וואָס איך ווייס וועגן אַמאַרילִיסן. אָבער ווּ ביסטו ? . . .

— אָט איז מיין האַנט ! — האָט ער געזאָגט און זייערע הענט האָבן זיך באַגעגנט מיט אינטויִטיווער פאַרשטענדעניש און געפיל פון ליבע . . .

— אָ, אַמאַרילִיס, דאָס ביסטו ? דו, מיין איינציקע טרייסט, מיין לעבן און מיין נשמה, דאָס ליכט פון מיינע אויגן !

— רייד ניט מער קיין וואָרט ! — האָט דער הערעמיט געזאָגט, — די טיר פון פּייניקונגס־קאַמער איז צו נאָענט . . . קיין וואָרט ניט מער, איך בעט דיך. מאַך זיך גרייט צו פאַרלאָזן דעם פינצטערן קעלער און פאָלג מיר נאָך צו דעם פּלאַץ ווּ עס וואַרט אַן אייזל, וואָס איך האָב צוגעגרייט פאַר אונדז.

— אַמאַרילִיס ! . .

— ראַמאָן, מיין ליבער !

— אַמאַרילִיס, ליבסטע, מלאך מיינער ! . .

— אַ, ווי איך האָב געחלומט וועגן דיר, ראַמאָן, ליבער. פּייערן און וואַלקנס און וועלט זיינען פאַרשוואונדן און דו ביסט געבליבן, מיט מיר געבליבן ! . .

— אַמאַרילים ! ליבסטע מיינע ! . .

ווי אַ בליץ האָט זיך דורך זיין קאָפּ דורכגעטראָגן אַ געדאַנק : וויפל מי, אַרבעט, איבערגעגעבענע ליבע און מסירת־נפש זי האָט פאַרברויכט ביז זי האָט באַוויזן צו קומען אַהער ! . .

— אַ, געבענטשט זאָלסטו זיין, מיין ליכטיקער טרוים ! . .

— קיין איינציק וואָרט ניט מער, דו הערסט ? אָדער מיין גאַנצע אַרבעט איז אַרויסגעוואָרפן . . .

ראַמאָן האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אַמאַרילימעס אַקסל און מיט די פינגער האָט ער אַנגערירט די שטעכעדיקע באָרד . . . ער האָט זיך געמאַטערט אויפצוהויבן, אַנהאַלטנדיק זיך אַז וואַנט. די פינצטערניש איז געווען ניט ווייניקער שרעקלעך ווי זיין פאַרצווייפלונג איז געווען . . .

— האָב קיין מורא ניט, שרעק זיך ניט, — האָט זי געזאָגט, — זיי גרייט און גיי נאָך מיר.

זיינע הענט זיינען איצט געלעגן אויף איר אַקסל. אויף אַ רגע זיינען זיינע ליפּן צוגעפאַלן צו אירע . . .

— מוט ! — האָט זי אים געמונטערט, — איך גיי אַריינרופן דעם וועכטער און זאָגן אים, אַז דו ביסט גרייט צו מתודה זיין זיך אַלס אַ קריסט. כדי דו זאָלסט אַלס כשרער קריסט קאָנען אויפטרעטן פאַר אונדזער גאָט. און . . . און . . . טאָמער וועט אויסקומען צו מאַכן אַ סוף מיטן וועכטער, וועלן מיר אים שטעכן. ביסטו גרייט דערויף ?

— יאָ ! — האָט ער געענטפערט.

— איצט זעץ זיך דאָ אויף דעם שטיין און מאַך זיך ווי דו שלאָפסט איין. ווען דער וועכטער וועט אַריינקומען און איך וועל מיט אים ריידן אַ ווייילע, מאַך אַזוי אַז די ביבל זאָל דיר אַרויספאַלן פון דער האַנט. דער וועכטער וועט זיך זיכער אומקוקן צו זען וואָס עס האָט פּאַסירט, דאַן . . . וועל איך אים שטעכן . . . איך האָב אָבער מורא, אַז דו ביסט צו שוואַך צו קעמפן מיט אים, אַפילו מיט מיין הילף . . .

— איך האָב קיין כוח ניט, דאָס איז אמת, — האָט ער געזאָגט און האָט זיך געדרייט אויף דעם שטיין אין ווייטאַקן, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן,

אבער זיין הארץ איז געווען געשטארקט פון דער אנוועזנהייט פון אמארילים און פון די האפנונגען, וואס זי האט אים געבראכט.

— ברודער. עפן די טיר! — האט זי א געשריי געטאן צום וועכטער.

א רגע האבן זיי זיך צוגעהערט צו דער אנגעשטרענגטער שטילקייט, וואס האט געהערשט אין קארידאר. אין הארצן האט איר געקלאפט אזוי שטארק, אז די שפיצן פינגער פון אירע הענט זיינען פארגליווערט געווארן און זי האט זיך קוים געקאנט האלטן אויף די פיס.

די דורכגעטריבנקייט פון סאלענטן, זיין אומצוטרוי צו אלץ און צו אלעמען, זיין שנאה צו יושר און גערעכטיקייט — האבן אנגעפילט איר הארץ מיט שרעק אז אומקלארע שלעכטע דערווארטונגען.

שטיל, אזוי, ווי עס איז נאר מעגלעך געווען, האט זי זיך אומגעקערט מיט איר בערדיקן פנים צו דער טיר און איז געבליבן שטיין אזוי ביז דער וועכטער האט אויפגעשלאסן די טיר און איז אריין.

דער וועכטער האט איינגעבויגן דעם קאפ אונטער דעם הערעמיטס ברכה און האט אנגעצונדן א ליכט, כדי צו געבן א מעגלעכקייט דעם פארמשפטן לייענען די ביבל, וואס דער הערעמיט האט אים איבערגעלאזן אויף צו שטארקן זיין נשמה איידער ער גייט אריבער אין דער בעסערער וועלט . . .

— עס איז א ווייטער וועג! — האט דער הערעמיט־אמארילים געזאגט, — לאמיר העלפן דעם אומגליקלעכן; מיר מוזן אים העלפן, ווייל ער האט זיך מתודה געווען פאר מיר און האט חרטה אויף זיינע רייד און גאטלעסטערונגען.

— לאמיר טאקע אזוי טאן, לאמיר אים העלפן, — האט דער וועכטער געזאגט.

אין דער רגע האט זיך דערהערט עפעס א קלאפ. ווען דער וועכטער האט זיך אומגעקערט אויפצוהויבן די ביבל, וואס איז ארויסגעפאלן פון ראמאנס האנט, האט אמארילים מיט א גוואלדיקער שנעלקייט און געוואגטקייט אריינגעשטאכן איר קינזשאל דעם וועכטער אין נאקן און ער איז געפאלן א טויטער אין ראמאנס צעקאליעטשעטע, אבער נאך גענוג שטארקע ארעמס.

זיי האבן אראפגעצויגן פון דעם טויטן וועכטער די קליידער און צוגענומען פון אים די שליסלען פון טירן און טויערן.

מיט א מוטערלעכער צארטקייט האט זי געהאלפן ראמאנען אנטאן אויף זיך די אראפגענומענע קליידער; דאן איז זי ארויס אין קארידאר און האט זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט.

אלץ ארום איז געווען שטיל און רויק. די פארמשפּטע האבן געשלאפן אין די קעלערן און אין די פינצטערע צעלן, פון וועלכע קיין שום געשריי האט ניט געקאנט דערגרייכן צו דער דרויסנדיקער וועלט.

— קום, ראמאז, שנעל! — האט זי געזאגט.

ער איז אוועק נאך איר אין קארידאר.

— איך קאן ניט גיין גיך, — האט ער געזאגט.

זיינע ליידן זיינען געווען אומבאשרייבלעך. זיין הארץ האט געברענט מיט א גוואלדיקן פארלאנג נאך רו. זיינע פיס האבן זיך קוים געשלעפּט, די וואונדן אויפן לייב האבן זיך צעעפנט און די ווייטאקן זיינען געווען אומדערטרעגלעך.

— מערדער! טייוואלים! — האט זי געמורמלט, — וואס האבן זיי געמאכט פון דיר, מיין געליבטער?

זי האט געקושט זיין פינגערלאזע האנט און האט געאיילט צום ארויסגאנג־טיר. ניט געקוקט אויף זיינע וואונדן, האט זי אים געשלעפּט נאך זיך צום טויער. מיט ציטערדיקע הענט האט זי אריינגעשטעקט דעם שליסל אין טיר־לאך.

אן אנגעלאדענע מיט אומגעדולד, האט זי אן עפן געטאן די טיר מיטן גאנצן כוח אירן און זיי זיינען אריין אין אן אויבערשטן קעלער.

זי האט דערשפּירט איבער איר קאפּ דעם אויסגעשטערנטן הימל, ווי זי וואלט אים געזען אין דער ווירקלעכקייט מיט אירע אייגענע אויגן.

— שנעל, ראמאז, שנעל, מיין טייערער! — האט זי זיך געבעטן.

— איך מאטער מיך מיט מיינע לעצטע כוחות... — האט ער קוים ארויסגערעדט, — איך וועל גיין ביז מיין לעצטן אטעם־צוג, ביז איך וועל פאלן א טויטער...

— מיר זיינען שוין ניט ווייט פון טויער, — האט זי געזאגט און האט אים געשלעפּט נאך זיך, אונטערהאלטנדיק אים, ווי א מוטער האלט אונטער א קינד.

זיי זיינען אריין אין א צווייטן פינצטערן און זייער לאנגן קארידאר, וואס האט זיך פארענדיקט מיט א טיר, מיט אן אייזערנער, שווערער טיר...

— —

די נאווארער בערג זיינען איצט געווען קיל און דופטיק און די וועלדער ארום האבן געשמעקט מיט פארשיכורנדיקע ריחות. אלע וועגן האבן געפירט צו דער פרייער פראנקרייך און צו די צויבערלעכע פעלדער פון פלאנדערס...

דאָרט זיינען הייזער און גערטנער, מאַרק־פּלעצער און פּעלדער, מענטשן און חיות — אַלע זיינען זיי באַגאָסן מיט גאָלדענער ליכט פון דער שיינענדיקער זון און אַלע זינגען זיי צום הימל אַ פרייהייט געזאַנג . . .

דער שווערער ריגל איז אַראָפּגעפאַלן און די שווערע אייזערנע טיר האָט זיך געעפנט, ווי נאָר דער יאַרד־לאַנגער שליסל האָט זיך אַ דריי געטאָן אין שליסל־לאָך פון דער טיר.

עס איז געווען אַ צייכן פון גאָט — זיי זיינען אַריין אין אַ גרויסן צימער, וועלכער איז געווען פאַרפלייצט מיט לבנה־ליכט.

אין גאַנצן מאַנאַסטיר־שלאָס איז געווען שטיל, ווי אין אַ קבר. אַלע טירן און טויערן זיינען איצט געשטאַנען אָפן פאַר זיי.

זיי זיינען צוגעקומען צום לעצטן טויער, הינטער וועלכן עס איז געווען פרייע וועלט און בלויער, אויסגעשטערנטער הימל . . .

— ענדלעך ! — האָט ראַמאָן געזאָגט און האָט איר געהאָלפן אָפּשליסן דעם טויער.

דער טויער האָט זיך אָן עפן געטאָן מיט אַ שווידערלעכן סקריפּ. זי איז דערשטוינט געוואָרן. אַ ציטער איז איר דורך איבערן לייב און זי איז אַריינגעפאַלן אין ראַמאָנס אָרעמס.

— איך פאַל ! — האָט זי קוים אַרויסגערעדט. זי איז שוין ניט געווען בכוח צו אַריבעטראָגן מער די אָנשטרענגונגען.

ווי ער וואָלט וועלן פאַרזוכן די זיסע ביטערקייט פון אַ פאַרבאָטענעם קוש, איז ראַמאָן צוגעפאַלן צו אַמאַרילִיסעס ליפּן.

— ווען דו ביסט אין מיינע אָרעמס, שרעק איך זיך פאַר קיין זאַך ניט! — האָט ראַמאָן מיט ציטער געזאָגט.

זי האָט אַ שטויס געטאָן די טיר און זיי זיינען געווען אין דרויסן.

אַ ווײַלע זיינען זיי געשטאַנען ווי פאַרכישופטע פון דער רחבות און שיינקייט, וואָס די ליכטיק־בלענדנדיקע נאַכט האָט אויסגעשפּרייט איבער דער ערד און . . .

פּלוצלונג האָט אַמאַרילִיס אַ געשריי געטאָן אין שרעק . . .

עס האָבן זיי אַרומגערינגלט צוויי זשאַנדאַרמען מיט אַלעבאַרדעס, עטלעכע דאָמיניקאַנער מאָנאַכן, אָנגעשטעלטע פון דעם הייליקן טריבונאַל, צוויי קאָמיסאַרן און בראש פון דער דאָזיקער חברה איז געווען דער הייליקער ברודער אינגנאַציאָ סאַלענט . . .

. ס ו ף .